STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05644

NYESVIZSHER YIDN

Mosheh Ayzenbud

Permanent preservation of this book was made possible
by Abraham Rachlin
in memory of
Sylvia N. Rachlin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה אייזענבוד

ניעסוויזשער לידער

דערציילונגען



מעלבורן, 1965

בילדער געצייכנט פון ג. שאַיאַק

געדרוקט אין אויסטראַליע אין דער דרוקעריי פון א. און ה. באַכראַך

א״נ

E. H. GIBBS & SONS — PRINTERS — 19 NIAGARA LANE, MELBOURNE.

אַ דאַנק מיין פריינד גרישאַ צירינסקי, אַ געבוירענער אין ניעסוויזש, פאַר דער פינאַנסיעלער הילף צום דערשיינען פון דעם בוך, אין אָנדענק פון זיינע עלטערן — משה און כיענע צירינסקי.



— — — מען דערציילט וועגן פאַרשוואונדענע שטעטלעך; חרוב געוואָרענע היימען; העלדן פון געטאָס, פאַרטיזאַנער אין די וועלדער; באַלעבאַטים, שיינע יידן ווערן באַשריבן, פאַרצייכנט לדורות.

ווער וועט זיך דערמאָנען אין די באָרוועסע יאַטלעך פון די קליינע ווייסרוסיש־פּוילישע שטעטלעך — די קליינע ליטוואַקלעך?

זיי זענען פאַרשוואונדן, און צוזאַמען מיט זיי — דאָס ספּעציפיש־קינדערשע.

אין מיין זכרון וועלן זיי שטענדיק פאַרבלייבן ווי לעבעדיקע, רירעוודיקע, צאַפּלדיקע — י אַ ט ל ע ך.

יאַטלעך

זייער אָפּשטאַם

געהייסן האָט זי די גאַס פון הייליקן מיכאַל. אַזוי שוין יאָרן. דורך דער צייט האָבן מלחמות, רעוואָלוציעס דורכגעקרייצט די וועלט. מלכים זענען אַראָפּ פון איינגעפונדעוועטע טראָנען, דינאַסטיעס זענען זיך צעפאַלן. לענדער זענען פאַרשוואונדן פון דער וועלט־מאַפּע, ווי־עמיצער וואָלט זיי אַראָפּגעשלונגען. דאָס שטעטל האָט געברענט, זיך אָפּגעבויט און ווידער געברענט; מענטשן זענען אַריבערגעשוואומען די ווייטע ימען, אָדער זענען אַוועק פון דער וועלט זאַטע אין יאָרן —אַ נייער דור איז אויסגעוואַקסן, אַ דור מיט אַנדערע פירונגען, אַנ־דערע גענג, אָבער די גאַס פון הייליקן מיכאַל איז געבליבן.

די שטעטלדיקע בלאָטעס זענען טאַקע פאַרשוואונדן, און אָנשטאָט הילצערנע ברעטער, וואָס האָבן געדינט פאַר טראָטואַרן, האָבן זיך באַוויזן שמאָלע, בעטאָנענע שטיינער; די נעכט זענען פול געוווען מיט געשפּענסטער, וואָרים פון איין זייט ליגט דער בית־עולם, און פון דער צווייטער דער מאָנאַסטיר — ערטער סודותפולע, פול מיט שאָטנס, אויף וועלכע ס׳איז געלעגן דער הויך פון לעגענדעס, מעשיות פון זקנים, און יעדעס מאָל איז אין זיי צוגעקומען אַ נייער פּרט, גע־בוירן אין דער פאַנטאַזיע פון אַן אַלטן מאַן, אַ פּרט אַ נאָך מער סודות־פולער, מער אָפּשרעקנדיקער אין וועלכן דער זקן האָט געגלויבט. און געדוכט האָט זיך אים, אַז ער געדענקט עס נאָך פון זיין קינדהייט. די נאַכטיקע שאָטנס זענען פול געוווען מיט קאָנטרעמייסלעך*) וואָס

*) לצים.

פאַרנאַרן מענטשן אין די בלאָטעס אַריין, מאַטערן פערד וועלכע באַלע־גאַלעס געפינען אין דער פרי דורכגעשוויצטע מיט שוימיקע פעלן...

שדים, מתים אין די תכריכים, וואָס דאַווענען נאָך האַלבער נאַכט אין דער קאַלטער שול, און טאָמער גייט עמיצער פאַרביי, דערלאַנגען זיי אים אַ רוף אויף:

— יעמוד ר׳ נחמן ברב...

ערשט אַ ליכטיקער שטראָם האָט אויפגעלייזט די נאַכטיקע פינצטערניש און פאַריאָגט די געשפענסטער, וואָס האָבן זיך ווי שפינוועבס געוועבט אין די ווינקלען פון די הייזלעך אין די שאָטנס פון די פינפער נאָפט־לעמפלעך, מיט די פאַרקאָפּטשעטע גלעזלעך. דאָס ליכט איז געפלאָסן פון עלעקטרישע לעמפלעך, און האָבן ניט איבערגעלאָזט קיין אָרט פאַר שאָטנס...

נאָר זי איינע, די גאַס פון הייליקן מיכאַל, האָט זיך ניט געענ־דערט און אַזוי האָט שוין געהייסן די געגנט אַרום — מיכאַלישאָק.

אַ לאַנגע, שלעכט ברוקירטע גאַס, אָנגעהויבן פון שול־הויף (שולעף) און ארומגעבויט מיט די יאַטקעס, און זיך געענדיקט העט ווייט הינטער דער שטאָט צווישן די פעלדער, פאַרביי די הייזער פון די יידישע פויערים, וואָס האָבן שוין געשטעקט אין די גרינע גערטנער, האַרט ביים זאַמדיקן שליאַך. מען איז אויך געוואוינט אַריינצורע־כענען צו מיכאַלישאָק די פאָר צעדרייטע געסלעך, צעוואָרפענע אָן אַ סדר און פאַרבויט מיט נידעריקע, איינגעהויקערטע הייזלעך מיט שוואַרצע שינדל־דעכער און סתם הייזער צעשטעלט דאָ און דאָרטן אָן הויפן און אָן טויערן, ווי עמיצער וואָלט זיי צופעליק פאַרלוירן און איצט זענען זיי אויסגעשטעלט אויף הפקר. און כאָטש די געסלעך האָבן פאַרמאָגט זייער אייגענעם נאָמען — „טויטע געסלעך" — האָט זיך אָבער קיינער ניט געגעבן די מי צו האַלטן זיך ביי די געאָגראַפישע דעטאַלן, נאָר פּראָסט פשוט אַלץ צוזאַמען גערופן:

— מיכאַלישאָק!

די קינדער, וואָס האָבן געדרוישט אין די געסלעך ווי מחנות בינען, האָבן זיך נישט באַצויגן גלייכגילטיק צו אַ פאַרבלאָנדזשעטן חזיר, וואָס דער „קוואָסניק" אָדער אַן אַנדער גוי פלעגט אַרויסלאָזן, כדי ער זאָל זיך ראַיען אין יידישע מיסטן — און פון די חזירשע קוויטשערייען זענען מאַמעס בלאַס געוואָרן, און טראַגעדיקע האָבן אַוועקגעחלשט, און ווען דער „קוואָסניק" איז געקומען מאָנען יושר פאַר זיין חזיר, האָט מען אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— מיכאַלישקער זשוליקעס!

האָט שוין אפילו דער „קוואָסניק" ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן... און נאָך איין ביז גאַר וויכטיקער פּרט האָט גורם געווען צו דער דאָזיקער ביטול־באַציאונגביים אָפּהיטן די גרענעצן. דאָס איז געווען — די אָרעמקייט.

און אַט...

די יוגנט, אַט די וואָס איז אויסגעוואַקסן פון מיכאַלישקער געסלעך האָט אַ קוק געטאָן אויף דער וועלט מיט אַנדערע אויגן, הגם מיט די זעלביקע הונגעריקע מאָגנס ווי זייערע טאַטעס און זיידעס; אין זייערע אויערן איז דער קלאַנג מיכאַלישאָק אויסגעקומען אַ ביסל שוין צו אַלט, צו אָפּגעשטאַנען, אָפּגעריסן פון דער וועלט.

האָבן זיי גענומען און אַריינגעשטעלט אין זייער לשון אַנשטאָט מיכאַלישאָק — ברוקלין, און אין איין וועגס האָבן זיי שוין באַוויזן דעם באַגריף מיכאַלישקער זשוליקעס צו דערהויבן צו אַ מער בכבודיקן — ברוקלינער יאַטן...

פאַר באַלעבאַטישע יידן, וואָס פאַר זיי איז „מיכאַלישקער זשולי־קעס" געווען פאַרבונדן מיט הפקר, אפיקורסות, מיט מורד במלכות — זענען „ברוקלינער יאַטן" אויסגעקומען אַ ביסל מער חשובער. מחהת ברוקלין האָט פאַר זיי געמיינט — בענקשאַפט נאָך עפּעס ווייטס, זאַטי־קייט, מיט עפּעס וואו מען וואָלט געוואָלט זיין, נאָר מען קען עס ניט דערגרייכן...

„ברוקלינער יאַטן” האָבן אויך אין זין פון קוקן אויף דער וועלט זיך גענומען אויסגלייכן מיט די באַלעבאַטישע קינדער און זיי אפילו איבערגעשטיגן אין פאַנטאַזיע. ניט וואַרטנדיק לאַנג, האָבן זיי געפונען צווישן זיך די פאַרשוינען, אָנגעפּאַסט פאַר די נעמען וואָס האָבן אין זייער צייט פאַרנומען די פעט־געדרוקטע קעפּ אין די בלעטער. אַזוי איז לייבעלע „פּאָניע” אין איין שיינעם פרימאָרגן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נעגוס היילע סעלאַסיע. אַ שטיק מאַרטירער אינעם קריג וואָס עס האָט געפירט אַ פאָלק פון אַ ווייט און אומבאַקאַנט לאַנד... און פון אַפרים „בעבל” מיטן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, איז געוואָרן רידז־שמיגלי — דער פוילישער מאַרשאַל...

וואָרים ברוקלינער יאַטן האָבן אָנגעהויבן צו זען די וועלט מיט אַנדערע אויגן ווי זייערע טאַטעס און זיידעס...

איז מיכאַלישאָק געווען די היים פון די יאַטלעך.

זייער פרילינג...

נאָך איידער די אויסגעקנאָטענע, דורכגעטאָפּטשעטע פרילינג־דיקע בלאָטע, אין וועלכער עס זענען געזונקען די „טויטע געסלעך" און „ארום די שולן" האָט באַוויזן ווי געהעריק אויסצוטריקענען האָבן זיך באַרוועסע יאַטלעך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן פון ענגע שטיבלעך, אָנגעפּיקעוועט מיט נאַקעטע קינדער, מיט נאַסע, האַלב־פאַרפוילטע ווינדלעך און מיט פענצטער־לעכער, וואָס זענען אָנשטאָט מיט גלאָז פאַרשטאָפּט מיט רויטע, פעדערדיקע קישנס, וועלכע האָבן אויף זיך געהאַט געלע פלעקן, סימנים פון די קליינע וועווריקעס אין די וויגן.

האַרט ביי דער וואַנט פון אַלטן בית־המדרש איז שוין געווען אויסגעטריקנט דאָס ליים, און מען האָט געקענט עפענען דעם זומער־סעזאָן פון שפּילן אין קנעפּלעך. פון די בוידעמס אַראָפּ, פון הינטער אויוונס, האָבן די יאַטלעך אַרויסגענומען רייפן, וועלכע מען האָט געטריבן מיט אייזערנע, אויסגעבויגענע דראָטן.

דאָס פאָרן האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ „טור" אַרום די שולן, איבערן צעמענטענעם טראָטואַר, וואָס איז באַלד געוואָרן טרוקן, ווי נאָר דאָס אייז איז אויסגערונען אין דינע, בלאָטיקע ריטשקעלעך.

די ערשטע זענען געפאָרן לייזער מיטשיק און טראַליק ידידיהס. זיי האָבן פאַרמאָגט הילצערנע רייפן אַרויסגענומען פון ווינער־שטולן, וועלכע זיי האָבן ערגעץ „דאָקאַזשעט". אויפן פאַרבויגענעם דראָט איז געזעסן אַ הילצערנע שפּולקע פון פאָדים. אַזאַ רייף אין געפאָרן

ווי אַ קאַטש אויף גומענע רעדער — שטיל, אפילו איבערן שטיינער־נעם ברוק.

נאָך זיי איז געפאָרן אַ גאַנצע חברה „פּראָסטע" רייטער מיט אייזערנע רייפן, וואָס האָבן געטראַסקעט און געקלאַפּט, ווי עס וואָלט זיך באַוועגט אַ מאָטאָריזירטע אַרמיי וואָס גייט איינעמען אַ שטאָט.

אויף אַ ברייטערן אָרט איז מען געפאָרן זאַלבעצווייט און זיך באַלד צעשאָטן אין איין לאַנגער שורה, אַקוראַט ווי געגנדז וועלכע לאָזן זיך ארויס אויף פּאַשע.

פון אַרום די שולן האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט איינגעמען מיכאַלי־שאַק, וואָס האָט ערשט פאַראַיאָרן באַקומען אַ נייעם טראָטואַר, און די האַרבסטיקע, פרילינגדיקע וואַסערלעך האָבן נאָך ניט באַוויזן אונטערצושווענקען און אויסקרימען.

אויפן בריקל, פאַר זיין באַקאַליי־קראָם, איז געשטאַנען ליאָווע „דער פיילישער". זיינע לאַנגע פיס האָבן געשטעקט אין די וואַליקעס און קאַלאָשן. די הענט פאַררוקט אין קורצן, פאַרשמאַלצענעם פעלצל, וואָס האָט געשמעקט מיט נאַפט, שמאַלץ־הערינג און אַנדערע ריחות, אין וועלכע אפילו אַ כעמיקער וואָלט זיך ניט געקענט פאַנאַנדערקלייבן. ריחות, וואָס דאָס שאָפענע פעלצל האָט אין זיך איינגעזאַפּט דורכן ווינטער, און ביי דער ערשטער באַרירונג מיט דער פרילינג־זון גיט ער זיי צוריק אַרויס, ווי דער פאָספאָרירטער ציפערבלאַט פון אַ זייגער.

דאָס איינציקע וואָס ליאָווע „דער פיילישער" קען ניט באַהאַלטן, דאָס איז זיין שאַרפע, אויסגעבויגענע אָדלער־נאָז, וואָס פאַרנעמט דאָס גאַנצע פויגלשע פנים. נאָר על פּי נס איז נאָך פאַרבליבן אַ שטיקל אָרט פאַר די אויגן.

ליאָווע „דער פיילישער" איז געווען אַ שטיק עקזאָטיק פאַר די מיכאַלישקער יאַטלעך. געלעבט האָט ער אין שטעטל שוין אַ יאָר פופצן, אָבער נאָך אַלץ גערעדט זיין שעדלעצער יידיש, ווי צו להכעיס די ניעסוויזשער יידן. מיט די יאַטלעך איז ער געווען אַן אַלטער

באַקאַנטער, יעדן געקאַנטביים נאָמען און זיי גערופן „פּיפּערנאָטערס״.

אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק־צו־נאַכטס, שוין היפּש נאָך ליכט־בענטשן, איז אַזאַ „פּיפּערנאָטער״ אָנגעטאָן אין אַלטע שטיוול אָדער כאַדאַקעס, איינגעוויקלט אין אַ פּאָר צעלעכערטע פּאַטשיילעס, פון וועלכע מען האָט קוים אַרויסגעזען ממזריש־פינקלדיקע אויגן, אַריינגעפאַלן צו ליאָווען דורך דער הינטער־טיר און געלאָזט וויסן:

פּאָר צען גראָשן יאָדער!

אויפהויבנדיק זיך פאַוואָליע פון טיש, איז ליאָווע צו צו דער אָנגעהייצטער רובקע, אַרויסגענומען פון קאַכעלע אַ שקאָרמיץ מיט הייסע, אויסגעטריקנטע, שמעקעדיקע באַניקערן, וואָס זענען געווען צו לושטשען פרייטיק־צו־נאַכטס און דער שבתדיקער כיבוד פאַר אַ שכנה. ווי לאַנג עס האָט געדויערט דאָס דערלאַנגען פון קאַכעלע אַרויס די יאָדער און דאָס אויסזוכן פון די שמאָטקעס דעם ניקלנעם צענער גראָשן, האָט זיך דער „פּיפּערנאָטער״ דערוואוסט צוויי זאַכן.

ערשטנס, אַז ליאָווע איז: — אַ פּיילישע דריפּקע! — אַזוי האָט געזאָגט זיין ווייב; און אַז זי איז: — אַ ליטוואַק חזיר! — אַזוי האָט געזאָגט ליאָווע, און כאָטש ער האָט אין מויל ניט פאַרמאָגט קיין ציין, איז דער „ליטוואַק חזיר״ אַרויסגעקומען אי געשמאַק דייטלעך, אי גענוג ליטוויש...

איז שטייענדיק איצט אויפן בריקל פון זיין געשעפט, האָט ער דורכגעלאָזן די פאַרנדיקע אַרמיי פון זיינע פרייטיק־צו־נאַכטיקע קונים. דער לעצטער איז געפאָרן אַברהמל „קדיש״. ליאָווע האָט אים אָנגעכאַפּט ביים רעקל און אַריינגעשריגן:

— אַ, פּיפּערנאָטער, ס׳איז דיר גאָרניט קאַלט אין די פיס?

נאָר אַברהמל האָט זיך אַרויסגעריסן און נאָכגעלאָפן די יאַטלעך, וואָס זענען שוין געווען באַלד ביי „האַצקעליכעס רוי״...

* * *

ס׳איז געווען פרילינג „אַרום די שולן״. פאַראַן מענטשן וואָס דערקענען דעם פרילינג נאָכן פויגל־געזאַנג. אַנדערע לויט די וואַרעמע זונען־שטראַלן.

פּאָטען זעען דעם פרילינג אין צעעפנטע קנאָספּן, אָדער צעוויגטע פעלד־בלומען, וואָס שפּראָצן אַרויס פון דער אויפגעוועקטער מאַמע־ערד, ווען זיי וואוינען אפילו אויף אַ בוידעם־שטיבל און דורכן פענצטער זעען זיי ניט מער ווי אַ גרינעם, מיט מאָך פאַרוואַקסענעם דאַך.

דעם פרילינג אַרום די שולן און די טויטע געסלעך האָט מען דערקענט לויט דער לופט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון „קאָלסן".

אויף קהלס פּלאַץ איז געווען אויפגעבויט אַ לאַנגע הילצערנע בודע, אָפּגעטיילט אין קליינע חדרימלעך, וואָס האָט געדינט די מתפל־לים פון די שולן, ווי אויך די באַוואוינער פון די טויטע געסלעך ווי אַן אָפּטריט, וואָס איז געווען אַ קהלישער. אָדער ווי מען האָט אים גערופן:

— דער קאָלסן...

ווינטער האָט זיך די השתנה צעגאָסן און איינגעפראָרן ווי אַ טייך. חדר־יונגלעך האָבן זיך אויף אים געגליטשט. צו אַ שטיק האָלץ אונטערגעשלאָגן מיט אַ דראָט און צוגעבונדן צום פוס מיט שטריקלעך, וועלכע מען האָט איינגעדרייט מיט אַ שטעקל זיי זאָלן זיין שטייף־אָנגעצויגן און דעם שטעקל קונציק פאַרטשעפּעט. אויף דעם „טייך" האָבן געמאַכט זייער דעביוט די יאַטלעך, און פון זיי איז שפּעטער אויסגעוואַקסן איינער פון די בעסטע גימנאַזיסטן־האָקיי־שפּילער — נח שקליאַר.

איצט האָבן די זון־שטראַלן דערוואַרעמט די פון פראָסט פאַר־קאָוועטע אָפּפאַלן, וועלכע האָבן זיך דורכן ווינטער אָנגעקליבן. אַ שאַרפער, זויערער, איבלדיקער ריח האָט זיך ווי אַ נעפּל צעשפּרייט איבער די געדרייטע געסלעך, זיך צעלייגט אויף די איינגעהויקערטע שטיבלעך און אויפגעריסן די נאָז־לעכער, וואָס האָבן געבענקט נאָך אַ ביסל פרישע לופט. מען האָט דערקענט —

עס איז פרילינג...

אין אַ זומער־טאָג

דער ברייטער פּלאַץ אַרום די שולן איז באַגאָסן מיט זון. די אָנגעגליטע ערד איז שטויביק. אין די קופּקעלעך מיסט, וואָס ליגן אין אַלע ווינקלען, ראַיען זיך פּעטע, גרין־גאָלדענע, גלאַנציקע פליגן.

דאָס מאַכט אויף די יאַטלעך אַ קנאַפּן איינדרוק. זייערע באָר־וועסע פּיס זענען אויסגעקנאָטן פון דעם זעלבן ליים — האַרט און שוואַרץ. פון דעם פּאַרקאַן, וואָס ציט זיך אַרום הקדש און דעם גאָרטן פון דער שניידערשער שול, האָבן זיי אַרויסגעצויגן אויסגע־דרייטע, האַלב־אָפּגעבראָכענע שטעקנס און גענומען שפּילן אין „טשור". פון ערגעץ אַ מיסט־קאַסטן האָט לייבע „אָקס" געבראַכט צו שלעפּן אַ בלעכענע פּושקע און עס אַוועקגעשטעלט אויף אַ האַלבן ציגל. הינטער דער אָנגעצייכנטער ליניע, וואָס האָט זיך געפּונען אַ צען טריט פון דעם שעכטל, געגעבן אויסגעמאָסטן מיט בערל „רוטשיקס" טראָט, זענען געשטאַנען אַלע יאַטן וואָס זענען פּאַרטרויט מיט די סודות פון דער מיכאַלישקער קאָמאַנדע.

די מעטע, די אָנגעצייכנטע ליניע, וואָס האָט זיך געצויגן פון תלמוד־תורה פּאַרקן ביז מייסל־טאַמאַרעס שטוב — איז שטרענג אָפּ־געהיטן געוואָרן. צו ערשט האָט גענומען זיין שטעקן יאָשקע ידידיהס אויפן פוס און אים געוואָרפן. דאַן ראַכמיעל „קיילער", דאַן רוווע דעם קאָמיניאַרס, פּייווע „יאָש" און נח מאַטלס. דעמס שטעקן וואָס איז געלעגן אָמנאָענטסטן צו דער פּושקע — דער איז געשטאַנען ביים „טשור". די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן. מיט ברען האָבן די יאַטלעך געוואָרפן זייערע שטעקנס, באַמיענדיק זיך אַראָפּצוואַרפן דאָס

שעכטל פון דעם האַלבן ציגל. דער לעצטער האָט געוואָרפן זיין שטעקן בערל „רוטשיק״. ער האָט געהאַט אַ גוטן ציל, און דאָס שעכטל איז אַראָפּגעקלאַפּט. דער שווייס איז געדונען איבער די פאַר־שטויבטע פּנימער און אַראָפּגעטראָפּט אין ברודיקע טראָפּנס. די זלידנע פליגן האָבן זיך געקלעפּט אַרום מויל און זענען געקראָכן אין די אויגן. די שפּילער האָבן פאַרגעסן אָן אַלעמען. ביז לייבע „אקס״ שטעקן האָט געטראָפן אין אַ שויב אַריין.

די שפּיל האָט זיך איבערגעריסן, ווי עמיץ וואָלט זיי ראַפּטום אָפּ־געגאָסן מיט קאַלט וואַסער. אָריענטירנדיק זיך אין דער לאַגע, האָבן זיי ניט געוואָרט אַז אברהם־עלע לעמעש זאָל צו זיי אַרויסלויפן אין טלית־קטן מיט דער יאַרמולקע אויפן שפּיץ קאָפּ, און כאַטש אַ ייד אַ חלוש, וועט ער מאַכן אַזעלכע גוואַלדן, גלייך עס וואָלט געברענט.

מיט אברהם־עלען האָבן די יאַטן אַלטע חשבונות. לאַנגע און פאַרוויקלטע. איין מאָל האָט ער צוגענומען דעם פוטבאָל — אַ באַלעם צונויפגעוויקלט פון צענדליקער מעטער וואָלענע „קרייקע״ — וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין זיין פענצטער, און כאָטש דער באַלעם האָט קיין שאָדן ניט אָנגעמאַכט, איז שווער געווען אים אַרויסקריגן צוריק. אַ צווייט מאָל האָט אַברהם־עלע פאַרכאַפּט אַלע היטלעך וואָס האָבן אָנגעצייכנט די „בראַמקעס״.

די יאַטן האָבן געפירט מיט אברהם־עלען דויערנדיקע און פאַר־ביסענע קאַמפן פאַר האָבן דאָס רעכט צו שפּילן אַרום די שולן. די דאָזיקע קאַמפן האָבן זיי געפירט לויט אַלע כללים פון סטראַטעגיע און מיט דיפּלאָמאַטישע טריקן. נאָך איידער אין וועלט־לעקסיקאָן האָט זיך אויסגעפאָרמירט דער באַגריף נערוון־קריג, האָבן אים שוין ניעסוויזשער יאַטלעך פון לאַנג אָנגעוואָנדן אין זייערע מלחמות אויפן שול־הויף.

שכנים האָבן, צחעענדיק דאָס, געשאָקלט מיט די קעפּ:

— זיי שפּילן אים אויף די נערוון!

— זיי דערגייען אים די יאָרן!

צוליב דעם אַלעם האָבן זיי אין דעם איצטיקן זומערדיק־צעהיצטן טאָג געהאַלטן פאַר גלייכער זיך באַלד אָפּצוטראָגן איידער עמיצער באַוויזט זיך נאָך.

ווען אברהם־עלע איז אַרויסגעלאָפן, איז שוין אויפן פלאַץ קיינער פון די שפּילער ניט געווען, אַ חוץ אַ פּאָר קליינע יאַטלעך, וואָס האָבן געשפּילט אין קנעפּלעך, מעסטנדיק זיי מיטן שפּאַן פון גראָבן פינגער ביזן סאַמע קלענסטן.ביידע פינגער האָבן באַדאַרפט באַרירן די קנעפּלעך, מען זאָל זיי ניט קענען אַרויסבלאָזן.

דעם כעס וואָס האָט אים מיט אימפּעט אין אַזאַ חמימה געיאָגט אין דרויסן, האָט זיך ניט געלאָזט צוימען און האָט שוין אָן זיין ווילן געמוזט אויסברעכן אין אַ הילפסלאָזן געשריי — איבער זיינע כוחות. זיינע געוואַלדן האָבן אַרויסגעבראַכט פאַר די טירן יידענעס וואָס זענען, דוכט זיך, נאָר וואָס געלעגן מיט קאַלטע טיכער ביים קאָפּ און געקרעכצט ווי שווער קראַנקע וואָס קאָנען זיך ניט רירן. נאָר ביישטיין דעם נסיון און דורכצולאָזן אַ געלעגנהייט צו שעלטן, צו אויסגיסן דאָס פאַרביטערטע האַרץ, האָט קיין איינע פון זיי ניט געקענט.

איז אברהם־עלע געשטאַנען אין מיטן פלאַץ, געפּאַכעט מיט די ווייסע אַרבל אין דער שוואַרצער קאַמיזעלקע און אויסגערופן די יאַטלעך מיט אַלע נעמען וואָס נאָר אונטער דער זון. די יידענעס האָבן צוגעהאָלפן:

— געדעכט ר' אברהם־עלע, אויסגעקויקלט זאָלן זיי ווערן!

— ס'וועט פון זיי אויסוואַקסן באַנדיטן, וועט פון זיי!

— יידישע קינדער זאָלן זיך שפּילן ווי שקצים, אַ בראָך צו זיי!

די אַלע רייד, וועלכע די יאַטלעך האָבן שוין געהערט אַ סך מאָל, זענען דאָס מאָל צו זייערע אויערן ניט דערגאַנגען. אומשולדיק, ווי שעפּסעלעך, האָבן זיי זיך שטילערהייט אַריינגעשלייכט דורך דער

אָפּענער טיר פון אַלטן בית־המדרש. די גראָבע געמויערטע ווענט, אונטערגעשפּאַרט מיט נאָך גרעבערע שטיינערנע זיילן, האָבן ניט דורכגעלאָזן קיין קלאַנג און קיין זון־שטראַל. אין בית־המדרש איז געווען האַלב־טונקל און קיל. אין אַ ווינקל איבער אַ ספר האָט גע־דרימלט דער שמש, מענדל דער בעדער. ער האָט ניט געהערט ווי די „פיינע קאָנפּאַניע", ווי ער האָט זיי גערופן, איז אַריין אין שול.

די שטילקייט און די לופט, דורכגעזאַפּט מיטן ריח פון שמות, האָט ווי אָפּגעקילט די יאַטלעך און זיי האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל הינטערן אויוון. אפשר אַ פּאָר מינוט, און אפשר דאָס אויך ניט, האָט געדויערט ביז זיי האָבן זיך אַרומגעזען, אַז עס איז אַ שאָד יעדע רגע וואָס מען זיצט ליידיק.

בערל „רוטשיקס" פּלאַן איז געווען:

— מאַכן אַ פּולעמיאָט!

צוויי מאָל האָט מען קיינעם ניט געדאַרפט איבערחזרן ווי אַזוי דאָס דאַרף געמאַכט ווערן. אַלע האָבן געהאַט גענוג דערפאַרונג, כאָטש אַ געלעגנהייט דאָס צו פּראַקטיצירן האָט זיך זעלטן געמאַכט. וואָרים ווי נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן אין בית־המדרש, זענען שוין געווען אַ צענדליק אויגן זיי נאָכצוקוקן, כאָטש אויסגעזען האָט עס אַז זיי זענען דאָס מאָל גאָר ניט אויסן, אָבער געטרויען קען מען זיי ניט...

פּאַוואָליע, אָן רעש, האָט מען אַרום בימה צונויפגעטראָגן אַלע שטענדערס און זיי אויסגעשטעלט, אָפּגערוקט איינער פון צווייטן פונקט אויף אַזוי פיל, אַז ביי דעם מינדסטן שטויס זאָל יעדער פאַלנדיקער שטענדער אומוואַרפן אַ צווייטן. בערל „רוטשיק" מיט זיין גוט אויג האָט אָפּגעמאָסטן דעם אָפּשטאַנד צווישן די שטענדערס. אַלע יאַטלעך האָבן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך פאַרקליבן אונטער די טישן און געוואַרט. מענדל דער בעדער איז נאָך אַלץ געשלאָפן.

פּלוצלונג האָט עס אָנגעהויבן שיסן:

טאַ... טאַטאַ... טאַטאַ... טאַ...

ניט טויט, ניט לעבעדיק איז מענדל אויפגעשפּרונגען און זיך אַרומגעקוקט וואָס עס איז געשען.

זיין מבֿיניש אויג האָט באַלד אָפּגעשאַצט, אַז די „פּיינע קאָמ־פּאַניע" איז דאָ. האָט ער געכאַפּט דאָס נאַסע האַנטוך, וואָס איז געהאָנגען ביים קופּערנעם האַנט־פאַס, ווייל עס האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעטריקנט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג. מענדל האָט מיטן האַנטוך געיאָגט די יאַטלעך און געשריגן:

— אין אַ מקום־קדוש, שקצים! זשוליקעס! פּגרן זאָלט איר ווי די הינט! אַרויס, באָסיאַקעס!

פלינק ווי יונגע ציגן זענען די יאַטלעך געשפּרונגען איבער די שטענדערס, בענק און טישן. נאָך זיי מענדל, אַ לאַנגער דאַרער ייִד מיט נאָך לענגערע צוויי הענט, וואָס פאָכען מיט אַ נאַס האַנטוך. כאָטש ער האָט זיך ביי יעדן שפּרונג צוגעהאַלטן ביים האַרצן און קוים געכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער פונדעסטוועגן יעדן באַוויזן צו דער־לאַנגען זיין חלק.

ווי לאַנג דאָס געיעג וואָלט אָנגעהאַלטן איז שווער צו וויסן. נאָר אָט איז אָנגעקומען אין בית־המדרש בענטשע דער איינבינדער. זיין ווייסע, געדיכטע באָרד האָט זיך אָנגעכמורעט און מיט די אויגן פון אַ סטראַטעג, האָט ער זיך באַלד אָריענטירט אין דער לאַגע. נאָך איידער מענדל דער בעדער האָט באַוויזן אָפּצומשלען דעם גבאי וואָס עס האָט פּאַסירט, איז פאַר בענטשע דעם איינבינדער אַלץ געווען קלאָר.

די יאַטלעך האָבן באַלד דערשנאָפּט אַז בענטשע איז דאָ. זיי האָבן גענומען אויסמעסטן, ווי לאַנג עס וועט נעמען צו דערלאַנגען אַ שפּרונג פון דעם אָרט וואו ער שטייט ביז צו דער שווערער דעמבענער טיר וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָפן.

זייער מורא פאַר מענטשן האָט זיך גענומען דערפון, וואָס זיי

זענען שוין געווען באַקאַנט מיט זיין געבויגענעם שטעקן, וועלכן ער האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך.

ווי ניט איז, האָבן זיך אַלע אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן. קיינער האָט ניט געמאַכט קיין וועזן פון די ביילן, קראַצן אָדער אַנדערע וואונדן. אַבי מען איז אַרויס גאַנץ. אַז עס וועט זיי ניט אָפּגיין אין גאַנצן גלאַט, האָט יעדערער ביי זיך געפילט.

— נאָר שוין נעמען טרויערן צוליב דעם?...

דער בעסטער אָרט צו אַנטרינען אין אַזאַ שעה פון דער וועלט איז אין די הויכע גראָזן וואָס וואַקסן אַרום קאַמאַצקעס טייכל.

די זון האָט זיך גענומען זעצן און צעוואַקסענע ליפּעס האָבן געוואָרפן מוראַדיקע שאָטנס איבערן פעלד. די יאַטלעך זענען געלעגן צוגעטוליעט צו איינאַנדער און זיך איינגעהערט ווי בערל „רוטשיק" דערציילט אַ מעשה וועגן דער שוואַרצער דאַמע.

בערל האָט געקענט די געשיכטע פון די ארחי־פרחי, יידן אַרעמעלייט, מדינה־גייער, וואָס האָבן גענעכטיקט ביי זיי אין שטיבל. עזריאלס „פּאָלוואַרק" האָבן עס די שכנים גערופן. דאָרטן, ליגנדיק אין דער פינצטער אויפן ערדענעם פּאָל, זענען געפונען געוואָרן אוצרות פון פּיראַטן, ים־רויבער. שלעכטע קיסרים און מכשפות, וואָס האָבן שיינע בת־מלכות פאַרוואַנדלט אין שוואַרצע קראָען. אַלע מאָל אָבער האָבן אין די אָרעמאַנסקע מעשיות געוואונען די אָרעמע און באַ־עוולהטע, וואָס האָבן דערנאָך געלעבט אין עושר און אין כבוד לאַנגע, לאַנגע יאָרן. אַן אויסנאַם איז אָבער געווען די מעשה מיט דער שוואַרצע דאַמע. כאָטש די יאַטלעך זענען ניט געווען פון די שרעקעוודיקע, איז אָבער אין דער פאַרנאַכטיקער שעה אָנגעפאַלן אויף זיי אַ פּחד.

אויב נאָך דעם האָט ווער פון שלאָף געוויינט — וואָס ס'איז ביי אים געווען אַ זעלטנהייט אויף דער וואָך — האָט אין דעם געשטעקט אַ האַנט פון דער שוואַרצער דאַמע...

אברהמל דער טויבנכאַפּער

די ערשטע זון־שטראַלן האָבן צעשטויבט די בלאָסע בלויקייט און אויפגעוועקט די הענער, זיי זאָלן באַגריסן דעם אָנקומענדיקן טאָג — קוקעריקו...

פון נאָטע דעם אָגראָדניקס שטיבל האָבן זיך צוזאַמען מיטן אויפגייענדיקן רויך פון קוימען, געריסן צום פרימאָרגנדיקן הימל איבערגעוועקטע טויבן.

אין אויוון זענען אויף צוויי האַלבע ציגל געשטאַנען צוויי שוואַרצע ריק געשלונגען די סמאָליקע סאָסנע־שייטן. אויף דער קיך־באַנק איז געשטאַנען די באַק־דייזשע מיטן געוווירענעם טייג, גרייט צום קנעטן.

יעדע וואָך, אַז דינטשע פלעגט באַקן ברויט פאַר איר הויזגעזינד, האָט זי באַלד אין דער פרי, צום אָנבייסן, געבאַקן רעטשענע לאַטקעס. אויך איצט איז זי געשטאַנען ביים אויוון, די פייער־רויטע האָר איינגעצויגן מיט אַ טיכל פון אונטער וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט בינטן האָר.

אין אויוון זענען אויף צוויי האַלבע ציגל געשטאַנען צוויי שוואַרצע סקאָוואָראָדעס, וועלכע זי האָט פריער אויסגעריבן מיט אַ האַלבער קאַרטאָפל איינגעטונקט אין בוימל. דינטשעס געניט אויג האָט שפּאַצירט פון איין ציגל צום צווייטן, און אַז די לאַטקעס האָבן זיך נאָר צוגעברוינט, האָט זי די סקאָוואָראָדקעס אַרויסגעכאַפּט מיט דער

לאַנגער ווילקע, איבערגעדרייט די לאַטקעס און ווידער אַריינגעשטעלט זיי אין אויוון.

פון הינטערן אויוון האָט אַרויסגעקוקט דער גאַנצער רעקוויזיט פון אַ באַלעבאָסטע אין אַ ווייסרוסיש שטעטל, אָן וועלכן זי האָט זיך ניט געקענט באַגיין: אַ ווייס־באַמעליקטע לאָפּעטע צו באַקן ברויט און חלה, אַ קאָטשערע צו פאַרשאַרן דעם אויוון און אַ פּאָמעלע — אויסצוקערן דעם אויוון איידער מען זעצט אַריין דאָס ברויט.

אַז די לאַטקעס זענען אַרויסגעקומען ברוינע, פּוכיקע פון אויוון, האָט דינטשע גלייך געלאָזט וויסן ברוך־נאָטען אין אַלקערל:

— מ׳קאָן שוין אַרויסקריכן פון בעט! — האָט זי הויך אויפן קול אַ צופרידענע אַריינגעשריגן.

און איר בן־יחיד אברהמלען, וואָס איז געזעסן אויפן בוידעם צווישן די טויבן, האָט זי גערופן, קלאַפּנדיק מיט דער ווילקע אין באַלקן. אברהמל האָט זיך ניט געאײַלט אַרונטערצוקריכן. ער האָט גוט געוואוסט, אַז נאָכן עסן וועט אים די מאַמע אַריינפּאַקן צוויי שטיקלעך שוואַרץ ברויט אין טאַש און מיטגעבן אַ קופּערנעם פּינפּער־גראָשן, ער זאָל זיך קויפן ביי ליאָווע „דעם פּיילישן" עפּעס צום ברויט. צו די טויבן איז ער שטאַרק צוגעבונדן, כאָטש דער מלמד פון תלמוד־תורה קנייפּט דערפאַר שטיקער פון זיינע באַקן און רופט אים ניט אַנדערש ווי:

— יעפּרוק!... זשלאָב!... טויבנכאַפּער!...

אברהמל נעמט זיך ווייניק וואָס איבער. עס ציט אים סכנות צו זיינע טייבעלעך. זיי קענען דעם גאַנצן טאָג אַרומפליען אונטערן הימל אָדער ביים טייך, נאָר ער מוז זיצן אַ קיילעכדיקן טאָג אין חדר.

דורכן בוידעם־פענצטערל זעט ער ווי אַניוטע דעם קאַלכערס טאָכטער לויפט אַ באָרוועסע איבערן הויף, אַרויסטרייבנדיק די גענדז אויף דער פּאַשע. ווי גערן ער וואָלט אַצינד געלאָפן מיט איר צום

טייכל, ווי ער טוט עס אָפּט פאַרנאַכט. דער טאַטע דערלאַנגט אים דערפאַר די ריכטיקע קלעפּ:

— אַ בריאה פון צוועלף יאָר זאָל אין זינען האָבן נאָר טויבן און שיקסעס. כ׳וועל דיר די ביינער צעברעכן, אויב דו וועסט ניט ווערן קיין לייט...

אברהמל איז קיין לייט ניט געוואָרן.

וואָס מער דער טאַטע האָט געשלאָגן און געמוסרט, און וויפיל דער רבי האָט ניט געקניפּט, איז אברהמל געבליבן ביי ס׳זייניקע.

אַניוטע ווייס אַ סך זאַכן, וואָס ניט דער טאַטע, ניט די מאַמע ווייסן, אפילו ניט די יינגלעך אין חדר. יעדן אָוונט, איידער מען יאָגט אים אַריין שלאָפן, זעט ער ווי אויסגעוואַקסענע יינגלעך און מיידלעך גייען צום „וואַל" שפּאַצירן. זיי שאַרן זיך פאַרזיכטיק פאַרביי זייערע פענצטער, ווי זיי וואָלטן עפּעס געגנבעט. ווען די מאַמע יאָגט אים ניט שלאָפן, וואָלט ער בעסער געלאָפן צו דער ווילנער גאַס. דאָרט איז ליכטיק אין אַלע פענצטער פון די געשעפטן. אַמליבסטן וואָלט ער געבליבן שטיין ביי סעמינורעס אַפּטייק און געקוקט ווי עס צינדן זיך אָן און לעשן זיך אויס די ווייסע, גרינע און רויטע לעמפּעלעך. אָדער נעבן זייגערמאַכערס „וויסטאַווע", וואו אַ גרינער העלפאַנט האַלט אין נאָז אַ גאָלדענעם זייגער און דער ווייזער שאָקלט זיך אַהין און אַהער. אַ האַלבע שטאָט קומט דאָ קוקן ווי שפּעט עס איז.

אָבער ער איז נאָך קליין. כאָטש דער טאַטע זאָגט אים, אַז אין אַ יאָר אַרום ווערט ער שוין אַ „פאָלנער" ייִד, מוז ער דערווייל גיין שלאָפן גלייך נאָך וועטשערע. ער וועט דערציילן אַניוטען. זי וועט געוויס וויסן פאַרוואָס זיי גייען אויפן „וואַל" וואו עס איז פינצטער און קיינער וואוינט דאָרטן ניט.

— תנא־בארע, קריך שוין אַראָפּ! — דערהערט ער דעם טאַטנס הייזעריקע שטים, וואָס קייקלט זיך אַרויס פון זיין האַלדז ביז איבער

די שטאַפּלען פון לייטער אַרויף צו אים אויפן בוידעם. פלינק ווי אַ וועווריק גליטשט זיך אברהמל אַראָפּ אונטן.

אויפן וועג צום חדר כאַפּט זיך אברהמל אַריין צו יאַנקל דעם שמיד אין קוזשניע. ערשט נעכטן האָט ער פון טאַטן געהערט:

— יאַנקל דער שמיד איז אַ צער־בעל־חיימניק. אַ מענטש זאָל ניט עסן קיין פלייש... ווען ער פאַרדינט עפּעס געלט, גיט ער עס אַוועק די וואַגילאַוויטשער גוים. נאָר צוריק אַ גראָשן — דאָס זעט ער שוין ניט. ניט אַנדערש, נאָר ער איז אַ פאַרשטעלטער ל״וווניק.

זעט אברהמל ווי יאַנקל דער שמיד שניידט מיט אַן אויסגע־שטשערבעטע קאָסע אַ שטיק אייזן און פון שמידס האָרן טראָגט זיך אַ בלוי רויכל. אברהמל זוכט אַ סימן וואָס זאָל אָנדייטן אויפן טאַטנס רייד. אַ פויערל ציט דעם בלאָזאַק און אַ דאַר פערדל קייט אַ ביסל היי. און וואו איז דאָ דער ל״וווניק?

איבערן בריקל אַריבער, וואָס ליגט איבער האָצקעליכעס „רוי״, בלייבט אברהמל שטיין ביי מרדכי דוד דעם שוסטערס שטוב. דורכן פענצטער זעט ער הענגען אויף דער וואַנט די אויסגעפּוצטע מעשענע קאָסקע, דעם מונדיר מיט די רויטע קאַנטן און דעם מעדאַל „פאַר פּופּציק יאָר דינסט״. נעבן זיי — דער האָרן. אַז מרדכי־דוד גייט אַרויס אין גאַס און גיט אַ בלאָז: טו... טטו... טטטווו, לויפן באַלד אַ האַלב שטעטל טאַטעס און נאָך זיי באַרוועסע יאַטלעך און באַלעגאָלעס רייטנדיק אויף פערד. ווייבער זוכן די פּיצלעך קינדער ווי אַ הון אירע אויסגעפּיקטע הינדעלעך און ברעכן זיך די הענט:

— סע ברענט! סע ברענט!

אין די טעג ווען עס ברענט ניט און מרדכי־דוד פאַרריכט שיך, איז ער זייער אָנגעלייגט ביי די מאַמעס. האָט זיך אַ קינד פאַרטרו־סיעט אַן אויג, אַ זעמדל איז אים אַריין ביים שפּילן זיך, פירט אים שוין די מאַמע צו מרדכי־דוד דעם שוסטער אויסצולעקן דאָס אויג. מרדכי־דוד לייגט דאַן פאַמעלעך אַוועק דעם שוך אַן אַ זייט, טוט אויס

דעם פּאַרטוך, ווישט אָפּ די הענט אין די הויזן, נעמט אַריין דאָס יאַטל צווישן די קניען און הויבט אָן פּאַוואָליע אויסצולעקן אים דאָס אויג מיט דער צונג. אַז ער שפּייט אויס — איז דאָס יאַטל ווידער פריש און געזונט. אַזאַ כוח האָט מרדכי־דודס צונג.

אַז אברהמל איז אָנגעקומען אין חדר, האָט שוין דער אַלטער ראַזאָווסקי געהאַט אויסגעשטאָפּט אַ טוץ זעקסער גילזן פון די היימיש־געמאַכטע פּאַפּיראָסן, און דערביי געהאַלטן אַן אויג אויף דער ווייסער חברה, וואָס האָט זיך געטאַרעט מיט די באָרוועסע פיס אונטערן טיש און זיך געקניפּט אין די הינטנס.

זיין ווייסע באָרד איז אים יעדעס מאָל אַריינגעקראָכן אין חומש און ער האָט זי יעדעס מאָל אָפּגערוקט. אברהמל האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין האַלב־טונקעלן חדר און זיך אַוועקגעזעצט צווישן די יינגלעך. פון הינטער די גילדזן און דעם חומש האָבן זיך אויפ־געהויבן צוויי לאַנגע, ווייס־באַזילבערטע ברעמען, און דעם רבינס אויגן האָבן זיך אָנגעשפּיזט אויף אים:

— אוי־וואַ, דער טויבנכאַפּער איז דאָ. זאָג נאָר שיינער מענץ, וואָס עפּעס אַזוי פרי?

— רבי, דעם קאַלכערס חזיר איז אים געשטאַנען אין מיטן וועג — זאָגט אונטער פּייווע „יאַש״.

—רבי, די מאַמע האָט אים געשיקט לייען אַ קאַצלקע — העלפּט אים אַרויס רוווע דעם קאָמינאַרס.

— רבי, ער האָט געדאַוונט מיטן ערשטן מנין — פאַרטיידיקט אים פראָים „בעבל״.

— שוויגט ממזרים, ניט איך פרעגט מען! — לאָזט ער יעדן אַריין אַ פליק מיטן קאַנטשיק און צו אברהמלען מאַכט ער:

— דיין טאַטע וועט שוין פון דיר רייסן אַ פּאַס, בייסטרוק! זעץ זאַך אַנידער און זאָג ווי אין חומש שטייט:

— ויתרוצצו, און עס האָבן זיך טאַראַפּעטשעט, הבנים — די יעפּרוקעס, בקרבה — אין איר טרעלבוך...

אברהמלס געדאַנקען זענען איצט געווען ווייט פון חומש. אים האָט אפילו ניט געאַרט וואָס דער טאַטע וועט פון אים רייסן אַ פּאַס. די מעשה מיט די צוויי בנים יעקב און עשו, וואָס האָבן זיך נאָך אין דער מאַמעס בויך ארומגעשלאָגן, איז אים אין קאָפּ ניט געקראָכן. היינט אין דער פרי האָבן זיך אויסגעפּיקט צוויי יונגע טייבעלעך, פּיצינקע, נאַקעטע מיט עטוואָס געלן פּוך אויף די פליגעלעך. געוויס וואַרעמען זיי זיך אַצינד אויף דער זון און דעם קאַלכערס געפלעקטער קאָטער האָט אויף זיי אַן אויג. דאָרט הינטער זייער שטיבל איז אַ גרינע לאָנקע און אַניוטע פּאַשעט די גענדז...

דער אַלטער ראַזאָווסקי דערפילט מיט זיין פּעדאַגאָגישן חוש, אַז אברהמלס קאָפּ איז נישט ביים חומש, און ער פילט אפילו ניט, אַז איבער אַ יאָר ווערט ער בר־מצווה און וועט שוין דאַרפן תפילין לייגן. ער שטייט און באַטראַכט דאָס יונגל ווי אַ פּאַסטוך, וואָס וויל זיין פאַרבלאָנדזשעט שעפעלע צוריקברענגען אין דער סטאַדע. שאַרט ער זיך שטיל צו צו אים אין זיינע ווייכע קאַמאַשן און לאָזט אים אַריין אַ פלעם אין לינקן אויער אַריין מיט אַ בינטל טרוקענע פינגער. פון דעם קלאַפּ הויבט אברהמלס אויער אָן צו פייערן. ווי אויפגע־וועקט פון הינערפלעט ווערט ער נאָך מער צעטומלט. ער ווייס ניט וואו מען האַלט. ער ווייס ניט, אַז די יינגלעך זענען שוין אַוועק אַ סך ווייטער. עס פלאָנטערט זיך אים נאָך אין קאָפּ די מעשה מיטן גע־ראַטענעם צווילינג, און ער שיסט אַרויס:

— און ויתרוצצו — און עס האָבן זיך טאַראַפּעטשעט, הבנים — די יעפּרוקעס, בקרבה — אין איר טרעלבוך...

קאָזשימעראַנצעס

די יאַטן אויף קאָזשימער האָבן אויף זיך געזאָגט — קאָזשי־מעראַנצעס. ס'האָט געדאַרפט אונטערשטרייכן אַז זיי זענען ניט קיין מיכאַלישקער, אָדער ניישטאָטער — נאָר טאַקע די יאַטן פון קאָזשימער.

יאַטן זענען זיי געווען פעסטע, ביינערדיקע. אַזאַ יאַט האָט גע־קענט פאַרברענגען אַ נאַכט אין פעלד, אַליין ביי אַ שייטער, און פאַשען פערד. געחברט זיך מיט שקצים און גערעדט גויאיש ניט ערגער פון זיי. דער קאָזשימער בולוואַר איז זומער געווען זייער פוטבאָל־פּלאַץ, כאָטש ס'איז שווער זיך אַן עצה צו געבן מיט די קאַשטאַן־בוימער, וואָס זענען געשטאַנען אין וועג. ווינטער האָבן זיי זיך געלאָזט באַרג אַראָפּ אויף שליטעלעך, זיך נאָכגעהאָנגען אַ פּויערישן שליטן, און אַז יצחק דער סטעלמאַך האָט זיך פאַרקוקט, איז רעכט געווען פון אונטער זיין טיר אַוועקצושלעפּן אַ גרויסן שליטן, אַריינפּאַקן אין אים אַ צענדליק יאַטלעך און זיך אַ לאָז טאָן באַרג אַראָפּ. אַנשטאָט אַ פערד, האָבן זיי פון הינטן צוגעפעסטיקט אַ האָלאָבלע, ווי אַ רודער, און:

— היידאַ!

אין די זומערדיקע שבת־נאָך־וואָרמעס זענען די קאָזשימעראַנצעס געווײַנלעך געווען באַשעפטיקט מיט פירן אַ „באַי" מיט די מיכאַליש־קער יאַטלעך איבער דעם רעכט צו באַנוצן זיך מיט די פרוכט־סעדער, וואָס וואַקסן אַרום קאָזשימער שול.

קלאָר, אַז די קאָזשימעראַנצעס זענען געווען זיכער אַז די אַלע פרוכט־בוימער, וועמענס צווייגן עס הענגען אַריבער דעם שול־פּאַר־קאַן געהערט זיי. די בעסטע צייט זיך אַ נעם צו טאָן צו די עפּל,

באַרן, וואָס וואַקסן אַריבער פון שעלעוואַנקערס סאַד אָדער פון כוואָלעס איז — שבת, ווען דער טאַטע לייגט זיך צו כאַפּן אַ דרימל.

די מיכאַלישקער, וואָס האָבן די אויבסט־סעדער פון שטאָט גע־קענט ווי זייערע פינף פינגער, זענען אויך געווען בעלנים אויף אַ גוטן עפּל, פאַר וועלכן מען דאַרף ניט ריזיקירן. זיי זענען אָנגעקומען אויפן שול־הויף איבערן פאַרקאַן פון אַרל גאָלדינס האָלץ־סקלאַד. נאָר חברה קאָזשימעראַנצעס האָבן שוין געוואַרט. דער „באָי" איז געגאַנגען מיט אָפּגעשיילטער קאָרע פון די בוימער, וואָס זענען געלעגן אויפן האָלץ־סקלאַד. די קלעפּ מיט פּאַסן פון דער פרישער קאָרע האָבן ניט אַזוי ווי געטאָן, ווי עס האָט איבערגעלאָזן פּעך סימנים אויף די הענט און אויף די קליידער.

נאָכהער זענען די יאַטלעך געשטאַנען נעבן דער קאָזשימער פּאָמפּע און זיך אָפּגעוואַשן: ווער ס'צעבלוטיקטע נעזל, וואָס דאָס האָט געמיינט אַזוי גוט ווי גאָרניט. ערגער — אַז עס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ געוואָלד־ריס אין די הייזלעך, פאַר וועלכן מען וועט דאַרפן אין דער היים אָפּגעבן דין־וחשבון...

איינס אָבער האָבן די קאָזשימער יאַטן פאַרמאָגט, וואָס קיינער האָט זיי עס ניט געקענט צונעמען — דאָס איז געווען די פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע. אַ רויטער געמויערטער בנין מיט דריי ברייטע, הויכע טויערן. אַז מען האָט זיי צעעפנט, האָבן פון אינעווייניק אַרויסגעקוקט פּעסלעך, וועגן, לייטערס, האַקעס און קישקעס. יעדעס יאַטל איז געווען אויסגעקאָכט אין די אַלע כלי־זין פון לעשן אַ שרפה. נעבן פּאָזשאַרנע, אויף צוויי הויכע סלופּעס אונטער אַ דעכל, איז געהאָנגען אַ מעשענער גלאָק, מיט וועלכן מ'פלעגט קלינגען טרעוואָגע.

זונטיק בייטאָג האָט זיין קלינגען ניט באַאומרואיקט, נאָר גע־וועקט, גערופן — פשוט איינגעלאַדן, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי די פייערלעשער.

— ברענען, ברענט טאַקע ניט, אָבער מאַכן אַ רעפּעטיציע שאַדט ניט...

ווייל די מערהייט פון די פייערלעשער זענען געווען יידן, אַט די באַקאַנטע שניידער, שוסטערס און טרעגערס — זענען די יאַטלעך אויף אַ רעפּעטיציע געווען ווי ביי זיך אין דער היים.

אברהמל מרדכי דעם מעלערס, וועלכן מען האָט אייגנטלעך גע־רופן — אברהמל ראַשעס, אין אַ ווייסער, ניקלנער קאַסקע פון אַן עלטסטן, האָט אַרויסגעגעבן קורצן קאָמאַנדעס:

— טעמ־פּאָ ראַז!

האָבן די פּאָזשאַרניקעס, אין די בלישטשענדיקע מעשענע קאַס־קעס, וועלכע די ווייבער האָבן פרייטיק געשייערט צוזאַמען מיט די קופּערנע פאַנען, געגעבן אַ כאַפּ די לייטערס און געוואַרט.

— טעמ־פּאָ דוואַ!

איין טייל האָט שנעל צוזאַמענגעשלאָסן די לייטערס, אַ צווייטער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די קישקעס, צוגעפעסטיקט די מעשענע שפּריצערס.

— טעמ־פּאָ טשי!

די גראָבע קישקע מיטן מעשענעם נעץ האָט מען אַריינגעוואָרפן אין קאָזשימער ברונעם, פיר פייערלעשער האָבן זיך גענומען צו די הענטלעך פון דער פּאָמפּע און אַ וואַסער־שטראָם האָט זיך צעגאָסן איבער די בוימער פון בולוואַר, ווי אַ נאַוועליצע.

העלדישע יאַטלעך זענען בשעת־מעשה געזעסן צווישן די צווייגן, כדי שפּעטער צו קענען דערציילן ווי אַזוי עס איז אַלץ צוגעגאַנגען.

דערפאַר ביי אַ שרפה זענען די מיכאַלישקער יאַטלעך געווען די ערשטע. זיי האָבן ניט געדאַרפט וואַרטן ביז טאַטע־מאַמע וועט געבן רשות. ביים ערשטן רוף פון גלאָק זענען זיי געווען גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין, אונטערצושטופּן אַ פעסל, צולייגן אַ האַנט ביי דער וואַסער־פּאָמפּע און טאַקע די ערשטע צו רייסן געבאַקענע

עפּעלעך פון אַ ברענענדיקן בוים. געברענט האָט עס דאָס רוב אין די דערפער נאָכן שניט.

אַז ביי עמיצן אין שטאָט האָט אַמאָל געברענט אין קוימען, די סאָזשע האָט זיך אָנגעצונדן, האָבן די פייערלעשער קודם געריסן דעכער, איינגעלייגט פאַרקאַנעס...

שיין און העלדיש האָבן זיי אויסגעזען אויפן פּאַראַד אין די בלאַנקענדיקע קאַסקעס און רויטע מונדירן, מיטן אָרקעסטער פאַר־אויס. הינטערן אָרקעסטער זענען געגאַנגען די צוויי וועטעראַנען — קאַמאַצקי און מרדכי־דוד — באַהאַנגען מיט מעדאַלן.

דער טרוים פון יעדן יאַטל איז געווען אויסצוּוואַקסן — כדי צו ווערן אַ פאַזשאַרניק.

* * *

אין זייער געשיכטע האָבן די קאָזשימער יאַטלעך צו פּאַרציי־כענען אַ פּאַסירונג — און הגם עס האָבן אין איר אָנטיילגענומען אויך אַנדערע יאַטלעך, איז עס געווען אויף זייער טעריטאָריע. עס איז געווען אַ פּאַסירונג פון אַ רעוואָלוציאָנערער טאַט. די געשעעניש האָט אויפגערודערט די שטאָט, און מען האָט ניט געוואוסט מיט וואָס דאָס קען זיך ענדיקן...

דער אַטענטאַט

אַ פּראָסטער, פּריייטיקדיקער זומער־טאָג. דאָס שטעטל גרייט זיך אויפצונעמען דעם פּאַן וואָיעוואָדע. אַלע רינשטאָקן זענען ווייס אויס־געקאַלכט. דאָס גראָז, וואָס איז געוואַקסן צווישן די שטיינער — אויסגעצופּט. וואָרעם קאָסטעק־ביערנאַצקי, דער וואָיעוואָדע און שעפער פון פּוילישן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע, האָט ליב אָרדענונג.

דאָס אַלץ איז אָבער ניט אָנגעגאַנגען די יאַטלעך. זיי האָבן נאָך אַרומשפּאַצירט אונטער דער מאַמעס פאַרטוך און זיך ניט גע־קימערט איבער פּאָליטיק. פאַר זיי איז עס געווען אַ יום־טוב וואו דער

פייערלעשער־אָרקעסטער וועט שפּילן, מענטשן וועלן שטיין אויסגעפּוצטע, מיט בלומען און עפּעס דערוואַרטן.

אויף שפּיץ באַרג, ביים סאַמע אַריינפאָר אויפן שאָסיי, וואָס פירט פון האָראָדזשע איז געווען אויפגעשטעלט אַ טויער. כמעט אַ טריאומף־טויער. עס האָט בלויז געפעלט דער ריכטיקער טריאומפאַטאָר — וואָרעם קאָסטעק־ביערנאַצקי איז געווען אַ פּראָסטער גוי, מיט אַ קרענקלעכער מאַניע איינצופירן אָרדענונג אין לאַנד און אָנצושרעקן די מורד־במלכותניקעס און אויפן ערשטן אָרט די יידן.

דאָס טויער איז געווען באַפּוצט מיט פרישע יאָדלע־צווייגן, און האָבן נאָך געשמעקט מיט וואַלד. גרינע קליאָן־ און קאַשטאַן־בלעטער האָבן זיך געוויגט, צונויפגעבונדענע אין קרענץ אַרום די הערבן פון דער שטאָט און דער מלוכה. ביי די זייטן האָבן פאָנען געפלאַטערט אין ווינט.

דער פייערלעשער־אָרקעסטער איז געשטאַנען אין זיין פולן גלאַנץ. די מעשענע טרומפּייטערס אויסגעשייערט, אַזש מען האָט ניט געקענט קוקן אין זיי צוליב דער זון, וואָס האָט זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט. די זילבערנע גאַלאַ־עפּאָליעטן אויף די אַקסלען האָבן יעדן מוזיקאַנט צוגעגעבן חשיבות.

משה־הירש האָט געהאַלטן אין איין האַנט גרייט דעם קלאַרנעט, און די צווייטע — גרייט צו געבן די קאָמאַנדע: טרי־טשטערי... און דער מאַרש זאָל אויפשאַלן.

אַ ביסל וויטער זענען געשטאַנען די כלי־קודש אין שוואַרצע סורדוטן און האַרטע קאַפּעלושן. זיי האָבן זיך געפעדערט לכבוד דעם שררה מיט ברויט און זאַלץ. דער סטאַראָסטע, אין אַ גלאַנציקן צילינדער, איז געשטאַנען אַ ביסל שטייפלעך, מיט אַ וויכטיקער מינע. ניט וויט פון אים פּאָליציי, שול־קינדער מיט בלומען אין די הענט און סתם ליידיק־גייער, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טראָטואַר מיט דער האָפענונג צו זען אַ מיניסטאָרישן פּליך.

מ. אייזענבוד

צו דער שמחה האָבן אויך ניט פאַרפעלט צו קומען די יאַטלעך — די קונדייסים פון שטעטל.

אַלע זענען געשטאַנען געשפּאַנט אין דערוואַרטונג. נאָר דער פּאַן וואָיעוואָדע האָט געפעלט. ער האָט זיך ניט געאיילט צו קומען.

ס'איז אַריבער אַ שטיקל צייט, און די אָנגעשטרענגטע שטימונג פון דערוואַרטונג האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט. דאָס וואַרטן איז געוואָרן צו ביסלעך לאַנגווייליק.

אַנטקעגן דעם אויפגעשטעלטן טריאומף־טויער האָט מיעדוויעצקי דער אָגראָדניק געבויט אַ הויז. די ווענט זענען שוין געשטאַנען ווייס־אָרומגעטיעסעט און אויסגעשטאָפּט מיט גרינעם מאָך. דער דאַך איז נאָך ניט געווען געדעקט. נאָקעטע לאַטעס האָבן געוואַרט אויף די שינדלען. דערווייל זענען אויף זיי געזעסן די קאָזשימער יאַטלעך. פון דער הויך האָבן זיי געהאָפּט בעסער צו זען דעם פּאַראַד. אַן אַנדער חברה יאַטלעך ווידער, זענען געשטאַנען אויפן הויכן פּאַרקאַן און דערוואַרט דעם פייערלעכן מאָמענט. חברה איז ניט אײַנגעשטאַנען רואיק. ווי קאָן מען עפּעס שטיין און קוקן סתם אין הימל אַריין און גאָרניט טאָן? גראָד האָבן זיך אויפן הויף געפונען אַ פּאָר קוישן קאַרטאָפל און צוליב צייט־פאַרטרייב האָבן די יאַטלעך פאַרפירט אַ מלחמה צווישן פּאַרקאַן און דאַך — איבערשיסנדיק זיך מיט קאַרטאָפל.

אין היץ פון געפעכט האָט קיינער ניט באַמערקט ווי דער פּאַן וואָיעוואָדע איז צוגעפאָרן צום טויער. די מוזיק האָט פייערלעך אויפגעשפּילט, ווייל משה־הירש האָט פונקט צו דער מינוט געגעבן דעם סיגנאַל: טרי־טשטערי...

ווייסע, זיידענע הענטשקעס האָבן זיך געדריקט. שוואַרצע ציליג־דערס האָבן אַנטבלויזט גלאַנציקע פּליכן.

די מלחמה צווישן דאַך און פּאַרקאַן איז דערווייל אָנגעגאַנגען מיט אַזאַ ברען, אַז מ'האָט גאָר פאַרגעסן אין חשובן גאַסט, וואָס איז

שוין אָנגעקומען. פּלוצלונג האָט אַ קאַרטאָפל, ווי אַ פּאַרבלאָנדזשעטער שאָס, געטראָפן דעם פּאַן וואָיעוואָדע אין אַקסל. דער „טריאומפאַטאָר" איז בלאַס געוואָרן. די בלויע אָדערלעך אויפן נאַקעטן פּליך האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן. די מוזיק איז ראַפּטום שטיל געוואָרן. אַלע האָבן אין אַנגסט דערוואַרט, אַז אַ ליאַדע רגע, און דער געוואָרפענער קעגנשטאַנד וועט אויפרייסן. אין דער בהלה האָט קיינער ניט באַמערקט, אַז דאָס איז אַ פּשוטע קאַרטאָפל. און די ערד־פּרי האָט זיך ניט געאײַלט אויפצורייסן. זי איז זיך דווקא רויִק געלעגן אויפן ברוק. פּײַנלעכע מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי שעהן. די שטילקייט איז ממש געווען אָנצוטאַפּן. אָבער ענדלעך האָט זיך דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט אָנגענומען מיט קוראַזש, אויפגעהויבן דעם אָביעקט און צעשניטן אים מיט אַ טאַשן־מעסערל. ווען מען האָט דערזען דאָס געוויינלעכע ווייסע פלייש פון אַ קאַרטאָפל, האָט די אַרום־שטייענדיקע מאַסע לייכטער אָפּגעעטעמט. די פּייערלעכע שטימונג איז שוין אָבער געווען אַ צעשטערטע. פון נערוועזן ציטערן זענען די נערוון אויסגעשעפּט געוואָרן. די באַגריסונגס־רעדעס האָבן זיך מער ניט געקלעפּט.

שנעל איז דער וואָיעוואָדע פאַרשוואונדן אין זיין לימוזינע. פּאָליציי איז דערווייל ניט געשלאָפן. זי האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז און פאַרנומען די „אַטענטאַטער" פון פּאַרקאַן, די „אויסקוקער" פון דאַך, און זיי אָפּגעפירט אין חד־גדיא.

די פּראָצעסיע פון פירן די קליינע, פאַרראָצטע יינגלעך אין פּאָליציי אריין, ווי מען פירט וויכטיקע אַרעסטאַנטן, איז געווען גאָר ניט קיין פייערלעכע. הויכע, געזונטע פּאָליציי־לייט פירן אַ חברה צען־צוועלף־יעריקע, איבערגעשראָקטע יאַטלעך.

דערשראָקענע מאַמעס, מיט רויט־פאַרוויינטע אויגן, זענען געלאָפן צום ראש־הקהל מיט אַ געוויין:

— ראַטעוועט אונדזערע קינדער! זיי זענען אומשולדיקע עופהלעך.

דערווייל איז אַריבער אַ מעת־לעת. דאָס שרעקן מיט בייטשן און קאָנטשיקעס האָט אַרויסגערופן נאָך מער טרערן ביים קליינוואַרג אין אַרעסט־הויז. אפילו די שבתדיקע מאכלים, די פרישע זעמעלעך מיט צימערינג, וואָס די מאַמעס האָבן אַריינגעשיקט אין אַרעסט, זענען ניט געווען צום האַרצן.

יידן האָבן גערעדט מיט די הענט, גערעדט וואָס פון דעם קען אַרויסקומען. אָבער אומדערוואַרט איז געשען דער נס. אויפן צווייטן טאָג האָט מען די יאַטלעך אַרויסגעלאָזט פון דעם אַרעסט און זיי זענען זיך צעלאָפן איבערן מאַרק מיט ברייט־צעעפנטע פאַרחידושטע אויגן, ווי זיי וואָלטן דעם מאַרק שוין ווי לאַנג ניט געזען.

ווען זיי זענען געזעסן מיט זייערע עלטערן ביים שבתדיקן וואַרמעס, האָבן זיי צוגעזאָגט צו זיין וואוילע יידישע קינדער און מער ניט פירן קיין „מלחמה" מיט קאַרטאָפל, גראַד ווען אַ פאַן וואַיעוואָדע קומט אָן אויף אַ באַזוך אין שטאָט.

ווענן צעגייען זיך

דער וועג פון אַ באַלעבאַטיש יינגל, אַ טאַטנס אַ קינד, איז אַ גלייכער, שוין כמעט אַן אויסגעטראָטענער. אויפן איינגעשטעלטן סדר האָט זיך געפילט דער אָטעם פון נייע בילדונגס־רעפאָרמען. מ׳האָט זיך מער ניט באַגנוגנט מיט שאַרפן דעם מוח אָן די שפּיציקע, האַרטע תוספות פון תלמוד, צו שלייפן אים איבער די אויסטייטשונגען פון רש״י און צו פליען איבער די גליטשיקע, טונקעלע אָפּגרונטן פון דער גמרא, וואָס שרעקן מיט זייער טיפקייט — און אַרויסקומען געליי־טערט און גלויביק. אויף דעם האָט מען גענומען קוקן ווי אויף בטלנות.

בילדונג האָט געמיינט — ניט אויסטייטשן דאָס לעבן על פּי השכל התנ״ך, ווייל ס׳איז גאָרניט ביי אונטער דער זון, און אַלץ איז שוין אַמאָל געוועזן; נאָר לערנען, כדי צו דערגרייכן אַ ציל אין לעבן, אַ העכערן שטאַפּל. דאָס האָט געמיינט — אַריבערקוקן איבער דער שטעטלשער בלאָטע און דערזען די ברייטע וועלט.

כדי׳ עס זאָל זיין אי צו גאָט אי צו לייט — שיקט מען אַ קינד אין דער העברעאישער „תרבות״־שול. דאָרט לערנען די קינדער פון סוחרים, יידן־גבירים, און מ׳איז זיכער אַז אַ קינד וועט ניט פאַר־קריכן אויף שלעכטע, ניט־יידישע דרכים, און ס׳וועט זיך אויסלערנען, אַ חוץ אַלעם, אַ שייטל עברי אויך.

די דאָזיקע שול האָט אין די קינדערשע נשמות איינגעפלאַנצט ליבע צום לאַנד פון חומש, וואו עס האָבן אַמאָל רעגירט יידישע קיסרים און די לערער האָבן עס פאַרגליכן מיטן היינט — ווען יידן ליידן צרות

דערפאַר וואָס זיי זענען היימלאָז, אין ביטערן גלות. כדי עס זאָל בעסער ווערן פאַר יידן, מוזן מיר זיין ווי אַלע פעלקער. האָבן קינ־דערשע פויסטלעך זיך געביילט:

— מירן עס מאַכן! מירן בויען דאָס אייגענע לאַנד!

די שול האָט די קינדער רייף געמאַכט פאַר די קינדער־אָרגאַני־זאַציעס „השומר הצעיר” און „גורדוניה”. זיי האָבן די אויפגעוואַכטע געפילן געגעבן אַ ריכטונג און פאַרבונדן דאָס גלויבן אין הייליקן לאַנד מיט שפּיל, און דערווייל אויסגעצירט די קינדער אין ווייסע העמדלעך און בלויע האַלדז־טיכער, און גענומען זיי אויסדרן ווי סאָלדאַטן:

— אחד ! אחד! אחד, שתים, שלש, ארבע!... האָט ליאָליק אַבי־ליעוויטש ווי אַ פעלדפעבל קאָמאַנדירט.

— שמאל! שמאָל! — האָט ער אַכטונג געגעבן די פיס זאָלן זיך באַוועגן צום טאַקט.

— קינדער דאַרפן זיך שפּילן — האָבן טאַטעס געזאָגט, קוקנדיק אויף די ווייס־בלוי פענער און מגן־דודס. — מיר האָבן זיך געשפּילט אין קנעפּלעך, אין גזלנים ארום די שולן, אַנדערע צייטן געווען.

— זאָלן זיי — האָבן מאַמעס אַנגעקוואָלן, אַבי מען גייט ניט קעגן מלכות...

דערווייל זענען די קינדער אַריינגעוואַקסן אין בחורימלעך; טאַטעס האָבן שטילערהייט געהאָפט, אַז די „קינדערשע קרענק”, ווי דאָס האָט ביי זיי געהייסן דאָס מושטערעווען זיך, וועט פאַרביי און מ'וועט קענען אָנהויבן טראַכטן וועגן תחלית — שידוכים און אייניקלעך...

* * *

ביי יודל דעם סטאָליער וואַקסן זיי זאַלבעצווייט: לייזער, און פון אים געדרוקט מיט אַ יאָר צוויי — הערשל.

— קיין דאָקטוירים וועלן זיי ניט ווערן — האָט יודל, גלעטנדיק זיין קורץ, שוואַרץ בערדל דערקלערט פּעשקען דעם שכל פאַרוואָס

מען דאַרף די קינדער לערנען. — עס פּירט זיך שוין היינט אַזוי, אַז אַ סטאָליער דאַרף אויך עפּעס וויסן...

— טאַ פאַרוואָס רייסט דער לערער מאַלטשאַדזקי ניט לאַנדעס זון פאַר די אויערן — גיט פּעשקע ניט נאָך — נאַר הערשלען, ווייל ער ער איז אַ סטאָליערס אַ יונגל?

— איי, פּעשקע, אַזוי איז שוין דער דרך פון דער וועלט — האָט יודל געענטפערט, כאָטש ביי זיך איז ער גאָרניט געווען אַזוי זיכער. אַז דאָס איז טאַקע דער דרך — מסתמא האָט ער זיך פאַרזינדיקט, און ניט לאַנדעס ייגגל...

לייזער האָט געענדיקט די „תרבות״־שול, און געשטעלט זיך צום טאַטנס וואַרשטאַט.

— ווערן אַ פּראָלעטאַריער, און טראָגן דעם וועלט־יאָך — האָט עס ביי אים געהייסן. אַזוי איז געווען די לערע פון „השומר הצעיר״. דער טאַטע, צופרידן אַריינצוקריגן אַ פּאָר אייגענע הענט, וואָס וועלן צוהעלפן צו דער פּרנסה, האָט זיך גענומען לערנען לייזערן די מלאכה. נאָך דער אַרבעט איז לייזער געזעסן איבער גראָבע ביכער, ווי פון זיי וואָלט ער געוואָלט אַ גרויסן סוד דערגיין.

— דער בחור וויס שוין מער ווי פאַר זיינע יאָרן, און אפשר נאָך מער ווי אַ סטאָליער דאַרף וויסן — האָט יודל געטראַכט — נאָר צי דאָס איז עפּעס אַ תכלית, איז פאַר אים ניט קלאָר געווען.

דער גלייכער וועג, ווי יודל דער סטאָליער האָט געהאָפט, אַז לייזער וועט גיין, ווי אַלע באַלעבאַטישע קינדער, האָט זיך גענומען אויס־קרומען. עפּעס קאָכט זיך אין בחור, וואָס ער, יודל, קען עס ניט באַגרייפן. ביז איין פרימאָרגן האָט יודל באַמערקט:

לייזער האָט אָנגעטאָן אַ שוואַרץ סאַטין־העמדל אָן אַ קאָלנער, וואָס שפּיליעט זיך ביים זייט און איז אַרומגעגאַרטלט מיט אַ געפלאָכ־טענעם שנור, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט פראַנדזן — אַ קוטאַס.

— אַ קאָסאָוואָראָטקע! — האָט יודל דער סטאָליער אויסגערופן.

היות ער איז ניט געווען קיין גרויסער רעדער, האָט עס ביי אים געמיינט אַזוי פיל, ווי:

— מען געדענקט זיי, די שוואַרצע רובאַשקעס נאָך פון פינפטן יאָר! דאָס מיינט דאָך רעוואָלוציע, מרידה!

נאָר קעגן ווּעמען מרידה — האָט יודל ניט געוואוסט.

פונדעסטוועגן האָט ער געפילט, אַז דאָס שוואַרצע העמדל איז ניט סתם וואָס אַ בחור פאַרגלוסט זיך אָנצוקליידן אַנדערש ווי אַלע, אָדער עמיצן נאָכצומאַכן, נאָר דווקא:

— דער וועלט צו להכעיס! ס'וועט באַלד נעמען דערציילן אַ מעשה...

אַז ער האָט אין אַ זומערדיקן שבת־ביינאַג דערזען לייזערן שפּאַצירן מיט אַרעלע טייבעצקעס און חיימען שלמה כעמטשיקס אויסגעפוצט אין די שוואַרצע העמדלעך, אַן היטלען, איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז עס טוט זיך עפּעס. דאָס אַלץ האָט ער רעזומירט מיט אַ ברום, בשעת ער האָט געטרונקען טיי, וואָס פעשקע האָט אים אַריינגעגאָסן פון קופּערנעם ליאַק.

דער ברום — מ'הום — האָט געמיינט אי אַלץ, אי גאָרניט.

— ער וואַקסט אַ לייט, אונדזער לייזער — האָט ער פונדעסטוועגן ניט אויסגעהאַלטן.

— אָבי מיט לייטישע קינדער — האָט פעשקע ווי אַ מאַמע אים פאַרענטפערט. — זאָלן זיי זיך אַ ביסל שפּילן, ס'וועט אַריבערגיין. אַז איבערן וואָנט זענען די „גדולים" — האָט זי אָפּגעזיפצט, און געוויזן מיטן האַנט צו דער רוסישער גרענעץ.

דאָס שוואַרצע העמדל האָט לאַנג אויף זיך ניט געלאָזט וואַרטן. עס איז געווען דער אויסדרוק פון געפילן, וואָס האָבן אין דער טיף געגורטעוועט ווי אַ קוואַל, ביז עס האָט אַרויסגעשלאָגן צו דער אויבערפלאַך.

יאַטלעך

דאָס שוואַרצע העמלד איז געווען דער פּראָטעסט קעגן דעם אָנגענומענעם, באַלעבאַטישן גאַנג אין דער וועלט אַריין.

אַז לייזער האָט אויפגעהערט צו גיין שבת מיטן טאַטן דאַווענען, האָט עס יודל אַראָפּגעשלונגען שטיל־שווייגנדיק. עפּעס ווי אַ ניט דערדערטע פאַרשטענדיקונג צווישן טאַטע און זון. לייזער איז ניט מיטגעגאַנגען אין שול, אַריינגעשלאָפן ביז שפּעט און יודל האָט ניט דערמאָנט, אַז ס'איז שבת, אַז מען דאַרף זיך באַווייזן צווישן יידן מיט די בנים, ווי אַנדערע טאַטעס טוען עס.

איז ער געגאַנגען צום דאַווענען בלויז מיט הערשלען. דער פּופּצן־יעריקער הערשל איז נאָכגעגאַנגען דעם טאַטן ווי אַ גוט, גע־האָרכזאַם קינד. ווי דער טאַטע — האָט ער צו פיל ניט גערעדט. נאָר שווייגנדיק האָט ער איינגעפּונען אַז זיין ברודערס שוואַרצע העמדל האָט עפּעס ניט דערזאָגט. עפּעס דאַרף מען טאָן אַזוינס, וואָס זאָל רעדן קלאָרע דיבורים. ווייל ער אַליין, הערשל, האָט עס קיינמאָל ניט געקענט באַווייזן. ער האָט גערעדט אַ ביסל אונטער דער נאָז, און ס'איז ניט קלאָר אַרויסגעקומען. יינגלעך האָבן אים נאָכגעבאָלבעט:

— קלע... קלע... הערשל קלע, קלע...

איינעם אַ שבת האָט דער טאַטע געקויפט פאַר הערשלען אַן עליה, ער זאָל דערפילן אויף זיך דעם יאָך פון יידישקייט, ער זאָל פילן אַז ער געהערט זיך אָן מיט אַן עדה יידן. הערשל איז אַרויף אויף דער בימה פון דער קאָזשימער שול. אין יינגלס מוח האָט אַ בליץ געטאָן דער געדאַנק:

—איצט וועל איך עס זאָגן...

אַנשטאָט צו מאַכן אַ ברכה איבער דער תורה, האָט ער אויס־גערופן:

— יידן, וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם קלע — — — ריקאַלן יאָך! יידן! איך גלויב ניט אין גאָט!

ער איז אַרויסגעלאָפן פון שול.

מען האָט מער ניט געלייענט. יידן זענען געשטאַנען אין רעדלעך און אַרומגערעדט די פּאַסירונג. אין מיטן פון די רעדלעך האָט זיך געהיצט מאָניע סווירטשיק, וואָס האָט קוים זיך געקענט דערוואַרטן ער זאָל האָבן ביי וואָס זיך צו פּאַנאַנדערוואַרעמען:

— זעט וואָס עס וואַקסט ביי יידן — האָט ער געטייטלט מיטן פינגער צו די טאַטעס, וואָס האָבן אויך קינדער אין „השומר הצעיר״.

— אַלץ די שומרים, פּושע ישראל! נאַט אייך באַלעבאַטישע קינדער, נאָך ערגער ווי די שוסטערס! נאָך ערגער ווי מאַקע דער אַפּיקורס, וואָס גייט יום־כיפּור אַרום די שולן מיט אַ קעז און אַ קרוג מילך! טפו זאָל עס ווערן — האָט מאָניע געשפּיגן — און ביי וועמען זאָל עס טרעפן, ביי אַזאַ ערלעכן יידן ווי יודל דער סטאָליער...

* * *

דאָס שטעטל האָט זיך באַרואיקט פון דער געשיכטע, וואָס הערשל, יודל דעם סטאָליערס, האָט אָנגעאַרבעט. נאָר חברה יאַטלעך האָבן עס לאַנג ניט געקענט פאַרגעסן. זיי האָבן צו אים אַרויפגעקוקט ווי צו אַ העלד וואָס האָט געוואַגט צו טאָן עפּעס אַזוינס וואָס זיי אַליין וואָלט פאַרפעלט דרייסטקייט עס צו טאָן. ביי זייערע טאַטעס וואָלטן זיי אַזוי לייכט ניט אָפּגעשניטן. פונדעסטוועגן:

— גיין ריכט זיך אויף הערשל געצאָוו...

הערשל אַליין האָט זיך דערפילט לייכטער, כאָטש ס׳איז אים געווען אַ רחמנות אויפן טאַטן. ס׳איז אים גרינגער געוואָרן, ווי ער וואָלט אַ שווערע מאַסע פון זיך אַראָפּגעוואָרפן. ס׳איז שווער געווען צו פאַרשטיין וואָס אין מויל פון אַ פּופּצן־יאָריק יינגל טוט זיך. אפשר האָט ער געהאַט זיין אייגענעם חשבון מיט דער וועלט, פון די אַלע יאָרן אין „תרבות״, פון די אַרויסגעצויגענע אויערן, פאַר נאָכ־שפּעטן אים:

— קלע... קלע...

מעגלעך, אַז אין זיין קינדיש הערצל האָט זיך אָנגעקליבן דער צער, די דערנידערונגען פון אַ סטאָליערס קינד אַנטקעגן די גבירישע יינגלעך.

זיין אויסרוף פון דער בימה איז געווען ווי אַ צוריקצאָלונג פאַר די עוולות וואָס ער האָט געליטן.

דאָס שטעטל האָט מוחל געווען הערשלען.

— נאָך אַלעמען, איז ער ניט מער ווי אַ פּופּצן־יאַריקער בחור...

מען האָט זיך אויך צוגעוואוינט צו די שוואַרצע העמדלעך.

— אַבי קינדער רייסן ניט איין מיט מלכות און ס׳דערגייט ניט צו די גוים...

* * *

מ׳האָט געגעסן וואַרעמס. יודל האָט געפּילט, אַז צווישן די צוויי בנים, וואָס זיצן נעבן אים און וואָס זענען אויך זיינע געזעלן — איז דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ. ער האָט זיך ניט געקענט דערטראַכטן צו קיין סיבה, ווייל ביידע געהערן זיי צום השומר.

ביים טיש האָט יודל ליב געהאַט זיך אַריינצולאָזן אין אַ שמועס וועגן דעם ווי עס פּירט זיך די וועלט, אַרויסזאָגן די מיינונג וואָס ער האָט געהערט אין שול, און הערן וואָס זיינע בנים וועלן דערויף זאָגן.

— ביטערע צייטן אויף יידן — האָט ער אַ קרעכץ געטאָן. — מ׳הרגעט יידן אין ארץ־ישראל ווי אַמאָל אין קישעניעוו.

— דאָס אַראַבישע פאָלק קעמפט קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם!

— האָט לייזער אין איין אָטעם אויסגעשאָסן...

— דאָס זענען געדונגענע פאַרגאָמשטשיקעס, ווי די אַמאָליקע שוואַרצע מאה! — האָט הערשל ניט געקענט פאַרטראָגן לייזערס רייד.

— די ציוניסטן העלפן אויסזויגן דאָס בלוט ביים אַראַבישן פעלאַך! — איז לייזער אויפגעשפּרונגען...

— די יידישע קאָמוניסטן פרייען זיך מיט יידיש בלוט! — איז הערשל ניט אָפּגעשטאַנען.

— איר זענט פּאַראַזיטן! איר ווילט בויען אַ מלוכה אויפן חשבון פון די אַראַבער! — האָט לייזער געשריגן.

— ס'איז אַ רו... רו... רוסיש שטיקל אַרבעט... — האָט הערשל פון אויפרעגונג גענומען שטאַמלען.

— ס'ווערט זיין געגוג — האָט פּעשקע די מאַמע זיך אַריינגעמישט —דער צימעס ווערט קאַלט. ס'טע געזען אַ ביסל.

די קינדער זענען שטיל געבליבן און איינגעגראָבן די קעפּ אין די טעלער מיטן שמעקנדיקן מערן־צימעס.

— זעסטו, פּעשקע — האָט יודל אַ גלעט געטאָן די באָרד און זיך צערעדט גאָר ניט אויף זיין שטייגער — אָט נעם יואל ראָזאָווסקי, דער ראש־הקהל, אַ ציוניסטישער ייד מיט אַ באָרד עלעהיי דאָקטאָר הערצל, אַ פיינע באַלעבאַטישע שטוב, ווי קומט ער אויס ביים טיש, האָ?

לייזער, אונטערכאַפּנדיק די געלעגנהייט ווידער עפּעס צו זאָגן, עס זאָל הערשלען פאַרדריסן, האָט דעם טאַטן ניט געלאָזן ענדיקן:

— איצל וויל מיט רובינטשיק דעם אַפּטייקער אַריינפאָרן קיין פּאַלעסטינע אויף פערד, און מאַכן זשאַבאָטינסקין פאַרן פּרעזידענט.

— יוסף איז אַ קאָמוניסט, און ניאָמע, אַז ער פאַרדרייט אַ גוטן ציגאַר מאַכאָרקע און מאַכט אַ דריי־גאָרנדיקן מי־שברך ווי אַן עכטער קאַצאַפּ — איז נאָך דעם ביי אים רעכט, אַז יידן זאָלן האָבן אַן אייגענע מדינה, מען זאָל אים נאָר לאָזן רויכערן גראָבע מאַכאָרקע־ציגאַרן און לאָזן אים מאַכן אין דער מאַמען אַריין. ניאָמע איז דאָך דער מזכיר פון „תרבות" מוז ער האַלטן מיטן טאַטן...

יודל האָט געצויגן מיטן רובאַנאָק, מיט איין אויער געהערט די דיסקוסיעס, וואָס עס האָבן זיך צעפלאַקערט צווישן די בנים, זינט לייזער איז געוואָרן אויס ציוניסט. און אַן אויג האָט ער אויך געהאַלטן

אויף די כלים, וואָרעם פון אַזאַ היץ קענען העק און האַמערס נעמען פליען אין דער לופטן.

— היינטיקע צייטן — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט — צוויי ברידער זאָלן זיך זיין שונאים.

— נאָר מסתמא איז אַזוי דער דרך פון דער היינטיקער וועלט — האָט ער געפּרוווט שלום מאַכן מיטן גורל.

יודל דער סטאָליער האָט שוין געגנוי געוואוסט ווער מאַרקס איז, ווער בער באָראָכאָוו און ווער ס'איז מאיר יערי. אין די דעבאַטן ביים מיטאָג האָט יעדער געפּרוווט געווינען דעם טאַטן אויף זיין זייט. דער טאַטע זאָל אים געבן גערעכט.

— אַ יידישע מלוכה וועט דעם יידן ניט העלפן. קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט...

נאָר הערשל, מורא האָבנדיק טאָמער וועט דער טאַטע זיך לאָזן איבעררעדן פון לייזערס אַדוואָקאַט קאַרל מאַרקס איז אים אַריינ־געפאַרן:

— נאָר אין אייגענעם לאַנד קענען יידישע אַרבעטער בויען סאָציאַליזם!

— מיט אַראַבישע הענט!

— מיט יידישע הענט!

— טאַ פאַר אַהין!

— על איך!

און הערשל האָט געהאַלטן וואָרט.

לייזער איז געבליבן אַרבעטן מיטן טאַטן. ער איז געוואָרן דער פירער פון איינציקן פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, וואָס האָט אַרומגענומען די יידישע שניידערס און שוסטערס, היטל־מאַכערס און רימערס. אַ פאַראיין מיט אַ רויטער פאָן, אויף וועלכער ס'איז געווען אויסגעשריבן:

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך".

טויבן

ס'וואָלט אַ יידיש ייִנגל אַ סך אָוועקגעגעבן, כדי ער זאָל קענען האָבן ביי זיך אויפן בוידעם אַ „קליאַפּ" — אַ קעסטל מיט אַ דראָטע־נער נעץ, אין וועלכער עס געפינט זיך אַ שמאָל טירל, דורך וועלכן די טויבן גייען אַרויס און אַריין. ס'איז גוט זיך צו פאַרקלייבן אין אַ זומערדיקן פאַרטאָג אויפן בוידעם און הערן די טייבעלעך וואָרקען.

דער האָלוב(ער) טאַנצט ארום דער זי, נאָר דאָס טייבעלע מאַכט זיך ניט זעענדיק, צופּט זי מיטן שנאָבל אונטערן פליגל אין ווייסן פוך, און לאָזט אַרויס אַ פאַרליבטן טריל:

— וור... ווררר...

— ווּר... ווררר...

אריב ניט טייבעלעך, איז כאָטש האָבן אַ הונט. אַ ווייסן, קוד־לאָטן, מיט אַן אַרויפגעדרייטן עק ווי אַ טראָמפּייט, אָדער אַ גרויען וואָלף־הונט, וואָס זאָל לעקן די האַנט מיט אַ וואַרעמער, פייכטער צונג, מ'זאָל אים קענען רופן באָביק, און ער זאָל קענען מיטשפּילן און נאָכלויפן מיט זיין פריילעכער בילעריי.

נאָר טאָמער האָט אַ ייִנגל זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן און גע־פּרוווּט פועלן ביים טאַטן אַ הינטל אָדער אַ פּאָר טויבן, האָט ער אויפן אָרט באַקומען אַ פּסק:

— ווי קומען טויבן אָדער הינט צו יידישע קינדער, בסך־הכל זענען עס גויאישע זאַכן. ביסט עפּעס אַ שייגעץ, אַ טויבן־כאַפּער אָדער זלמן שוועדס אַן איניקל? גענקע פאַיאַנס האָט עפּעס אַ סך הינט?

דער מחבר — איינער פון די יאַטלעך

און ביי דעם איז געבליבן...

בלויז געציילטע, וואָס האָבן פון דער פריער קינדהייט אַליין זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג אין לעבן און זענען פרי זעלבשטענדיק געוואָרן, האָבן זיך אויף דעם געקאָנט פאַרגינען.

עס האָבן זיי געפעלט די שפּילצייג, מיט וועלכע גבירישע קינדער האָבן זיך געשפּילט, דערפאַר האָבן זיי געהאַט עפּעס אַזוינס נאָך וואָס אַ גביריש יונגל האָט געבענקט, און ניט געקענט דערגרייכן — ט ו י ב ן.

*   *   *

דער קעניג פון די טויבן אַרום די „טויטע געסלעך" איז געווען אפרים. נאָך ביי זיין זיידנס לעבן האָט ער געירשנט זיין נאָמען — „בעבל". ווען ער וואָלט שוין אפילו ניט געלעבט מער, זיין זיידע, וואָלט ער סיי ווי ניט געהאַט עפּעס אַנדערש איבערצולאָזן, אַ חוץ זיין צונאָמען „בעבל", און דעם יחוס פון די „בעבעלעך", וואָס האָט זיך געוואַקלט צווישן פערד־שינדער און מדינה־גייער...

פאַרמאָגט האָט דער זיידע אַ פולע שטוב מיט קינדער, זין און טעכטער. געשלאָפן זענען זיי אַלע אין דער זעלבער שטוב. אַז דער אַלטער „בעבל" פלעגט ביינאַכט אַראָפּגיין, איז אים שווער געווען צו געפינען דעם וועג צוריק צו זיין בעט, צווישן דער גרויסער משפּחה. און ס'האָט פּאַסירט אַז ער איז פאַרקראָכן צו איינער פון די טעכטער. פלעגט זי אים אָנווייזן:

— טאַטע, טאַטע, טעות דאָ... מאַמע, מאַמע, יענץ בעט...

מיט אָט דעם נאָמען איז אפרים דורכגעגאַנגען כמעט אַ האַלב לעבן...

אין ניעסוויזש האָט מען זיך ניט געזאָרגט וועגן ריכטיקן נאָמען פון אַן אָרעמאַן, ניט געקימערט זיך ווי ער הייסט לויט די ביכער פון „קאַזנאַ" וואו מען האָט אים פאַרשריבן. ביז עס איז אַרויס אַ גזירה, אַז יעדער ייד מוז האָבן אַ חוץ אַ נאָמען, אויך אַ פאַמיליע־

נאָמען און אַ געבורטס־דאַטע, כדי מען זאָל וויסן ווענען, ווען צו שטעלן צום פּריזיוו.

אַזוי האָט פּאַסירט, אַז ווען מען האָט דעם בחור חיים בערעזין גערופן זיך שטעלן צום פּריזיוו, האָט קיינער אין שטאָט אַזעלכן ניט געקענט. ס'האָט זיין ברודער געמוזט באַצאָלן שטראָף, ווייל חיים בערעזין איז אַנטלאָפן פון פּריזיוו...

קיינעם אין ניעסוויזש איז ניט איינגעפאַלן, אַז אַ „שמייסער" ביי אַ באַלעגאָלע קען הייסן גאָר אַן אַנדער נאָמען ווי „שעטשקע"*). האָט חיים „שעטשקע" ווייטער געטריבן די פערד צום באַן און איז זיין גאַנצן לעבן פאַרבליבן אין ניעסוויזש, כאָטש חיים בערעזין איז אַנטלאָפן פון פּריזיוו...

אַזוי איז אויך אפרים „בעבל" געווען ניט מער ווי בעבל, לייזערקע דעם שינדערס זון...

* * *

דער פרימאָרגן האָט זיך זוניק צעשמייכלט איבער די דעכער פון שטעטל. די טויבן האָבן זיך איינגעשניטן אין דעם בלויען הימל ווי זעגל־שיפלעך שניידן זיך איין אין ים, ביז אויפן ווייטן האָריזאָנט זעט מען ניט מער ווי אַ ווייסן, אָנגעצויגענעם זעגל. זיי האָבן זיך אין אים געטונקען, ווי זיי וואָלטן זיך געבאָדן אין דער הימלישער בלויקייט, געמאַכט קרייזן, ברייטע, רונדיקע ווי אַ קאַראַהאָד, מיט אַ מאָל זיך צעשאָטן און שטיפעריש זיך געלאָזט אין אַ געיעג פון וועלכן מען האָט קוים באַמערקט דעם פליגל־פלאַטער, ביז זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דער ווייטער בלויקייט און געוואָרן איינס.

אַ ווײַלע שפּעטער זענען זיי אָנגעקומען פון ערגעץ־וואו, און ווי פאַרשיכורטע מיטן זוניקן פרימאָרגן, געטאָן אַ פאַל אַראָפּ אויפן

---

*) שעטשקע — שטרוי, צעשניטן אין קליינע שטיקלעך און גע־מישט מיט האָבער, דינט ווי עסן פאַר פערד.

דאַך, ווי עס פאַלט אַראָפּ אַ שטיין, נאָר ווייך זענען זיי געבליבן זיצן אויף די פּיסלעך, צוזאַמענגענומען די פליגעלעך, און ווי קיינמאָל גאָרניט, גענומען אומשולדיק וואָרקען:

— ווור... ווורררר...

ערשט דאַן האָבן די איינצלנע טויבן גענומען באַווייזן וואָס זיי קענען. אַ פּאָרל „פּיקאַנקעס" האָבן זיך געטאָן אַ צעלאָז און אין מיטן פלי זיך פּלוצלונג פאַרהאַלטן און געבליבן זיצן אין דער לופטן אויפן עק. עס האָט זיך געדאַכט — אַן אומזעבאַרער כוח האָט זיי פאַרהאַלטן אין מיטן פלי און צוגענאָגלט צום בלויען, הימלישן ראַנד.

אַ רגע זענען זיי פאַרגליווערט געבליבן אין דער לופטן, און דאַן — ווי געניטע אַקראָבאַטן אַ פאַל געטאָן צום דאַך אין געדריי פון אַ פּראָפּן־ציער. מיט אַ שווינדליקער שנעלקייט האָבן זיי זיך געדרייט, קוים מיטן אויג צו כאַפּן, און ווען ס'האָט זיך געדוכט, אַז זיי האָבן פאַרלוירן די קאָנטראָל פון זייער פלי, און וועלן צעשמעטערן די ווייכע קערפּערלעך אָן די דאַך־שינדלען — אין דער רגע האָבן זיי זיך גראַציעז אַ גליטש געטאָן, קוים אָנגערירט די שינדלען און לייכט ווי פעדערלעך, זיך אַוועקגעזעצט ביים ראַנד פון דאַך.

די יאַטלעך, וואָס האָבן מיט פאַרריסענע קעפּ און אָפענע מיילער נאָכגעפאָלגט זייער פלי, האָבן פרייער אָפּגעעטעמט אויך פון באַגייסטערונג גענומען פּאַטשן מיט די הענט. אפילו באָביק האָט אַרויסגעלאָזט אַ פריילעכן ביל און גענומען שפּרינגען אין דער לופטן, ווי ער וואָלט מיט די טויבן זיך געוואָלט פאַרמעסטן אין פלי...

אויפן צווייטן עק דאַך האָבן וואָרקענדיק אַרומשפּאַצירט די „ווערפּליעס". אויך זיי האָבן, ווייזט אויס, געוואָלט זיך באַווייזן. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פון דאַך, און מאַכנדיק קרייזן, איינער איינגעשניטן אין צווייטן, זענען זיי פאַרשוואונדן הינטערן האָריזאָנט. ערגעץ־וואו האָבן זיי זיך צונויפגעגאָסן מיט אַנדערע טויבן. מען האָט קוים געקענט באַמערקן וויפיל זיי זענען — ווייסינקע, באַוועג־

לעכע פינטעלעך. זיי האָבן זיך געוויגט אין ווייטן, הימלישן רוים...

צעשאָטן איבער די „טויטע געסלעך", האָבן די יאַטלעך מיט שפּאַנונג און קלאַפּנדיקע הערצער דערוואַרט:

— וואו וועלן זיך די טייבעלעך אָפּשטעלן?!

— אויף וועמענס דאַך וועלן זיי זיך אַראָפּלאָזן?

— וועלן „אונדזערע" טויבן פאַרנאַרן „זייערע", אָדער פאַרקערט?

ס'האָבן יאַטלעך געוואוסט, אַז מיטן זעלבן נייגיר זיצן די שקצים פון רודאַוּוקער גאַס און דערוואַרטן, אַז זייערע טויבן זאָלן אַהיים ברענגען דעם שונאס.

מיט אַ מאָל האָבן פליגלען גענומען פּאַטשן איבער די דעכער פון די „טויטע געסלעך". אויף אפרימס דאַך זענען געבליבן זיצן טייבעלעך מיט רויטע ראַמען אַרום די אויגעלעך, פּיל־קאָלירטע פעדערלעך אַרום האַלדז און מיט גאָלד־אויגן אויסגעשטיקטע פעדער־לעך ביים עק.

פון דאַך האָט די טשאַטע טויבן גלייך אַריינשפּאַצירט אין היימישן „קליאַפּ", און הינטער זיי — די מחנה פרעמדע טויבן.

אפרים האָט אַ צי געטאָן ס'שטריקל. דאָס טירל האָט זיך פאַר־קלאַפּט.

— הוראַ! — האָבן יאַטלעך געפייערט דעם זיג, וואַרפנדיק די היטלען אין דער לופטן...

פאַרנאַכט, אַז די יאַטלעך האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער תלמוד־תורה, פון אונטער די הענט פון אַלטן ראַזאָווסקי, זענען זיי אַוועק צו אפרים „בעבל" אים העלפן איינזאַמלען די טויבן אויף ביי־נאַכט. זיי זענען דאַן אַרומגעקראָכן איבער די אַלטע שינדל־דעכער ווי קונצן־מאַכער, די צעפוילטע שינדלען זאָלן זיך ניט איינברעכן אונטער זיי און האָבן געפּאָכעט מיט די הענט ווי מיט פליגלען:

— אַהוש...

דאָס האָבן זיי אַרויפגעטריבן די טייבעלעך אויפן היימישן דאַך.

אַז אַלע טויבן זענען שוין געזעסן אין זייערע נעסטן, און די קליינע, מיט פרישן פוך באַדעקטטע טייבעלעך האָבן זיך געוואַרעמט אונטער די מאַמישע פליגל, האָבן זיך די יאַטלעך געזעצט אויפן בוידעם און ביי אַ חלבן ליכטל גענומען שפּילן „סטוק״ — אַן איין־און־צוואַנציק אין קופּערנע גרעשלעך, מיט אַלטע, פאַרפעטסטע קאָרטן...

* * *

אייניקע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט די פּוילישע מאַכט, צוליב זיכערהייטס־צוועקן, ווייל טויבן קענען אויך גענוצט ווערן פאַר טראָגן פּאָסט, פאַרבאָטן צו האַלטן טויבן אין ניעסוויזש.

נאָר סיי ווי — אפרים „בעבל״ האָט שוין ביי די יאַטלעך געהייסן רידזש־שמיגלי, ווייל מיטן אָפּגעגאָלטן קאָפּ האָט ער דערמאָנט דעם פּוילישן גענעראַל. מען האָט אים שוין אפילו גערופן אויפן פאַמיליע־נאָמען שוסטערמאַן, געווען איז ער אַ חבר פון דער יוגנט־אָרגאַני־זאַציע „גורדניה״ און זיך געקליבן צו פאָרן אויף הכשרה...

דער אומבאַקאַנטער זינגער...

פאַרצייכענונגען וועגן אַ חבר

אַ דינער, פּוכיקער שניי איז לאַנגזאַם געפאַלן און לייכט זיך געלייגט אויף די הייזער, בוימער און גאַסן. ער האָט ווייך געמאַכט די טריט, ווי ער וואָלט זיי איינגעזאַפּט אין זיך. פאַרנאַכט האָט זיך דער הימל אויסגעלייטערט און די בלאַסע זון האָט אָפּגעשפּיגלט אירע לעצטע שטראַלן אויף די שויבן פון קלויסטער־טורעם מיט אַ מעשע־נעם גלאַנץ און איז פאַרשוואונדן. זילבערנע בלומען פון אומבאַ־קאַנטע, טראָפּישע וועלדער האָבן באַצירט די פענצטער. דער פראָסט האָט זיך אונטערגעגנבעט מיט אַ סקריפּ, נאָר דער האָזיזאַנט האָט אים סיי ווי פאַראויסגעזאָגט, פאַרציענדיק זיך מיט אַ פּורפּור־רויטער פאַן. די טראָפּנס וועלכע האָבן געטריפט פון די דעכער זענען גע־בליבן הענגען אין אייז־צעפּלעך און האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ העלן פלאַם. דאָס איז געווען איינער פון יענע ווינטערדיקע פאַר־נאַכטן, וואָס צירן אויס דאָס קליינע, ווייסרוסישע שטעטל ווי אין אַ צויבער־מעשהלע.

סיאָמקע איז געגאַנגען פון דער אַרבעט. ער איז געווען אַ נידעריקער ניינצן־יעריקער בחור מיט אַ קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר, וואָס האָבן זיך געריסן פון אונטער דעם ווינטערדיקן היטל אַרויס. דאָס פנים דורכגעאַקערט מיט ענערגישע שטריכן פון צווישן וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט טיפע, קלוגע אויגן.

געלעבט האָט זיך אים ניט פריילעך. דעם גאַנצן טאָג — געזעגט ברעטער און נאַכהער זיי אומרחמנותדיק צוגענאָגלט צו איינאַנדער,

אָדער אויסגעבויגן פֿאַר ווייכע פּאַטעלן. ביינאַכט, אין זיין אָרעמער היים,ביים שיין פון אַ נאַפּט־לעמפּל האָט ער געשריבן שטילע, האַר־ציקע לידער.

די זעלבע האַנט, וואָס האָט מיטן שאַרפן הובל אַרומגעריסן די זייטן פון העלצער, האָט מיט צאַרטקייט געפירט די פען איבער די ווייסע זייטלעך פון העפט און זיינע געדאַנקען אויסגעשטעלט אין קאָלומנעס פערזן מיט דראָבנע אותיותלעך. יעדע איינע פון זיי האָט דערציילט פון ליבע, האָפענונג און יוגנטלעכע טרוימען. דאָס איז געווען די איינציקע פרייד אין זיין לעבן. כאָטש ער האָט די לידער אין ערגעץ ניט געדרוקט, און קיינער האָט קיין רעצענזיעס איבער זיי ניט געשריבן, האָבן זיי דאָך געלעבט צווישן זיינע חברים. זיי זענען אויך פאַר אים געווען אַ טרייסט אין זיין ערשטער, איינזייטי־קער ליבע...

סיאָמקע האָט זיך געאיילט. די ביבליאָטעק מיט אירע שענק ביכער, וועלכע זענען געשטאַנען צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, און האָבן באַהאַלטן הינטער זייערע שוואַרצע רוקנס די ניט אויסגעלעבטע לעבנס פון דיכטער, איז אויך געווען דער טרעף־פּונקט פון דער יוגנט.

סיאָמקע האָט געהאָפט דאָ צו באַגעגענען צינקען. זי איז געווען אַ יונג מיידל, וואָס האָט נאָר וואָס אַריבערגעשפּרייזט די גרענעץ צווישן קינד און מיידל. געקומען איז זי מיט נאָך אַ סך יידן, וועלכע מען האָט גערופן „ביעזשענצעס״, ווייל זיי זענען געקומען פון יענער זייט בוג, וואו עס האָבן געהערשט די דייטשן. דער קריג האָט זי אַרויסגעיאָגט פון איר היים, איז זי פאַרוואָגלט געוואָרן קיין ניעסוויזש.

סיאָמקע האָט זי צופעליק באַגעגנט אין דער קיך, וואָס איז געווען אין קהילה־לאָקאַל איינגעאָרדנט פאַר די „ביעזשענצעס״, זי איז אים געפעלן מיט איר קינדערישן שמייכל און די בלאָנדע לאָקן וואָס האָבן

זיך ווי גלעקעלעך אַראָפּגעלאָזט איבער איר שטערן. זיין פּילבאַרע נשמה האָט באַלד דערפילט אין איר אַן אָנשפּאַר.

דאָס איז זי — די אויסגעטרוימטע געשטאַלט פון זיינע לידער. זיין איך האָט ער ניט פאַרשלאָסן אין די ענגע ראַמען פון זיין פּער־זענלעך גליק. ער האָט ליב געהאַט דאָס פאָלק, איר טייערע יידישע שפּראַך מיט איר קולטור און וועלטלעכקייט, כאָטש ער האָט אויך געשריבן אין העברעאיש.

* * *

פון די געטאָ־פלאַמען איז ער אַרויס שוואַרץ. די האָר און קליידער פאַרסמאַליעט. בלויז די ווייסקייט פון די ציין האָבן דער־מאָנט אין דעם אַז ער איז אַ מענטש. אונטער זיין צעלעכערט העמד איז צום האַרצן געווען צוגעדריקט אַ העפט מיט בלעטלעך — פאַר־געלטע פון רויך. די לעצטע בלעטלעך געשריבן אין בונקער — אין אָנבליק פון טויט. ער האָט זיי געטראָגן ווי אַ קמיע. לידער — פול מיט בענקשאַפט צום מענטש און עקל צו דער מאָרד־מאַשין וואָס שענדעט דאָס מענטשלעכע. ווי פריער דעם הובל און זעג, האָט ער איצט געקלאַמערט אין זיין האַנט די פּאַרטיזאַנער־ביקס. אין די רואיקע שעהן האָט ער אין וואַלד געשריבן לידער, אָנגעזאַפּט מיט בענקשאַפט צו אַ פריי לעבן, און ווען ער האָט זיי געלייענט ביים שיין פון שייטער אין נאַכטיקן וואַלד, זענען טרערן געשטאַנען אין די אויגן פון די מוטיקע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן קיין ציטער ניט געטאָן אונטערן האָגל פון קוילן.

* * *

דער וואַלד איז געווען איינגעהילט אין אַ ווייסער שניי־דעק, ווי פאַרמאַסקירט פאַר אַ פרעמד אויג. אַ פויערישער שליטן האָט געפירט די פּאַרטיזאַנער־גרופּע. זיי זענען געזעסן אין שליטן, די פיס אַראָפּ־געהאָנגען, גרייט אַרויסצושפּרינגען אין קאַמף. אַרום איז געווען

שטיל. קיין שאָרך פון אַ צווייג — אַ שטילקייט ווי פאַר אַ שטורעם. סיאָמקע איז ניט צום ערשטן מאָל אין קאַמף. דורך די צווי יאָר פאַרטיזאַנער־לעבן האָט ער פאַרשידנס מיטגעמאַכט. ניט איין מאָל געווען אַרומגערינגלט פון שונא, און זיך דורכגעריסן. נאָר עפּעס קלאַפּט היינט מאָדנע זיין האַרץ, ער פילט — עס וויל אַרויס פון זיין ברוסט, עס וויל רו. ער וועט עס איר געבן — אָבער דערווייל מוז מען פאַרניכטן דעם שונאס טראַנספּאָרטן.

דאָס פערד האָט לאַנגזאַם געשטעלט זיינע טריט. זיי האָבן זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צום דאָרף, וואו עס האָט זיי דערוואַרט די אויפגאַבע.

פּלוצלונג האָט זיך אויף זיי געעפנט אַ שרעקלעך פייער פון אויטאָמאַטן און ביקסן. אַ געדיכטער האָגל פון שטאָל און בליי. די מערדערישע קויל פון אַן אויטאָמאַט האָט דורכגעלעכערט זיין האַרץ און צוזאַמען מיט אים — די דינע, ווייסע זייטלעך פון זיינע לידער. זיי זענען דורכגעווייקט געוואָרן פון זיין וואַרעם בלוט...

* * *

אין ווייסרוסלאַנד, אין די כאָמינקער וועלדער, אונטער אַ שלאַנ־קער סאָסנע, האָבן פּויערים באַהאַלטן דעם קערפּער פון דעם יונגן אומבאַקאַנטן פּאָעט, דעם טרוימער — סיאָמקע פּאַרפּעל.

יונגע מענטשן

אין דער ענגער קאַמער זענען שוין אַלע געשלאָפן. אין פאַרשטן צימער האָט אויפן טיש טונקל געברענט אַ נאַפט־לעמפל. שאָטנס זענען געשפרונגען איבער די ווענט פון דער ניט גלייכער, צאַנקענדיקער ליכט, וואָס איז געפאַלן פון ברענענדיקן קנויטל. איין טייל צימער איז געווען טונקעלער, ווייל דאָס גלעזל אויף דער זייט איז שוין געווען היפש פאַררויכערט.

סיאָמקע האָט אַרויפגעדרייט דאָס קנייטל און זיך צוגעזעצט אויפן געלעגער, וואָס די מאַמע האָט אים אויסגעבעט אויף דער אַלטער סאָפקע. עס האָט זיך אים ניט געגלוסט צו לייגן שלאָפן. די זומערדיקע נאַכט איז אים געלעגן אין די ביינער — אַ וואַרעמע און סודותדיקע. די נאַכט האָט עפּעס אויפגעוועקט אין זיין געמיט און ער האָט געמוזט טראַכטן, מיט עמיצן זיך דורכשמועסן.

ער האָט אַרויסגענומען זיין לידער־העפט, עס אַ בלעטער געטאָן. דאָ און דאָרט האָט ער פון געוויינטשאַפט פאַרריכט אַ וואָרט, אַ זילב. ער האָט געפילט, אַז עס באַוועגט זיך אין אים עטוואָס ניט מיט זיין ווילן. אָט ווי דאָס ראָד פון וואַסער־מיל אויף דער גרעבליע, וואו ער איז נאָר וואָס געשטאַנען און זיך צוגעקוקט ווי דאָס וואַסער פאַלט אין די הילצערנע מולטערלעך און באַוועגט דאָס ראָד מיטן כוח פון פאַלן. כוואַליעס קומען אויף אין אים, שטופן עטוואָס, ווי זיי וואָלטן עפּעס וועלן לאָזן אין גאַנג. וואָס — איז פאַר אים ניט קלאָר.

ניט פילנדיק ווי אַזוי, האָט ער איינגעטונקט די פעדער און האָט אויפגעשריבן:

יאַטלעך

זומער־נאַכט

עס שלאָפט די שטאָט. צוגעטוליעט צו איינאַנדער שטייען די הילצערנע הייזלעך מיט שוואַרצע שויבן, ווי אויסגעלאָשענע אויגן. זיי שטייען ביים ראַנד פון טראָטואַר — איינזאַמע בעטלער. עס דוכט זיך אַז באַלד וועט ווער פון זיי אַראָפּנעמען דעם אַלטן, האַלב־פאַר־פוילטן גאָנטע־דאַך ווי מען נעמט אַראָפּ אַ היטל און עס וועמען אונ־טערטראָגן, בעטנדיק אַ נדבה. נעבן זיי שטייען די אַלטע מויערן מיט פריש־געקאַלכטע ציגל־ווענט. אַזוי מוזן אויסזען אָפּגעלעבטע פרויען וואָס פרווון לאָקן דעם דורכגייער מיט זייער ראָזער פאַרב. פון הינטער דעם ווייסן געמויערטן פאַרקאַן, וואָס נעמט אַרום די פּראַוואָסלאַוונע צערקווע קוקן אַרויס די קרוינען פון קאַשטאַן־ביימער. די דאָזיקע קרוינען שעפּטשען זיך איבער און דערציילן זיך די סודות, וואָס זיי האָבן שוין זיך אָנגעזען אויף דער גאַס — צווישן צערקווע און די קאַזאַרמעס...

איבער דער ברייטער גאַס הענגען מילך־ווייסע עלעקטרישע לאָמפּן. זיי וואַרפן ניט־דיסקרעטע בליקן, ווי זיי וואָלטן וועלן עפּעס אויפכאַפּן אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט. נאָר ווייל זיי באַמערקן גאָרניט, הענגען זיי און לאָזן זיך אויס לאַנגווייל איינוויגן פון ווינט.

זאַלבעדריט זענען מיר געגאַנגען אַהיים. פּיניע, מיטן בלאָנדן קאָפּ האָר ווי אַ שייגעץ. די האָר זענען אים געפאַלן איבערן שטערן. ער האָט זיי תמיד צונויפגעשאַרט מיט די פינגער ווי מיט גראַבליעס, אָט ווי מען שאַרט צונויף פריש־אָנגעקאָסיעט היי. טראָליק האָט זיך אין זיין גאַנג געוויגט ווי אַ מאַטראָז, וואָס הגם ער שפּאַנט אויפן פעסטן שטיינערנעם ברוק, דוכט זיך אים נאָך אַלץ אַז עס האָט אונטער די פיס די דעק פון אַ שיף. עס האָט פון אים געשמעקט מיט פריש־גע־עבלעוועטע סטרוזשקעס און מיט שאַרלאַק. מיר האָבן גערויכערט, כאָטש שומרים איז עס פאַרבאָטן. אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן

משהלס קאַץ. דאָס איז אַ סימן, אַז ער איז נאָך ניט אַהיימגעקומען און די קאַץ וואַרט אויף אים.

— מישקאַ!

איך האָב געגלעט איר ווייך טיגער־פעלכל און אַריינגעלאָזן זי דורכן פענצטער.

מיר האָבן אָפּגעפירט אַהיים די מיידלעך איבער דער גרעבליע ביז אַרויף ניישטאָט. דער שלאָס־זייגער האָט אויסגעקלונגען זיינע פערטל־שעהן, האַלבע און גאַנצע שעהן, ביז עס איז געוואָרן האַלבע נאַכט. שווער צו ווייסן ווער וועמען עס האָט פעסטער און וואַרעמער געדריקט די האַנט. סיי ווי ווייס מען: ביילע כאַלאַפּ איז אַ ביסל ניט גלייכגילטיק צו פּיניען, און רייזל סווירשטשיק — נאָר וואָס איז די נפקא־מינה?

וואָס מיינט עס — ניט גלייכגילטיק? ווי קען מען עס פאַרשטיין? ס'איז מיר גאָר ניט קלאָר.

נאָר אָט גייען מיר פאַרביי קאַפּלאַנס מויער. גרישע קאַפּלאַן איז שוין לאַנג ניטאָ. אויך זיין רויטער הונט, מיט דער שיינער אויסגע־קעמטער האָריקער פעל איז ניטאָ. אפילו דאָס פּאַפּיר־געשעפט, וואָס די עלטערן רופן „פּישטשי־בומאַזשני״ — איז ניטאָ. זיין אלמנה איז ערגעץ־וואו אין וואַרשע. נאָר דער צוויי־שטאָקיקער מויער מיטן באַלקאָן שטייט און הייסט נאָך אַלץ — קאַפּלאַנס מויער.

אין אויבערשטן שטאָק לייכט זיך אַ פענצטער. שאָטנס שוועבן פאַרביי אים. בלייבן מיר שטיין. איילן זיך איז ניטאָ וואָס. דער שאָטן פון אַ מאַן האָט זיך באַוועגט איבערן צימער און איז שטיין גע־בליבן. דער שאָטן האָט נערוועז באַוועגט מיט די הענט, וואָס האָבן אויסגעצויגן זיך אין פליגלען. זיי זענען געוואָרן לאַנג, דין. מיט אַ מאָל האָט זיך זייער טאַנץ איבערגעריסן. דער מאַן איז צו צום פענצ־טער און אים אויפגעפּראַלט. אַ שטראָם פון ווערטער, ווי באַפרייטע פייגל, האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן. דער מאַן איז אונדז באַ־

קאַנט. ער פאַרקערפּערט אין זיך די פּוילישע שליאַכעצקע פּאָליטיק:

— הרגענען אַ יידן דאַרף מען ניט, אָבער אַרויסנעמען ביי אים דאָס ביסן פון מויל — אָ, וושעם!

און ווייל ניעסוויזש איז אויך אַ שטאָט אין מדינת־פּוילן, איז אויף איר גורל אויסגעפאַלן דער וואַרשעווער אינזשיניער, וואָס וועט אויפ־מאַכן אַ געשעפט פון אַ פּאָליאַק פאַר פּאָליאַקן. מער ווי איין געשעפט אַזאַ האָט זיך ניעסוויזש ניט געקאָנט פאַרגינען.

זיין פרוי איז געבליבן אין וואַרשע. דאָרט אַרבעט זי אין אַן אויסלענדישער אַמבאַסאַדע; נאָר ער מוז פאַרשוואַרצט ווערן אין אַזאַ ווילדן העק, אויף די קרעסן. דאָס האָט ער געלאָזט וויסן זיינע פּוי־לישע ברידער, וואָס האָבן ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט זיין פּאַטריאָ־טישע טאַט און וויטער געקויפט ביי יידן.

די טיר פון זיין צימער האָט זיך צוגעקלאַפּט. עמיצער איז מיט לייכטע טריט אַראָפּגעלאָזן די הילצערנע טרעפּ. אַ יונגע פרוי איז געבליבן שטיין אין טויער. די טונקלקייט האָט אונדז פאַרשטעלט פון איר בליק. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און באַלד פאַרשוואונדן אין אַ זייטיק געסל.

— — — אַ יונג יידיש מיידל... איז דען צווישן זיי אַ ליבע? זי איז דאָך אָבער ניט פון די... מיר קענען זי גוט. אַ גאַנצן טאָג אַרבעט זי שווער ביי דער ניי־מאַשין, כדי אַרויסצוהעלפן אין דער היים. אפשר לאָקן איר די דינע, זיידענע זאָקן, די הענטשקעס פון לעדער־אימי־טאַציע, וואָס זעט אויס ווי קראָקאָדיל־פעל. זי איילט אַצינד אַהיים, אין אַן ענג, שמאָל געסל. געוויס וועט זי די מאַמע אָפּשיטן אַצינד מיט קללות פאַר קומען שפּעט, פאַר אויפוועקן אַלעמען.

אפשר איז עס ביי איר אַן אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט, פון דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט. זי ווייס, פון דעם קרייז פון אָרעמ־קייט וועט זי זיך קיינמאָל ניט אַרויסרייסן, זוכט זי אַ פאַרגעסונג. דאָ

האָט זי עלעגאַנץ. אַ גלעזל קאָניאַק... איבערגעטריבענע העפלעכ־קייט...

אָט שלאָפט אַ שטאָט, און אַ יונג מיידל זוכט צו זיין אַנדערש. וועט זי אין איר פּרימיטיווקייט זיך אַרויסרייסן פון קרייז אָדער זיך פאַרוויקלען אין אַ צווייטן, אַן ענגערן. אַנשטאָט זיך אויפצוהויבן אויף אַ שטאַפּל העכער, וועט זי גאָר אַראָפּלאָזן זיך נידעריקער?...

דאָס בין איך ניט בכוח צו זאָגן.

מיר האָבן עס געזען, מסתמא אויך אַזוי געטראַכט, אָבער קיינער פון אונדז האָט וועגן דעם ניט גערעדט. איז עס געווען איבערראַשונג, אָדער מיר האָבן זיך פשוט געשעמט פאַר איר?

כ׳פאַרצייכן מיינע — און אפשר אונדזערע — געדאַנקען. קען זיין, אַז די צייט וועט עס פאַר מיר אויפקלערן — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

די קילקייט פון דער נאַכט האָט זיך פאַרגנבעט אין אונדזער גע־מיט, אָבער פון שלאָפן גיין איז קיין רייד ניטאָ. רויכערן מיר ווידער און זענען פאַרנומען מיט אַרויסלאָזן קנוילן רויך.

צוויי גליענדיקע פייערלעך דערנענטערן זיך. איבערן וועג לויפט דורך אַ קאַץ. אַ קעל־געפלעקטער קאָטער לויפט איר נאָך. ער דער־יאָגט זי און זיינע ציין בייסן זיך איין אין איר קאַרק. זי לאָזט אַרויס אַ צעצויגענעם ליבע־רוף — דורכגענומען מיטן וואָיען פון ווייטיק. זיי גיסן זיך צוזאַמען מיט דער נאַכט...

איז דאָס הייסט עס ליבע. די נאַטור איז ברוטאַלער און אויך איינפאַכער, ווי איך האָב עס זיך פאָרגעשטעלט, אַרויסגעלייענט פון די ביכער.

עס לוינט זיך צו פאַרטראַכטן...

* * *

זיין מידע האַנט האָט אַרויסגעלאָזן די פּען. די אויגן זענען איילעך איבערגעלאָפן די אָנגעוואַרפענע שורות, נאָר האָבן ניט געפונען אויף וואָס זיך צו פאַרהאַלטן. דאָס אויפגעהייטערטקייט פון דער נאַכט האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעוועבט פון אים. דער קאָפּ וואָס איז ערשט מיט אַ רגע געווען איבערפולט מיט געדאַנקען, איז געוואָרן הויל ווי די אַלטע דזשופלע אויפן אַלבער־וועג. ער האָט זיך צוגעלייגט און ניט אויסטוענדיק זיך — איינגעשלאָפן.

סילוועסטער־נאַכט

דאָס לעבן האָט זיך יאָרן לאַנג געוויגט ווי אַ שיפל אויף דער שטילער אָזיערע אַרומגעצוימט מיט ברעגעס פון גרינעם אַאיר; און הגם מען האָט זי גערופן ווילדע אָזיערע, איז זי תמיד גע־בליבן אַ שטיל וואַסערל אין וועלכן עס האָבן זיך געהאָדעוועט ראַדזשי־ווילס גאָלדענע קאַרפּן. נאָר מיט אַ מאָל האָט דאָס ניין־און־דרייסיקסטע יאָר געטאָן אַ כאַפּ אַרויס דאָס שיפל אויף די ברייטע שטורמישע וואַסערן און עס איבערגעדרייט. ווען די יאַטלעך זענען פון וואַסער אַרויסגעשוואומען, זענען דאָס שוין געווען דערוואַקסענע מענטשן, וואָס מוזן דורכשלאָגן אַ וועג אין נייעם לעבן ניט נאָר פאַר זיך — נאָר אויך פאַר די עלטערן, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס, און נעמען שטעלן וואַקלדיקע טריט אין דער סאָוויעטישער ווירקלעכ־קייט אַריין.

די נייע שפּראַך איז דער יוגנט ניט פרעמד געווען און דער גייסט, וואָס איז מיט איר געקומען, איז געווען פּרימיטיוו. ער האָט ניט פאַרלאַנגט קיין פאַרטיפונג. ער האָט גאָר פאַרלאַנגט פאַרפלאַכונג, זיך צוצופּאַסן. דעריבער איז אַ ניי־יאָר באַל מיט אַ יאָלקע, וואָס וואָלט פריער באַטראַכט געוואָרן פון דער יידישער יוגנט ווי אַ ווילדע גוי־אישע זאַך, אויפגענומען געוואָרן מיט דער נאַטירלעכקייט, ווי אַלץ וואָס קומט פון דער נייער אָרדענונג...

* * *

די ווייסרוסישע גימנאַזיע האָט פאַרנומען דעם רעכטן פליגל פון אַלטן מאָנאַסטיר. אין די זאַלן, אין וועלכע עס האָבן פריער אַרומגע־

שוועבט מיידלעך אין ווייכע, טוכענע שיכלעך, זענען אַצינד אַרומגע־גאַנגען פּויערישע זין אין גראָבע יוכטענע שיוול, און ניעסוויזשער יידישע בחורים אין גרינע מיליטערישע העמדלעך איבער די הויזן, נאָכהענגענדיקע קעשענעס אויפן ברוסט און אַרומגעגאַרטלט מיט לעדערנע פּאַפּרושקעס. פון אַ האַנטוועקער־שול פּאַר מיידלעך איז עס געוואָרן אַ ווייסרוסישע שול פּאַר מיידלעך און יינגלעך צוזאַמען. אין לעצטן פליגל פון מאָנאַסטיר האָבן די מאָנאַשקעס — גאָטס כלות, וואָס טראָגן קידושין־רינגלעך מיט דער אויפשריפט „נאַזשעטשאָנאָ פּאַנאַ באָגאַ״ — אָפּגעריכט זייערע תפלות.

* * *

סילוועסטער ניינצן־פערציק. די שטאָט, אָט די קליינע אָזיערע וואָס ליגט ביים זייט פון די ברייטע שטראָמען, האָט דערפילט ווי עפּעס ווערט זי ברייטער, די באַוועגונג אויף די גאַסן — ראַשיקער. די מענטשלעכע טריט, וואָס צעטרעטן דעם נאָר וואָס אָנגעפּאַלענעם שניי, זענען פאַרפילפאַכט געוואָרן. אָנגעלאָפענע ביעזשענצעס פון יענער זייט בוג, האָבן דאָ געזוכט אַ באַהעלטעניש כדי איבערצווואַרטן דעם שטורעם.

פון מאָנאַסטיר דערטראָגט זיך אַ מאָנאָטאָנער גלאָקן־קלאַנג. דער גלאָק זאָגט זיין אייגענעם קדיש. קדיש נאָכן לעצטן טאָג אין זיין לעבן פון גאָטס דינער. דער מאָנאַסטיר איז איינגעהילט אין נאַכט. פון דער טונקלקייט לייכט זיך בלויז דאָס וויטראַזש־פענצטער פון קאָלירט גלאָז וואָס ווייזט דאָס בילד פון גאָטס מוטער מיט אַן עופעלע אויף דער האַנט. אין גרויסן זאַל שטייט די יאָלקע. אַ יונגע יאָדלע, פריש אויסגעהאַקט אין מיעשטשאַנסקן וואַלד. זי איז אָנגעטאָן אין רויטע, גרינע בלישטשענדיקע קוילן, ווי אַ ווייסרוסישע שיקסע איז באַהאָנגען מיט פּאַטשערקעס, ווען זי גייט אין שטאָט אַריין זונטיק. אין די קוילן שפּיגלט זיך אָפּ דאָס עלעקטרישע ליכט און פאַרוואַנדלט די גלעזערנע קוילן אין קליינע שטערן.

די שילער טאַנצן. נייקע, אָנגעטאָן אין אַ פּאָר שטיוול, און דאָס גרינע העמדל איבער די הויזן, טאַנצט מיט סאָניען. די פּיס, ניט געוואוינט צו דער נייער הלבשה, באַוועגן זיך שווערלעך, ווי האָלצערנע. צייטנווייז פאַרבייסט סאָניע אַ ליפּ, און דאַן ערשט מערקט נייקע, אַז סאָניעס שיכל האָט זיך אַרונטערגעגליטשט אונטער זיין פוס. עס באַוועגט זיך פּאַרל נאָך פּאַרל ביים קלאַנג פון מוזיק. נייקע קען דאָ אַלעמען און שמייכלט זיך פריינדלעך אַריבער. פון אַ זייט שוועבט פּאַר זיין אויג פאַרביי אַ קאָפּ גאָלדענע לאָקן, אַ קיילעכדיק ראָז פּנימל, וואָס שמייכלט פון זיך אַליין. נייקע קוקט אַריבער סאָניעס אַקסל, אָבער אַלץ וואָס ער קען זען איז ניט מער ווי אַ בלוי קליידל מיט אַ ווייס קעלנערל, וואָס פאַרשווינדט און באַווייזט זיך צוריק, ווי זי וואָלט זיך שפּילן מיט אים אין באַהעלטעניש.

— ווער איז זי?(— האָט נייקע געפרעגט זיך אַליין, און גלייך געענטפערט:

— קיין שילערין פון אונדזער שול איז עס ניט, מסתמא א ביעזשענקע...

נייקע האָט פאַרגעסן, אַז זיין האַנט ליגט אויף סאָניעס טאַליע, אַז די מוזיק שפּילט. זיינע טריט האָבן זיך גענומען פּלאָנטערן ניט צום טאַקט, דאָס געמיט איז אים מער ניט געווען ביים טאַנצן. אין די טיפעניש פון זיין נשמה האָט עס אַ ברי געטאָן, אָט ווי אַ האַנט טוט אַ ברי ביים באַריר פון אייזיקן מעטאַל...

ער האָט געכאַפּט דעם בליק פון אירע אויגן און אים מער ניט אָפּגעלאָזן. עס איז געווען דער שטראַל פון ליכט וואָס ציט צו דאָס זומער-פייגעלע. נייקע האָט אין דעם מאָמענט ניט געטראַכט: צי איז ער דער שטראַל, וואָס פאַרמאָגט אין זיך דעם כוח פון צוציען, אָדער דאָס הילפלאָזע זומער-פייגעלע, וואָס קען זיך ניט העלפן. אייגנטלעך איז עס אים געווען גאַנץ גלייך...

זיי זענען געגאַנגען איבער די ברייטע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט

צום אַרויסגאַנג. נייקע האָט איר געהאָלפן אָנטאָן דעם לייכטן מאַנטל און זי אַרומגעוויקלט מיט אַ ווייסן, וואָלענעם שאַל, זי זאָל זיך ניט פאַרקילן. זי איז אַליין. ערגעץ וואו זענען אירע עלטערן. אויף דער אָדער אויף יענער זייט פון טייך בוג. דאָס ווייס זי נאָך ניט. זי איז געלאָפן, און אויסער אירע זיבעצן יאָר, האָט זי פאַרכאַפּט מיט זיך אַ פּאָר לייכטע זאַכן, פאַר דערוויייל. אַט אַזוי, אַ יונג פייגעלע פאַרטראָגן פון וועלט־שטורעם — האָט נייקע געטראַכט.

זיי זענען אַרויס אין דרויסן. אויפן מאָנאַסטיר־הויף האָט זיך געשוואַרצט אַ הילצערנער צלם. זיין שאָטן האָט זיך צעלייגט איבערן שניי. דער מאָנאַסטיר־זייגער האָט אויסגעקלאַפּט די לעצטע מינוטן מיט־נאַכט. נייקע האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום זייגער־טורעם. אין פענצטער, פון וואַנען ס'האָט אַ סעמינאַריסט אין די מאַי־פרימאָרגנס אויסגעשפּילט דעם היינאַל אויף אַ זילבערנעם קלאַרנעט, לייכט זיך אַ קליין פייערל, וואָס באַלייכט דעם זייגער. מיט־נאַכט.

לייכט שפּאַנען זיי איבערן פוכיקן שניי, וואָס ליגט זאַרגלאָז צעלייגט איבער די גאַסן. דער וועג איז פאַרשאָטן און זיין מוזן אים אַליין אויסטרעטן. כמעט ביי יעדן גאַס־לאַמטערן שטעלט זיך נייקע אָפּ. אין אירע האָר, וואָס קוקן אַרויס פון אונטערן טיכל שימערן פינפקאַנטיקע שנייעלעך. אירע פון פראָסט אויסגעקניפּטע באַקן שמייכלען, ווי די באַקן פון אַ רויטן, זאַפטיקן עפל; און אירע גוטע, קינדערשע אויגן נעמען אים אַדורך מיט אַ וואַרעמקייט. ער האַלט זי פעסט אונטערן אָרעם, ווי ער וואָלט זיך וועלן פאַרזיכערן אַז עס איז ניט קיין חלום פון אַ נאַאיוון פראָווינצער בחור...

זיי פילן ניט דעם פראָסט וואָס סקריפּעט אונטער די פיס. עס גייט זיך אַזוי לייכט. זיי דערציילן זיך פּאַסירונגען פון די קינדער־יאָרן. אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אַלטע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך שוין יאָרן ניט געזען און האָבן זיך פּלוצלונג ווידער געפונען.

נייקע איז צופרידן וואָס ער קען זי צעשטרייען, זי זאָל ניט

טראַכטן פון איר היים, אירע עלטערן. אין זיינע אויערן פאַלט איר שטים ווי אַן אויסגעבענקטע מעלאָדיע, וואָס עקזיסטירט איבערהויפּט ניט, נאָר מחמת מען בענקט נאָך איר, דוכט זיך, אַז זי קומט פון ערגעץ ווייט, און גיסט זיך אַריין אין געמיט און פון זיך אַליין נעמט עס זינגען. פון אירע רייד האָט ער נאָר פאַרנומען דעם קלאַנג. די ווערטער האָבן אים אויסגעזעצן איבעריק.

זיי שפּאַנען אַריין אין נייעם יאָר. איר פלאַפּלען פון אַ צוגעלאָזן קינד שטרייכט פאַר נייקען אונטער די געשטאַלט פון דעם יאָר, וואָס קומט אָן אין אַ שינעל פון ערד־קאָליר מיט אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס, אַרום לעדערנעם רימען הענגען גראַנאַטן און די ביקס איז איינגעקלאַמערט אין זיינע הענט. זיין פּנים איז די נאַכט — — —

פונדעסטוועגן זאָגט ער צינקען גאָרניט. ס'איז גוט וואָס זי מערקט עס ניט, וואָס צו איר באַוואוסטזיין דערגייט ניט דאָס בילד פון פּנימלאָזן דור מיט דער ביקס אין האַנט...

זיי בלייבן שטיין ביי אַ הילצערנעם טויער. דאָס טירל איז האַלב־אָפן און איז צוגעדריקט פוןביידע זייטן מיט גרודעס שניי.

נייקע האַלט אין זיין האַנט דאָס פּוכענע הענטל און ס'איז אים אַ שאָד זי אַרויסצולאָזן. ער קוקט זיך איין אין אירע אויגן מיט אַ בליק, וואָס וואָלט געוואָלט דעם פייכטן גלאַנץ פון אירע אויגן אויפהענגען אויף זיינע וויעס און שטענדיק עס האָבן פאַר די אויגן.

נייקע פילט איר הייסן אָטעם. זייערע ליפּן דערנענטערן זיך און שליסן זיך איין מיט איינאַנדער...

שבועות אין וואַלד

דער שטאָטישער וואַלד, וואָס פאַרלירט ניט זיין גרינקייט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, ענדערט פונדעסטוועגן זיינע קאָלירן. אין ווינטער ווערט ער טונקל גרין, און וואו ניט וואו באַקומט ער געלע פלעקן פון די בעריאָזע־בלעטער, וואָס ווערן אָפּגעטריקנט. אין פרילינג איז זיין גרינקייט אַ יונגע, אַ באַנייטע. זי שפּראָצט פון די צווייגן, פון די נאָדלען און פון די יונגע קנאָספּן אויף די ביימער. דעמאָלט איז עס אַ צאַרט־גרינע קאָליר, וואָס טראָגט אין זיך דעם סוד פון וואַקסן, פון פאַרמערן זיך.

פון דריי זייטן ארומגערינגלט מיט וואַלד, שטייט דער בנין פון דער קינדער־קאָלאָניע. די פענצטער — פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, די טירן צוגעשלאָסן. זי וואַרט אַז די קינדער — באַפרייטע אויף זומער פון די שולן — זאָלן אַריינבלאָזן לעבן אין איר; דאַן וועט זי זיך צע־שמייכלען מיט די אויסגעוואַשענע שויבן און די פייגעלעך וועלן ווידער אַ מאָל אַריינפליען דורך די ברייט־צעפּראַלטע פענצטער.

האָבן די יאַטן פון „סקיפּ" באַשלאָסן, אַז ס'איז אַן עבירה צו לאָזן פוסטעווען דעם בנין, ווען אין דרויסן איז פרילינג און דער וואַלד צעזינגט זיך מיט יונגע שטימעלעך, ווי ער וואָלט איינגעלאַדן די חברה זי זאָל צוזאַמען מיט די ברוינע וועווריקעס אַ קלעטער טאָן איבער די ביימער, אָדער זיך אַוועקלאָזן שפּילן צווישן די הויכע גראָזן.

— מ'דאַרף מאַכן אַן אויספלוג — אַזוי האָט פאַרגעשלאָגן משהל — אַ שבועות־לאַגער. מ'קען אפילו איינלאַדן די מירער און די סטויבצער אויך!

די יאַטן האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. צו ערשט זענען אַוועק בריוו מיט איינלאַדונגען, דאַן די צוגרייטונגען.

— דריי טעג וועט מען זיין אין וואַלד! מ'עט לעבן אין איין משפחה!

דער אַלטער וואַלד איז מיט אַ מאָל אָנגעפילט געוואָרן מיט יונגע קולות. עס האָבן געקלאַפּט האַמערס, און דער קאָלאָוראַט פון ברונעם האָט נאָכן לאַנגן ווינטער אַרויסגעלאָזט אַ סקריפּ ווען מען האָט אַראָפּ־געלאָזן די שטריק מיטן עמער אין ברונעם.

אין איין זייט וואַלד האָבן אויך די שומרים געבויט זייערע געצעלטן, אַרומגעגראָבן דעם טיש און זיך געגרייט אויפצוהויבן דעם מאַשט, אויף וועלכן זיי וועלן אַרויפציען די פאָן.

דער מאַשט, צונויפגעשלאָגן פון דינע לאַנגע סאָסנעס, איז אַ ביסל צו שווער פאַר זייערע כוחות.

איז באַמע קאַטשאַנאָווסקי אַוועק אין לאַגער פון די סקיפּיסטן:

— העלפט אונדז אויפשטעלן דעם תורין!

— אדרבא!

שוין האָבן חברה פאַרוואָרפן אַ שטריק, איין עק פון דעם מאַשט אָנגעשפאַרט אין וואַנט פון גרוב, און ווי פּויערים וואָס טוען עפּעס צוזאַמען, האָט באַמע אָנגעפירט:

— ראַז, דוואַ, וויזיאַלי...

— אישטשאַ ראַז, וויזיאַלי!

פּאַוואָליע האָט זיך דער מאַשט גענומען אויסגלייכן, און ווען ער איז שטיין געבליבן, האָט ער אַריבערגעקוקט הויך איבערן וואַלד.

פון ברייטן, זאַמדיקן שליאַך זענען אָנגעקומען געסט.

— חברשאַפט!

— חברשאַפט!

— אָ, הערשל פּיערניקאָוו פון דערמיר, וואָס מאַכט מען?

— און דאָס איז חבר הערשל פּאָסמאַניק, דער ליאַק... — דאָס האָבן יאַטן פאַרגעשטעלט אַן עלטערן צוקונפטיסט.

פאַרנאַכט זיצט שוין חברהביים אָוונט־ברויט, ווי אַלטע באַקאַנטע. איין גרויסע משפחה.

דער שטאָטישער וואַלד איז געוואוינט צו זען ווי איבער זיינע קרוינען פלאַטערט די ווייס־בלויע פאָן. אויך דער גאַיאָווע, דער וואַלד־שומר, איז געוואוינט צו זען אַז יונגע יידישע בחורים קלייבן זיך צוזאַמען אין וואַלד, זאָל אויפן מאַשט פלאַטערן די פאָן. אַזוי פירט זיך שוין זיבן יאָרן, און ער קען כמעט אַלע שומרים. ער ווייסט שוין ווען זיי דאַרפן אָנקומען אין וואַלד, דעמאָלט גרייט ער אָן פאַר זיי צווייי יונגע סאָסנעס פאַרן מאַשט. דערפאַר קויפן זיי ביי אים מילך. ער קען אפילו זייערע טאַטעס אין שטאָט וואָס האָבן קראָמען, וואו ער קומט אָפט איינצוקויפן פאַר זיין ווירטשאַפט.

וועגן די אַנדערע קימערט ער זיך קנאַפּ. זיי וואוינען אין קאָלאָ־ניע־בנין, מסתמא האָבן זיי אַ שייכות צום „טאָז" וואו עס איז פרעזעס דער פאָן דאָקטאָר גינזבורג. נאָר עפּעס איז אים געווען פאַרדעכטיק דאָס רויטע פענדל, וואָס פלאַטערט ניט צו הויך ביים אַריינגאַנג. אמת, נעבן איר פלאַטערט אויך אַ בלויע. דער פאַרדאַכט לאָזט אים ניט רוען, עפּעס הענגט דאָס פענדל צו נידעריק; און זי איז גאָר אַזוי קליין, קוים מען זעט עס. ביי די אַנדערע זעט זיך די ווייס־בלויע פאָן פון דער ווייטנס, הויך איבערן וואַלד. אַ רויט פענדל צווישן יידן — דאָ מוז עפּעס זיין אַ ניט גלאַטע זאַך. פאַרטייעט זיך דער גאַיאָווע צווישן די בוימער, כלומרשט — ער גייט אין וואַלד, און וויל דערוויייל זען וואָס די דאָזיקע יינגלעך און מיידלעך טוען.

— נאָר מען רעדט — זאָגט ער צו זיך אַליין — איינער דערציילט און די אַנדערע הערן צו; גאָר גלאַט איז עס ניט...

מיט זיין פּשוטן פּויערישן שכל קען ער עס ניט באַנעמען. אין

אַזעלכע פּאַלן ווייס ער, איז בעסער צו מעלדן וואו מען דאַרף. זיי וועלן עס שוין קלאָר מאַכן.

אויפן דריטן טאָג האָבן חברה אָפּגעשלאָסן דעם לאַגער און זיך אַוועקגעלאָזן צו פוס אין שטאָט אַריין.

— איידער מען צעפּאָרט זיך, ווילן מיר כאַפּן אַ קוק אויף ניעס־וויזש.

אויפן וועגן זענען אָנגעריטן פּאָליציי־לייט אויף פערד; זיי זענען געפאָרן אין דער ריכטונג פון וואַלד.

צום ערשטן זענען די געסט אַוועק אין דער יידישער שול. צו דער שול האָבן זיי זיך געפילט גאָר נאָענטע מחותנים.

דער דרייצן־יעריקער משהל איז געווען צו מיד אַרומצופירן די געסט איבער דער שטאָט. די לאַגער־ווירטשאַפט, דאָס אַכטונג געבן אויף די איינריכטונגען פון דער קאָלאָניע, אַז אַלץ זאָל בלייבן אין אָרדענונג, ווי ער האָט עס צוגעזאָגט זיין טאַטן, האָט פאַרשלונגען פיל צייט ס'איז אים ווייניק צייט געבליבן אויף אָפּצורוען זיך. ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער נאָך אַלץ געזעסן, ביז די פייערן האָבן זיך אויס־געברענט. דער נאַכטיקער גערויש האָט איינגעוויגט, נאָר די פליכט איז שטאַרקער געווען.

ער האָט זיך אָפּגעזעגנט און אַוועק אַהיים.

די פּאָליציי האָט שוין אויפן לאַגער קיינעם ניט געפונען. זיי זענען שנעל צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין. ערשט אַרום די שולן האָבן זיי געטראָפן די פרעמדע, און אָפּגעפירט אין קאָמיסאַריאַט אַריין.

דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט זיי גענומען אויפן פאַרהער:

— ווער זענט איר?

— צוקונפטיסטן.

— וואָס האָט איר געטאָן אין וואַלד?

— מיר האָבן געהאַט אַ דריי־טאָגיקן לאַגער.

— שפּאַצירט אין וואַלד, געזונגען לידער.

— אַזוי, לידער. טאָ לאָמיר הערן אַ ליד!

איז חברה ניט פּויל און צעזינגט זיך אויף אַלע שטימען: „דעם מאָרגן־רויטן אַנטקעגן" — אַזש עס צעטראָגט זיך דורך די אָפענע פענצטער אין מאַרק אַריין.

פון דעם ליד פאַרשטייט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר נאָר דאָס לעצטע וואָרט אין רעפריין:

— ווייל מיר די יונגע גוואַרדיע פון פּראָלעטאַריאַט...

פּסקנט ער מיט אויטאָריטעט:

— קאָמבונד, פּסיאָ קרעוו...

אַצינד ווערט די חברה אים ערשט פאַרדעכטיק, און ער נעמט זיך צו דער אויספאָרשונג:

— ווער האָט אייך אַהער אַראָפּגעבראַכט?

קוקן זיך די יאַטן איבער, און עס בלייבט, אַז מען דאַרף זאָגן דעם אמת. דערקלערן זיי:

— משה אייזענבוד!

— טעגאָ יאַ דאָבזשע זנאַם! — מאַכט דער קאָמיסאַר, און שיקט אַ פּאָליציסט מען זאָל אים אַהער ברענגען.

אַ פערטל שעה שפּעטער האָט זיך דער פּאָליציסט צוריקגעקערט מיט משה אייזענבוד, דעם אייגנטימער פון „האָטעל וואַרשאַווסקי".

די געשיכטע מיט אַרעסט איז דערגאַנגען צו ניאָמקע אייזענבודן, דעם צאָן־טאָקטער און אָנפירער פון די ציוניסטן.

— וואָס, משהן? — האָט ער זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן — וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט זיי?

זיי — דאָס זענען ביי אים געווען די צוויי „לינקע" אין דער משפחה: דער דעפּוטאַט פון לעטישן פּאַרלאַמענט נח מייזל און לייבל אייזענבוד.

ניאָמקע האָט אַ נערוועזן דריק געטאָן די גאָלדענע פענסע, גע־נומען דעם קאַפּעלוש און זיך אַוועקגעלאָזן צום פּאָליציי־קאָמיסאַר.

— וואָרעם טאַקע, וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צו זיי...

* * *

אָט דאָס איז ער! — האָט מיט טריאומף אויסגערופן דער קאָמי־סאַר, נאָך דעם ווי ער האָט משהן אַריינגעפירט. די חברה האָבן אים אָנגעקוקט און געשאָקלט מיט די קעפּ:

— ניין, מיר זעען דעם מענטש ס'ערשטע מאָל...

— צאָ זאַ פּסיאַ קרעוו — האָט זיך דער קאָמיסאַר גענומען וואָרפן.

— צו ערשט זאָגט איר: משה איזענבוד, איז אָט איז ער דאָך. זאָגט איר: ניין. טאָ ווער זשע?

— משה אייזענבוד — חזרט חברה איבער ס'זייעריקע.

אין קאָמיסאַריאַט איז אַריין ניאָמקע.

— פּאַניע אייזענבוד, ביטע, זעצט זיך — איז דער קאָמיסאַר העפ־לעך. — קענט איר מיר אַרויסהעלפן?

— יאָ, משה אייזענבוד קען איך. ער איז אַ ציוניסט.

דער דאָזיקער פּלאָנטער פון די פיל אייזענבודס האָט אין קאָפּ פון קאָמיסאַר גענומען אויסזען ווי אַ יידישער שווינדל, אָבער אַזאַ כיטרער, אַז מען קען ניט געפינען דעם פאָדים אים אויסצופּלאָנטערן. דעם פאַן דאָקטאָר גלויבט ער. דעם משהן קען ער ניט פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן. אָבער זיי טענהן דאָך פאָרט -- משה אייזענבוד, טאָ ווער איז ער?

כדי אַרויסצוקריכן פון דער לאַגע און דערביי ניט אָנצורירן זיין האָנאָר, האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר געפּסקנט:

— איר פרעמדע, טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען, נאָך היינט נאָך. מיט די היגע וועלן מיר זיך שוין אַליין פאַנאַנדערקלייבן...

עס איז שוין געווען שפּעטער אָוונט, ווען דער דרייצן־יעריקער משהל האָט זיך אויסגעשלאָפן, און איז געגאַנגען זען חברים. ערשט דאַן איז ער געוואָרן געוואָרן, אַז ווען ער איז זיך רואיק געשלאָפן, האָט די פּאָליציי אים אַרומגעזוכט...

דער לעצטער פּאָרעם

פּליטים זענען מיר געווען

טריבע, האַרבסטיקע טעג. אַ מאָנאָטאָן רעגנדל זיפּט, פּילט אָן מיט מרה־שחורה. די ליימיקע ערד פֿאַלט צו צו די פּיס און מען קען זי קוים אָפּרייסן. אויף דעם קליינעם, פּיר־קאַנטיקן שייבל טריפן שטיקלעך ליים פון דער וואַנט אַראָפּ, און זי איז אין גאַנצן פֿאַרשמירט מיט קליינע ליימיקע ריטשקעלעך, ווי דאָס פּנים פון אַ קינד, וואָס האָט לאַנג און עקשנותדיק געוויינט. לייזער זיצט אויפן הילצערנעם קעסטל, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דאָס מעבל פון שטיבל. דאָס איז אי זיין טיש, אי זיין שאַנק, אי זיין קישן, אין וועלכן ער שפּאַרט אָן זיין מידן קאָפּ אין די נעכט. די לאַנגע פּיס, וואָס פּאַסן לחלוטין ניט צו זיין יינגלישער פיגור, שטייען נעבן איינאַנדער, פֿאַרוויקלט אין נאַסע שמאַטעס. זיי זעען אויס ווי איינגעוואַקסן אין ערדענעם דיל. דער צעשויבערטער קאָפּ, אין וועלכן עס זענען פֿאַרטיפט זיינע פינגער, איז אונטערגעשפּאַרט מיט צוויי דאַרע, ביינערנע הענט. זיינע גרויסע נאָך קינדערשע אויגן זענען צוגעשמידט צום סופיט, אויף וועלכן דער נאַסער פלעק ווערט אַלץ ברייטער און ברייטער. ער עסט מיט די אויגן דעם פלעק, ווי ער וואָלט אים וועלן היפּנאָטיזירן. ער מוז אָפּשטעלן זיין אויסשפּרייטונג. טאָמער ניט, קען דער סופיט איינפּאַלן און דאַן איז עס אויס מיטן ווינקל, וואו ער פּילט זיך נאָך ווי אַ שטיקל מענטש.

אַ טרויעריק בילד זעט לייזער: דאָס צווייטע מאָל טוישט ער די וואוינונג. יענע האָט דער רעגן דורכגעווייקט און זי איז ביינאַכט

איינגעפאַלן. אים האָט געראַטעוועט דאָס אייזערנע בעטל, אונטער וועלכן ער איז געשלאָפן. אויב דאָס הייזל פאַלט איין, ווער וועט אים אַצינד אַריינלאָזן?

ער האָט אַ שווער האַרץ אויף די אוזבעקן:

— צי דען האָבן זיי ניט געקענט בויען אַ הויז ווי ביי אונדז, מיט געברענטע ציגל און מיט ליים, און ניט מיט ערד, אויסגעמישט מיט שטרוי און פערד־מיסט?...

דער ווינט לאַכט אַ פאַרשייטער אַריין אין בלעכענעם קוימען, ווי ער וואָלט חוזק געמאַכט פון לייזערס געדאַנקען. ער נעמט טראַכטן פון זיין טאַטן, פון זיין מאַמען איטקע, נאָר דער מאָגן, זיין גרעסטער שונא, נעמט ברומען און זיך בייזערן. דאָס דערמאָנט ער אים אַז שוין דעם דריטן טאָג ווי ער האָט קיין ברויט ניט געגעסן. זיין לעדערן בייטל האָט שוין לאַנג ניט געפילט דעם קלאַנג פון אַ רובל. לייזער מאַכט מיט זיך דעם חשבון:

— לעבט אַ מענטש צוואַנציק יאָר, נו איז גענוג. וויפיל איז דער שיעור? אַן אינערלעכער געפיל זאָגט אים אָבער: דו מוזט לעבן. דו טאָרסט ניט אויסגיין, דו מוזט עפּעס טאָן. דו דאַרפסט לעבן. הערסט מיך, לייזער? דו דאַרפסט לעבן — דאָס איז גרינג צו זאָגן, אָבער ווי אַזוי? לעבן איז דאָך ניט עפּעס אַ זאַך, וואָס מען קען אויס־חלומען, אין טרוים אויסמאָלן. לעבן איז קודם־כל פאַרבונדן מיט עסן. אַ פיזישער געזעץ וועלכן לייזער קען ניט אָפּפרעגן. נאָר די פּיס, די שווערע קלעצער, ווילן זיך ניט רירן. דער ווינט פּראַלט אויף די טיר און גיסט אים אָפּ מיט אַ הויפן וואַסער.

לייזער קומט צו זיך. פיר ווענט און אַ הילצערן קעסטל. נאָר דערווייל בין איך אויף דעם זייט קעסטל — טוט לייזער אַ זאָג צו זיך מיט אַ צעקרומטן שמייכל אויפן פּנים. ער הויבט זיך אויף, און כאַטש ער ווייסט גאַנץ גוט וואָס עס געפינט זיך אין קעסטל, פונדעסטוועגן נעמט ער נישטערן צווישן די שמאַטעס. וואָס פאַרקויפט מען?

זיין זייגערל טראָגט אַן אַרמענער אין טאַשקענט, זיין אנצוג — אַ בוכהאַלטער פון אַן אַרטעל. זיינע וועש? האָט ער אַמאָל דען געהאַט וועש? ווייסע, געפּרעסטע, וואָס האָבן געברוליועט פון זויבערקייט? נו, יאָ — ער דערמאָנט זיך. אָבער דאָס געהערט שוין צו אַ צייט, ווען מען זאָגט — עס איז געווען. אָבער איצט?

ער קוקט אויף זיינע דאַרע, אויסגעצויגענע פינגער:

— וואָס קען איך מיט זיי מאַכן?

ער האָט נאָך איין פּאָר הויזן, דאָס לעצטע וואָס דערמאָנען אים, אַז ער האָט אַמאָל געהייסן לייזער מינסקי, אַז זיין טאַטע האָט געהאַט אַ שניידער־וואַרשטאַט און איז געגאַנגען יעדן אָוונט אין האַנטווער־קער־פאַראיין שפּילן אַ דאָמינאָ. ער, לייזער, האָט געלערנט אין גימ־נאַזיע, ער האָט געהאַט חברים, פריינד. אונטער זיין שילער־היטל מיטן מלוכהשן הערב האָבן זיך געוועקט פאַרבאָרגענע געדאַנקען, פאַר וועלכע ער האָט גיריק געזוכט אַן ענטפער אין דינע, פאַרבאָטענע ביכלעך. פון דעם איז געבליבן אַ פּאָר אויסגעריבענע גראַנאַט־הויזן מיטן בלויען קאַנט — אַ דינער בלויער פאָדים — וואָס האָט אים פאַר־בונדן מיטן נעכטן, מיט זיין „איך". רייסט ער איבער דעם פאָדים, דעם לעצטן, דאַן בלייבט ער אַ קליין זעמדעלע צווישן די זאַמדן פון אַזיאַטישן מדבר. אַ שוידער נעמט אים אַרום ביי דעם געדאַנק. שוין וויפיל מאָנאַטן, אַז ער האָט זיי ניט אָנגעטאָן? צו וואָס? אַ ווייט־פאַר־באָרגן פייערל פון האָפענונג, וועלכער זעט אויס ווי אַ ווייטער חלום, רייסט זיך אַדורך דורך זיינע פאַרנעפּלטע געדאַנקען:

— טאָמער ענדיקט זיך דאָס אַלץ, און איך וועל אַהיים פאָרן? קיינעם וועט דאָך מיר ניט געבן עפּעס אָנצוטאָן. טאָ זאָלן זיי ליגן.

זיין אומגעדולדיקער מאָגן מאָנט דאָס זייניקע. פון סופית נעמען פאַלן שטיקלעך ליים, טראָפּס וואַסער רייסן זיך דורך און פאַלן אויף דער ערד.

— צי האָט עס אַ זין — נעמט ווידער לייזער טראַכטן אין דער

ריכטונג אין וועלכער עס דיקטירט דער מאָגן. — צי לוינט זיך עס צו קלאַמערן אין אַ פּאָר אַלטע, אויסגעריבענע הויזן? פאַרקויף זיי! אין דיין קערפּער וועט זיך צעגיין אַ וואַרעמקייט פון דעם שטיק ברויט, וואָס דו וועסט קריגן. דאָס בלוט וועט האַסטיקער פליסן און נאָך אַ פּאָר שעה פון דיין לעבן איז געראַטעוועט!

אַ פייכטקייט האָט אָנגעפילט זיינע אויגן, זיך פאַראייניקט אין אַ קליינעם טרער, און איז אַראָפּגעפאַלן איבער זיינע איינגעפאַלענע באַקן.

ער האָט זיך ווי אָפּגעריסן פון קעסטן. אַרומגעקוקט זיך, ווי ער וואָלט געזוכט דעם באַעוולהטן לייזער מינסקין, וועמענס אָנהאַלט, וועמענס פאָדעם צום נעכטן ער גייט איצט איבעררייסן, און אויס.

ס'וואָסער קומט אים אין מויל אַריין פון בלויזן געדאַנק, פון דעם ווייכן ברויט, וועלכן זיינע פאַרגעלטע ציינער וועלן באַלד בייסן. ער מוז לעבן! און זאָל דער צווייטער אין אים פאַרלוירן גיין מיט זיין אָפּגעלעבטער פילאָזאָפיע פון אַ קליינבירגער, מיט דער צוגעבינדנקייט צו אַ היים. ער, לייזער האָט ניט קיין טאַטע־מאַמע, קיין היים. ער איז אַ בראָדיאַגע, אַ קינד פון דער צייט. ער מוז פאַרקויפן די הויזן און אָפּעסן. כאָטש איין מאָל אָנפילן דעם מאָגן...

זיינע שווערע פיס קנעטן די געדיכטע, שליימיקע בלאָטע. די הויזן ווי אַ גנבה פאַרשטעקט הינטערן צעפליקטן בושלאָט. נאָר ניט שטיין בלייבן. קיין שום ספיקות. צום באַזאַר...

דער ווינט, אַ חוצפּהניק־בייזער, טוט אַ כאַפּ זיין דאַרן קערפּער און ווי אַ שפּילצייג הייבט ער אים אויף און וואַרפט אים אום אין דער בלאָטע. אַ צופרידענער שמייכל ווערט פאַרגליווערט אויף זיין בלאַסן פּנים. ער ליגט רואיק, ווי אין אַ ווייכן, וואַרעמען בעט. עס דוכט זיך אים ווי די מאַמע רעדט:

— ביסט צוריקגעקומען מיין קינד, אַ יאָ, ביסט צוריקגעקומען? נו רו זיך אויס, האָסט שווערע צייטן געהאַט, מיין קינד. און זי דעקט אים מיט מאַמישער וואַרעמקייט איין, און ער זינקט אין שלאָף...

קאָנספּיראַטאָרן...

קלמן־איטשעס שטוב איז געווען אַן אַלטע, הילצערנע געביידע וואָס האָט פאַרנומען איר ווינקל אין דער גאַס. קיינער האָט קיין אַכט ניט געלייגט דערויף וואָס קלמן־איטשע, דער ווינקל־אַדוואָקאַט, איז שוין אויך ניטאָ. דער נאָמען „קאַלמאַניטשעס שטוב" איז געווען ווי די דריי גאַניקעס, פאַר די דריי טירן וואָס האָבן זיך אויפגעמאַכט פון גאַס, ווי די געטיעסעטע ברושעס אין וועלכע זשוקעס האָבן אויסגעבויערט קליינע לעכעלעך, און פון זיי האָט זיך געשאָטן ווייסער פּולווער; ווי דער פונדאַמענט פון געהאַקטע שטיינער — עס איז געווען אַ טייל פון דער געביידע.

אין עטלעכע אָפּגעלאָזענע, טונקעלע צימערן האָט געלעבט די פאַמיליע שטיין. ערגעץ וואו האָבן זיי זיך אָנגעהערט משפּחה מ׳ט קלמן־איטשען, און ווייל קיינער אין שטאָט האָט זיך ניט געקליבן איבערצונעמען די ירושה, האָבן די שטיינס ניט נויטיק געהאַט צו דערווייזן געגנוי, אין וועלכן אָרט זייער צווייג האָט אַרויסגעשפּראָצט פון דעם בוים, פון קלמן־איטשעס יחוס. ס׳איז גענוג געווען אַז זיי האָבן זיך דערקלערט ווי קרובים. דערפאַר איז אָבער אויך ניט געווען פון וועמען צו פאַרלאַנגען אַז מען זאָל די פּאָר חדרים אויסקאַלכן לכל הפּחות, כדי זיי צו געבן אַ שיין פון אַ מענטשלעכע דירה.

אַרום טיש האָט געווײנלעך אַרומשפּאַצירט אַ הון. די מאַמע שטיין האָט זי געקויפט אין מיטן דער וואָך, ווי אַן אַדערויף אויפן שבת. ווען ס׳איז דער הון לאַנגווייליק געוואָרן אַרומצושפּאַצירן, האָט זי געקאָנט אַ פלי טאָן איבער די בעטן, זיך זעצן אויפן ראַנד פון

אַלמער און דאָרטן טאָן איר הינערישע באַדערפֿעניש. טאָמער איז צופֿעליק אויפֿן טיש געלעגן אַ שטיק ברויט, איז זי ניט פֿויל געווען זיך אַרויפֿשטעלן אויבן אָן און עס נעמען פּיקן. ווארעם אַז אַ הון איז אָפּגעווען עטלעכע טעג אין דער וואוינונג פֿון די שטיינס, איז זי גלייך געקומען צום שכל אַז וואַרטן אויף כּבֿוד דאַרף מען ניט; מען מוז זיך אַליין פֿאַרשאַפֿן דעם ביסן, אַפֿילו ווען דער לעבנס־שפּאַן איז אַ קורצער — אַזוי פֿון מאַנטיק־דינסטיק, ביז פֿרייטיק אין דער פֿרי.

די רויטע איבערבעטן, פֿון וועלכע עס איז אַרויסגעקראָכן דער פּוך און זענען געלעגן צעוואָרפֿן איבער די הילצערנע בעטן, האָבן געשאַפֿן דעם איינדרוק אַז ס'איז ערבֿ־פּסח און מען גרייט זיך זיי איבערציִען. ניט מער, דער ערבֿ פּסח האָט זיך געצויגן אַ גאַנצן ווינטער.

אַז אַ פֿרעמדער וואָלט אין אַ געוויינלעכן טאָג צופֿעליק אַריבער־געטראָגן די שוועל פֿון דער וואוינונג, און פֿאַרזיכטיק שטעלנדיק די פֿיס צווישן די הינערישע איבערבלייבעכצן, דערזען די אָפּגעשייל־טע ווענט, דאָס מעבל, און די ניט פֿאַרבעטע בעטן, און וואָלט זיך געוואָלט צוריקציִען, כּדי אַרויסצוכאַפּן זיך אין דרויסן — וואָלט זיין בליק געפֿאַלן אויף אַן עטאַזשערקע אָנגעפּראָפּט מיט ביכער. דער פֿרעמדער וואָלט זיך פּלוצלונג פֿאַרהאַלטן, ווי ער וואָלט זיינע אויגן ניט געגלויבט — ב י כ ע ר ?

נאָר פֿאַר אַ שטעטלדיקן איז דאָס אַלץ ניט קיין וואונדער. די מאַמע שטיין האָט וואָס אָן אמת קיין חיונה בריווח ניט געהאַט. דאָס ביסעלע וואָס זי האָט אַרויסגעריסן פֿון לעבן האָט קוים געקלעקט צו דערנערן די משפּחה. פֿונדעסטוועגן האָט דער עלטסטער ראובֿן געענדיקט די פּוילישע גימנאַזיע, דער מיטעלער איז געווען פֿאַרקאָכט אין פֿילאָזאָפֿישע ביכער, און דער דרייצן־יעריקער לייבע — אַ שילער אין דער העברעאישער שול „תּרבות".

און אַלע האָבן זיי ליב געהאַט — ביכער.

* * *

די סאָוויעטישע מאַכט וואָס האָט פאַרנומען ס׳שטעטל, ווי ס׳וואָלט שוין לאַנג געווען אַ טייל פון ווייסרוסלאַנד, האָט ניט ליכטיקער געמאַכט אין דער דירה פון דער משפחה שטיין. זיי זענען אויך ניט זאַטער געוואָרן, זי האָט בלויז די דירה גראָמער געמאַכט. מחמת דער עלטסטער איז אַוועקגעפאָרן זיך לערנען אויף קורסן, דער מיטעלער האָט פון אַבסטראַקטע פילאָזאָפיע זיך אַ נעם געטאָן צו קאָנקרעטע פּראָבלעמען און איז אין אַ קורצער צייט געוואָרן אַ בקי אין דער „סאָוויעטישער תורה״ — און זיך באַלד אַ רוק געטאָן אויבן אָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מתמיד. אין דער היים איז געבליבן דער דרייצניעריקער לייבל, ווי אַ קינד ביי דער מאַמעס פאַרטוך.

ניט מער, אויך קינדער טראַכטן. ס׳איז נאָר ניט קלאָר ווי לאַנג דאַרף עס דויערן ביז די געדאַנקען ווערן רייף... אַלנפאַלס, ביי לייבען זענען זיי רייף געוואָרן אין מיטן ווינטער. די מיטלען וואָס האָבן דערצו מיטגעהאָלפן זענען געווען פאַרשידענע. אָט איז די „תרבות־שול געשלאָסן. קלאַנגען גייען — מען דאַרף אָנהויבן לערנען יידיש. יידיש — האָט לייבע געטראַכט — זאָל זיין יידיש, אבי לערנען. וואָרעם ווי ווייט איז דען יידיש פון העברעאיש?! נאָר איינס איז קלאָר, די העברעאישע ביכער פון דער שול־ביבליאָטעק קען מען ניט איבערשרייבן — זיי וועט די נייע מאַכט באַשטימט צונעמען און פאַרניכטן. און לייבען ווילט זיך בשום אופן ניט שיידן מיט די ביכער דורך וועלכע ער האָט דערזען די וועלט (כאָטש פאַר זיין מיטעלן ברודער איז דער אויסדרוק וועלט געווען צו פשוט, און ער האָט תמיד אין אַזאַ פאַל געניצט דאָס וואָרט — אוניווערס...).

אין אַ פראָסטיקן טאָג, ביי דער גרויער וואַנט פון קלמן־איטשעס שטוב, אַ וואַנט מיט ווייניק פענצטער, ווייל זי גייט אַרויס צום הויף, איז פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון דריי יאַטלעך. אַ פרעמדער וואָלט געמיינט אַז זיי מאַכן שניי־קוילן, אָדער טאָפּטשען סתם אַרום אין

אַנגעפּאַלענעם שניי. נאָר זיי האָבן געהערט — תכלית. זיי האָבן זיך ניט געקליבן אַראָפּוואַרפן די מאַכט, חלילה. אפילו ניט צו וואַרפן באָמבעס, ווי אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך געפירט. אַלץ וואָס זיי האָבן געוואָלט איז — ראַטעווען די ביבליאָטעק מיט די העברעאישע ביכער.

און אַט, צייכענענדיק מיט שטעקעלעך איבערן שניי, איז געבוירן געוואָרן דער פּלאַן: דער בעסטער אָרט פאַר דער נייער ביבליאָטעק אין דאָס „שטיבל" פון דער קאַלטער שול. שעפּסלס פעטער, איטשע דער הויכער, וואָס איז געווען גבאי פון דער שול, האָט דעם שליסל. כדי מען זאָל ניט באַמערקן אַז די ביכער־שענק זענען ליידיק, דאַרף מען די סידורים, מחזורים וואָס שטייען אין די שענק פון שטיבל, אַרויסרייסן פון זייערע טאָוולען; אויך די העברעאישע ביכער אַרויסרייסן פון די טאָוולען און די ביכער אויסטוישן.

וואָרעם טאָוולען — האָבן די יאַטלעך געהאַלטן — דערציילן ניט וועגן אינהאַלט פון בוך, און די סידורים נוצט סיי ווי קיינער ניט, ווייל דאָס שטיבל שטייט פאַרלאָזן.

— איז אַלץ קלאָר? — האָט געפרעגט דער שוואַרצער לייבע, נאָך דעם ווי דער פּלאַן איז געלעגן פאַר די חברים ווי אויף דער האַנט. אַצינד איז געבליבן די סטראַטעגיע צו פאַרוואַנדלען אין טאַקטיק: — מען דאַרף צוציען נאָך עטלעכע יאַטלעך — האָט פאָרגעלייגט שעפּסל — אַזאַ זאַך קען מען לאַנג ניט פאַרציען.

האָט מאָניעק באַנקאָווסקי גענומען אויף זיך איבערצורעדן די זאַך מיט די אַנדערע יאַטלעך פון זייער קלאַס. ער האָט אין זינען געהאַט דעם רויטן מאָטקע פראַמאַן, לייבעלע סלוצקי, יצחק פערלמאַן און די צוויי כאַלאַפּעס: נאָטע און איטשע. אויף זיי קען מען זיך פאַרלאָזן.

— אַלץ איז גרייט — האָט מאָניעק איבערגעגעבן — מען קען צוטרעטן.

זענען די יאָטלעך אַוועק צו יאַנען, דעם סטרוזש פון „תרבות״, כדי צו זען וואָס ער מאַכט. יאַן האָט זיך דערפרייט מיט די אַלטע פריינד זיינע, און זיך מיט זיי אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס וועגן די נייע צייטן:

— ווען וועט מען ווידער דאָ לערנען?

און ביז זיין האָבן אים געגעבן די תשובה, האָט עמיץ דערווייל אָפּגעקייטלט אַ פענצטער.

* * *

די נאַכט אַ קאַלטע, פראָסטיקע, האָט די יונגע קאָנספּיראַטאָרן געגעבן דעקונג. לייבע איז געשטאַנען פאַר די אָפענע שענק, געפליקט די ביכער פון זייערע טאַוולען, און אַרויסגעגעבן זיי דורכן אָפענעם פענצטער. ערשט דאָ האָבן די יאָטלעך זיי אַריינגעלאָזט אין די פאָלעס פון די מאַנטלען, און אַוועקגעלאָזט זיך צום „שטיבל״, וואו שעפסל האָט שוין גרייט געהאַט די סידורים וואָס וועלן צוריק פאַרנעמען דאָס ליידיקע אָרט אין שאַנק...

האָבן די דרייצן־יעריקע יאָטלעך אָפּגעשאַצט די געפאַר וואָס לויערט אויף זיי טאָמער אַנטדעקט זיי אַ פּאַטראָל וואָס דרייט זיך אַרום איבער דער שטאָט? האָבן זיי געטראַכט וואָס עס קען פאַסירן מיט זייערע עלטערן, לערער, מיט די אַנדערע יידן אין שטאָט? שווער דערויף צו ענטפערן. איינס האָבן זיי פאַרשטאַנען: אַלץ מוז מען מאַכן אַליין און ניט פאַרטרויען קיין עלטערן...

די שטאָט איז רואיק געשלאָפן, ווי עס שלאָפן מענטשן, וועלכע האָבן אַקצעפּטירט די נייע אָרדענונג, מיט אירע געזעצן. ווי עס שטייט געשריבן: דינא דמלכותא — דינא.

די יאָטלעך האָבן געאַרבעט פיבערדיק, ניט שפירנדיק דעם פראָסט. נאָר מיט איין מאָל איז עס אוממעגלעך געוואָרן צו פאַרענדיקן.

— מען מוז צו דער צייט אַ היים קומען...

די מאַמע שטיין האָט בשום אופן ניט געקענט באַגרייפן, פאַר־וואָס די קעשענעס פון לייבעס מאַנטל זענען צעטרענט, אַזש די האַנט פאַלט אַריין אין די פּאָלעס.

— ניט אַנדערש, נאָר דו טראָגסט שטיינער אַריבער.

— ניט קיין שטיינער, מאַמע. דאָס קלייב איך זיך דעם מאַגיס־טראַט אריבערצוטראָגן....

די מאַמע האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס, און די לעכער פאַרנייט...

* * *

די לערער און די עלטערע תלמידים האָבן מיט באַדויערן, ווי זיי וואָלטן באַגלייט אַ מת, ארויסגעבאַגלייט די פאַרקלאַפּטע ביכער־שענק, וועלכע פרעמדע הענט האָבן אָנגעלאדן אין שליטנס.

די יאַטלעך האָבן זיך צוגעקוקט פון דער ווייטנס, ווי ס'וואָלט זיי גאָרניט אָנגעגאַנגען, ווי זיי וואָלטן מיט אַ מאָל פאַרלוירן דעם אינ־טערעס פאַר ביכער. בלויז זייערע אויגן האָבן געפינקלט. דאָס איז געווען דאָס פּייערל פון סוד און נצחון.

די ביבליאָטעק האָט ווייטער עקזיסטירט...

עס זענען געווען...

געסלעך, געסלעך,
געסלעך מיט מויערן —
אייביק וועל איך, געסעלעך,
בענקען נאָך אייך, טרויערן...

— — — מיט אַ וויי־כער, האַרציקער שטימע זינגט די יונגע קינסטלערין אויס דעם וויי, אונדזער בענקשאַפט, וואָס ליגט פאַרבאַ־האלטן אין די געסלעך, צוגעטוליעט צו די קאַלטע מויערן, און איך זע מיין יוגנט שפּאַצירן אויף זייערע הילצערנע טראָטואַרן.

געסלעך... געסלעך...

די שטאָט שלאָפט. נאָר וואָס האָט זיך די זון אַרויסגערוקט פון איר פוטערפּאַס, און לאַנגע שאָטנס ציען זיך איבער דער גאַס. פון די נידעריקע, איינגעהויקערטע הייזלעך באַווייזט זיך יעדעס מאָל אַ פאַר־שלאָפן פּנים און כאַפּט אַ קוק:

— ווי לאַנג זענען שוין די שאָטנס, מען דאַרף דאָך וויסן ווי שפּעט ס׳איז...

הינקעדיקערס בעקעריי פאַרשפּרייט איבערן געסל אַ ריח פון פריש־געבאַקן ברויט מיט קימל. מלך, אַ געזונטער בעקער־יונג אין פאַרמעליקטן פאַרטוך, וואַרפט טרוקענע שייטן האָלץ אין אויוון, גרייטנדיק אים פאַרן געבעקס. דערוויי־ל לערנט ער אויפן קול אויס־לענדישע ווערטער:

— הומאַניזם, קאַטאַקליזם, קאָסמאָפּאָליטיזם...

זיין פעסטע שטים הילכט אָפּ איבער דער בעקעריי.

אין בעקעריי שאַרן זיך אַריין ווייבער, ניט אויסגעשלאָפענע: און קויפן ווער אַ פונט זשיטניצע, ווער אַן אַלט פלעצל.

די שאַטנס ווערן קירצער.

איינציקווייז רוקן זיך פון די הייזלעך אַרויס יונגוואַרג מיט קליינע פעקעלעך עסן אונטערן אָרעם און לאָזן זיך צו דער אַרבעט.

די מאַמעס שניידן אָפּ לוסטעס ברויט פאַר די קליינע „פיקערס“ און שטופּן זיי אַרויס אין דרויסן:

— גייט און פּלאָנטערט זיך ניט אונטער די פיס. עס איז גענוג ענג אָן אייך... איר פעלט ניט אַריין צום רומל.

און דאַן הויבט זיך אָן דער טאָג אין שוסטער־געסל. מאָטע־בער, דוד־„יאַפּאַנטשיק“, האָט זיך אַוועקגעלאָזן מיט זיין פאַס צום „הייפל“־ברונעם מיטן הילצערנעם זשוראַוול. אין „הייפל“ געפינט זיך דאָס בעסטע וואַסער אין שטעטל. די פאַס איז גרין און פאַרוואַקסן מיט שוואָמען, אַזוי אַלט איז זי שוין. אין סאַמע אונטן, ביים ראַנד, קוקט אַרויס דער „שפּונט“. יאַטלעך וואָלטן געוועון בעלנים אַרויסצוציען אים און לאָזן לויפן דאָס וואַסער, נאָר מען האָט מורא.

נאָכן פאַס, מיט אַ געביל, לויפן נאָך באַביק — דער יידישער הונט.

די מוזיק פון געסל: אַ קלאַפּעריי פון שוסטערשע העמערלעך; דאָס אייליקע שטעפּן פון ניי־מאַשינען און דער רויש פון סטאָלערישע זעגן, וואָס בייסן זיך אַיין מיט שטאָלענע ציינער אין ווייכן האָלץ; דאָס געוויין פון קינדער, באַגלייט מיט מאַמישע קללות.

פאַרנאַכט זיצן די בעל־מלאכהס אויף די ערדענע פריזבעס, וואָס זענען אָנגעשאָטן פאַר די הייזלעך און דערמאָנען זיך געשיכטעס פון פינפטן יאָר, ווען דער „בונד“ האָט אַרויסגעגנבעט דאָס געווער פון „טשעכאַוואָסט“ און אַוועקגעפירט עס פאַרן מאָסקווער אויפשטאַנד... זיי פאַרציען דערביי צוויי־גראָשנדיקע „וואַנדאַ“־פּאַפּיראָסן און דער פּיאָלעטאָווער רויך גיסט זיך צוזאַמען מיט די זכרונות פון זייער ראָ־מאַנטישער יוגנט...

ביי דער וואַנט פון עזריאלס „וואָלקנקראַצער", וואָס איז צוזאַמען מיט שלמהקע מילשטיינס כאַטקע אַריינגעפּרעסט צווישן אַברהם־עליעס דעם סופרס שטוב און אברהם־אַרע דעם שוסטערס און שאַפן מיט זיך די אינעווייניקסטע וואַנט פון אַ „פעסטונג", שטייען אויסגעשטעלט די יאַטלעך פון שפּיטאָלנע גאַס ווי די זעלנער. דאָס קלייבן זיי זיך צו שפּילן אין באַהעלטעניש, און דערצו מוז מען אויסציילן ווער ס'האָט דער ערשטער צו פאַרמאַכן די אויגן.

בערל „רוטשיק" ציילט אויס:

— אני הלכתי בדרך, מצאתי איש חזק ושמו קאָזאַק, ויאמר אלי „דיענגי דאַוואַי", דו ביסט דער ייד אַרויס פריי... — ווייזט עס אָן אויף אַ יאַטל, וואָס איז אַרויס פריי.

דאַן ציילט ער ווייטער:

— גרינע פּאַטשיילע, גרין ווי גראָז, דער אַלטער רב האָט געהאַט אַ זון, האָט ער געגעסן פּוטער מיט הון. פּוטער מיט הון האָט ער גע־געסן, דאַוועגען, בענטשן האָט ער פאַרגעסן; פרייצאַך, פרייצאַך יונגע לייט, משיח וועט קומען אין אַ גיכער צייט! — און ווידער איז אַ יאַטל אַרויסגעפאַלן.

ענדלעך זענען געבליבן צוויי יאַטלעך, און איינער פון זיי וועט עס דאַרפן פאַרמאַכן די אויגן, ווען די אַנדערע וועלן זיך באַהאַלטן: ווער אונטער שיקערס דעם גויס פאַרקאַן, ווער ביי אברהם־עליען אין קעמערל, און ווער ס'איז דרייסטער, וועט זיך פאַרבאַהאַלטן אין די הויכע גראָזן אויפן פּאָפּלעווע, כאָטש לייבע „זשלאָב" האַלט אויף זיין שטיקל פּאָפּלעווע אָן אויג, די יאַטלעך זאָלן ניט צעטרעטן דאָס היי וואָס ער באַהאַלט פאַר זיינע פּרנסה־געבער, די פערד, וואָס שלעפּן דעם וואָגן מיט משא אַזש קיין באַראַנאָוויטש. אַז ער דערווישט עמיצן, קען ער מכבד זיין מיטן פּאַסטראָנעק...

ציילט בערל ווייטער:

— אויפן הימל פייער פליט, שלמה המלך איז אַ גוטער ייד.

שלמה המלך אין גאָלד און זילבער אָנגעטאָן, פֿאָרט אַ וואָגן זאַך צו יאָגן, קאַטשער, קוטשער, זוכן גאָלד!

— פּיוועֿ „יאַש״ וועט פֿאַרמאַכן די אויגן — צעשרייען זיך די יאַטלעך. שטעלט זיך פּיוועֿ צו דער וואַנט, און רופֿט אויס:

— איך צייל ביז צען! ווער עס קומט דער לעצטער, דער פֿאַרמאַכט די אויגן!

און דאָס שפּילן אין באַהעלטעניש הויבט זיך אָן...

ביי אַן אָפֿענעם פֿענצטער זענען עטלעכע מיידלעך. ס'איז געווען דער עלטער, ווען די קינדער וואַקסן אַריין אין גרויסע און ווען די מאַמס זעען ניט, כאַפּט מען זיך אַרויס אויף אַלביאַנסקע, הינטערן בית־עולם מיט אַ יינגל. חיה־ריוועֿ האָט פֿאַרצויגן אַ ליד, וואָס איז פֿון ערגעץ פֿאַרבלאָנדזשעט אין שטעטל. ס'איז געווען אי רעוואָלוציאָנער, אי דורכגעוועבט מיט די געפֿילן וואָס צאַפּלען אין זייערע מיידלשע הערצער.

און אַ יאָר איז אַדורך
גאַנץ פּאַוואָלינקע,
ווי איך ליב זיך מיט מיין קאָמסאָמאָלינקע —
צוגעקומען איז אַ נייער קאָמוניסטעלע —
אַ יונג — אַן אַקטיאָר, אַ בריסטעלע...

און די מיידלעך האַלט זי אונטער אין טיפֿן ערנסט:

גייט, גייט אין שטורעם,
בויט די וועלט אין נייעם פֿורעם —
מיט טראַקטאָרן פֿאַראַקערט...

און ווייל זיי האָבן ניט געוואוסט די לעצטע שורה, האָבן זיי עס פֿאַרענדיקט מיט אַ — ליאַ, ליאַ־ליאַ, נאָר אין די דאָזיקע ווערטער האָט יעדעס מיידל אַריינגעלייגט איר ערשטן סוד...

— — — אין איינעם אַ רעגנדיקן נאָך־סוכות־פֿאַרטאָג. די

פאַזשאַרגע סירענע וואָיעט אַן אויפהער. דערשראָקענע, האַלב־נאַקעטע מענטשן קוקן אַרויס פון די טירן, פענצטער. ס'איז אין דרויסן אַ גע־רודער. עמיצער וואַרפט אַריין אַ וואָרט:

— די רוסן גייען!

ווי דער מאָרגן־שטערן אויפן גרויען האָריזאָנט, אַזוי האָבן זיך האָפענונגען אָנגעצונדן אין ענגע כאַטקעס מיט נידעריקע, שוואַרצע שינדל־דעכער. האָפענונגען פריידיקע וועגן אַ נייעם מאָרגן... נאָר די ווירקלעכקייט האָט ווי אַ שטיפמאַמע זיי צוגעשמידט צו די ענגע שטיבלעך, צו זייער נאָדל־פאָדעם, דראַטווע און הובל. ס'איז טרויע־ריקער געוואָרן זייער בליק, און נאָך אַ קנייטש איז צוגעקומען אויף די געדרונצלטע אַרבעטער־שטערנס. די שיין פון האָפענונג איז זיך צערונען ווי אַ ווייסער נעפל...

ווען די לעצטע שעה האָט געשלאָגן פאַרן הייפל ניעסוויזשער יידן, איז יעדעס שטיבל געוואָרן אַ ברענענדיקער פאַקל. אין יעדער האַנט האָט אַ האַק געבלאַנקט...

* * *

אין מיין חרוב שטעטל וואַקסן בלויע פעלד־בלומען צווישן חור־בות און פאַרזשאַווערטע דראָטן, פון צעבראָכענע געטאָ־שטייגן.

ס'קען זיין, אַז דער ווינט יאָגט אַרום עטלעכע פאַרגעלטע, פאַר־רויכערטע בלעטלעך פון אַ יידיש ביכל, און זיי טוליען זיך, זוכן שוץ ביי די פאַרסמאַליעטע, הילצערנע טראָטואַרן.

עס האָט דאָ אַ מאָל יוגנט שפּאַצירט אין די זומערדיקע פאַר־נאַכטן און געטרוימט פון אַ שיינער, גליקלעכער וועלט...

ניעסוויזשער יידן

די שטאָט באַגינען

דער זומער איז געשטאַנען אַ הייסער, אָבער ניט קיין גאָר טרו־קענער. פון צייט צו צייט פלעגט אַ רעגן דורכשווענקען די אָנגעהיצטע לופט, אַראָפּזעצן דעם שטויב און אָפּפרישן דאָס גרינס. אַ ביסל פריער ווי תּמיד האָבן זיך די גרינגע קאָרן־זאַנגען אָנגעגאָסן מיט גאָלד און שווערלעך געוויגט זייערע קעפּ מיטן ווינט. עס האָט אויסגעזען, אַז אַ ליאַדע טאָג וועלן די שניטערס נעמען די פּריש אויסגעשליפטע סערפּן און זיך מיט זיי אַוועקלאָזן איבער די פעלדער.

וואו ניט וואו האָבן שוין אָרעמע פּויערים אויף שנעל צונויפגע־נומען זייערע פּאָר גאַרבן, כּדי צו קענען גיין פאַרדינען אויף פרעמדע פעלדער.

פּויערים זענען געגאַנגען אין די „ראַדן", צווישן די אײַזן־קראָמען און אויסגעטאַפּט די גרין־באַמאָלענע סערפּן מיט די גאָלדענע פאַבריק־עטיקעטן, זיי פּרובירט אין דעם גרויסן שטיין, וואָס איז גע־לעגן נעבן פעשקע־מירעלס אײַזן־קראָם. וויפיל די יידענע האָט זיך ניט געשוואוירן אַז דאָס איז ריינער שטאָל, האָבן די פּויערים ווידער געקלאַפּט דעם סערפּ אין שטיין און זיך צוגעהערט צום קלאַנג, ווי זיי האָבן עס געטאָן פאַרן „סיענאָקאָס" מיט די בלאַנקענדיקע קאָסעס.

שוין אַ היפּשע פּאָר וואָכן ווי די קוזשניעס אין אַלע עקן שטאָט טוען ניט מער ווי שלייפן די סערפּן אויף גרויסע שטיינערנע טאַטשי־לעס, וואָס דרייען זיך אין טיפע מולטערס וואָסער, און די פּויערים דרייען זיי פאַר די הענטלעך פון ביידע זייטן.

עס איז געווען דער לעצטער מאַרק־טאָג פאַרן שניט. היינט וועלן

די פויערים איינקויפן זאַלץ, נאַפט, הערינג און אַלע איבעריקע זאַכן פאַר דערווירטשאַפט און ווען זיך מער ניט ווייזן פאַר אַ זעקס וואכן אין שטאָט.

מיטן קרייען פון די ערשטע הענער איז אברהמל דער מילנער אויפגעשטאַנען, אויף שנעל אָפּגעוואַשן נעגל־וואַסער און אַרויס אין דרויסן. דער ברייטער, זאַמדיקער שליאַך איז געווען פייכט פון ביי־נאַכטיקן טוי און די ווייס־רויטע קאָניעטשינע־בלימלעך האָבן פאַר־שלאָפן אַראָפּגעלאָזט די קעפּלעך. פון דער ווייטנס האָט זיך געזילבערט דער „האַלבער״ טייך, צווישן געדיכט באַוואַקסענעם טשערעט.

די ווינט־מיל איז געשטאַנען אויף אַ בערגל צווישן גרינע פעל־דער. אברהמל דער מילנער האָט לאַנג נאָכגעפּאָרשט פון וואַנען עס בלאָזט דער ווינט. ער האָט איינגעשפּאַנט דאָס פערד און אויסגעדרייט די מיל אַנטקעגן ווינט. פּאַוואָליע, מיט אַ סקריפּ, ווי די פליגלען וואָלטן פויל געווען זיך צו דרייען, אָבער האָבן ניט קיין אויסוועג און מוזן זיך נעמען צו דער אַרבעט, האָבן זיך גענומען באַוועגן די מיל־שטיינער.

אויפן זאַמדיקן „האַלבער״־וועג האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט אַ פויעריש פורל, וואָס איז געפאָרן אין שטאָט אַריין. עס איז פאַרביי די ווינט־מיל, זיך איבערגעצלמט ביים הילצערנעם צלם, וואו די וועגן צעגייען זיך, און זיך פאַרנומען אויף מיכאַליעשאָק. צו ערשט איז ער פאַרבייגעפאָרן די גרינע גערטנער, וואָס רינגלען אַרום דעם בית־עולם און איבער די גערטנער זעען זיך אַרויס די מצבות. דער פויער האָט זיך נאָך אַ מאָל איבערגעצלמט, און האָט אַ יאָג געטאָן ס׳פערדל.

פון דער ווייטנס איז צו אים דערגאַנגען דאָס הילכיקע קלאַפּן פון פּייוול דעם שמידס קוזשניע.

— מוסיט אוזשע ניע ראַנאָ — האָט ס׳פויערל אַ מורמל געטאָן פאַר זיך און ווידער אַ שמיץ געטאָן ס׳פערדל.

אַ יידענע מיט אַ פאַרפּעדערטן קאָפּ, ניט אויפגעקעמט איז גע־

לאָפן צום בעקער נאָך אַ פּאָר זעמל פאַר די קינדער — דאָס האַרץ צו דערכאַפּן.

נעבן אסתר בורילעס קרעמל איז אין רינשטאָק געשוואומען אַ פאַרזשאַווערט וואַסערל, וואָס האָט געריסן די נאָזלעכער.

— דאָס האָט שוין ווידער אסתר „פּאַרך" אויסגעגאָסן ליאָק פון די הערינג־פעסער, אַז רייסן זאָל איר ביים האַרצן ווי מיר, טאַטע זיסער!

דאָס פויערל איז שטיין געבליבן פאַר אַ קליין הייזל וואו ס'האָט געוואוינט אַן אָרעמע יידענע און אָנגעקלאַפּט. ער האָט געהאַט די חזקה אויף אַרויסצופירן אירע פעסער הערינג אין מאַרק אַריין; און כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז מער ווי אַ דריי הערינג וועט ער ניט קריגן דערפאַר, האָט ער זיך תמיד געפּרווט וואונדערן:

— שאָ טרי? ני באָלשע? — פלעגט ער זאָגן מיט פויערשער נאַאיווקייט — איי באָהו, מאַלאָ — האָט ער שוין צוגעגעבן פון יוצא וועגן. — דערפאַר אָבער, אַז ער האָט געקויפט אַ פונט שוואַרץ ברויט, האָט ער עס געטונקט אין פאַס מיטן געפיל פון אַ היימישן.

פון אַבע־דעם־חסידס סאָדע־וואַסער זאַוואָד איז אַרויסגעפאָרן שויקע „הודאָק". ער האָט געשטופּט אַ וועגל אויף צוויי רעדער אָנגעלאָדן מיט קופּערנע באַלאָנען שעלצן־וואַסער און פלעשער מיט רויטן לימאָנאַד. ער האָט זיך געאיילט צוצושטעלן עס אין די קרעמלעך אַרום מאַרק; און אַז ער איז שטיין געבליבן פאַר אַ קרעמל, האָט ער געמאַכט אַ „הודאָק" אין העלדזל פון אַ פלעשל.

פון אַ זייטיק געסל האָט זיך באַוויזן דוד „יאַפּאָנטשיק" מיט זיין פאַס. דאָס איז ער געפאָרן פון „הייפל"־ברונעם און געפירט וואַסער פאַר די שטאָטישע באַלעבאַטים. זיין פאַס איז געווען גרינבאַוואַקסן מיט מאָך, און מיט אַ ווייס, פריש־געהובלטן „שפּונט" פון אונטן, אָנשטאָט אַ קראַן, אַרויסצולאָזן דאָס וואַסער.

פון קאָזשימער שול זענען אַהיימגעגאַנגען די צוויי ברידער

סטעלמאַכעס, מיט די טליתים אונטערן אָרעם. ביידע באַיאָרטע; ביידע מיט קורצע בערדלעך, און מיט טיפע קנייטשן אויפן שטערן, צייכנס וואָס די צייט האָט אויסגעקריצט. כאָטש א מיט־וואָך, זענען זיי פאַרבליבן אין בית־המדרש אַ ביסל לענגער איבער דער קריגערייַ וועגן נייעם רב, וואָס מאָניע האָט אָנגעפירט. זיי האָבן אים געפּרוווט דערקלערן מיט געדולד, אַז ס'איז ניט שיין פאַר אַ יידן צו שלאָגן זיך, זיך אַרומצוּרייסן. אָבער מאָניע איז געבליבן ביי ס'זייניקע.

— ס'וועט זיך טאָן חושך, אויב מיין צד וועט ניט אויספירן!

דער סטעלמאַכישער קעלער איז שוין געווען אָפן, און אַ נייע, נאָך ניט קיין באַרייפטע ראָד איז געשטאַנען אין דרויסן.

פון קעלער אַרויס האָט שלום, דעם ייִנגערנס בחורל, אַרויסגעקוילערט אַ ראָד, כדי צו ברענגען עס צו רפאל דעם שמיד. באַרג אַרויף, ביז צום שפּיץ פון שווערזנער גאַס האָט ער עס געברענגט און דאָן דאָס ראָד געלאָזט לויפן באַרג אַראָפּ, באַגלייט מיט אַ געשריי:

— משה! האַלט!

איז פון רפאלס קוזשניע אַרויס זיין זון, משה „קאַוואַדלע”, און געוואַרט דאָס ראָד זאָל זיך צו אים דערקייקלען.

ביים האַראָדזשער שאָסיי, באַלד ווי עס הויבט זיך אָן די שטאָט, זענען שוין געווען אין דרויסן די אַבלופּעס, און פון צווייטן זייט — די לאָפּעטקעס. נידעריקע, פלינקע, ביינערדיקע יידלעך — האָבן זיי פאַרזייט גערטנער, געשטעלט פּעסער אוגערקעס, איינגעהאַנדלט אַ ביינטל פלאַקס, אַ פּעקל חזיר־האָר — אַבי צו האָבן פרנסה.

אויפן וועג האָבן זיך באַוויזן עטלעכע פויערישע פורלעך. זיי זענען שטיין געבליבן ביים הילצערנעם בורנעם, כדי אָנצוטרינקען די פערד, און אַליין אויך כאַפּן אַ טרונק פון הילצערנעם מאַכיקן עמער.

ווי פון אונטער דער ערד זענען דאָ אויסגעוואַקסן די לאָפּעטקעס, געטאַפּט מביניש די זעק, און אַז זיי האָבן אַקוראַט ניט געקענט טרעפן וואָס דאָרט געפינט זיך, האָבן זיי זייטיק אַ פרעג געטאָן דעם פויער:

— טשטאָ פּראָדאַיאָש? — וואָרעם, אַז ער מוז פאַרקויפן, אין דעם זענען זיי געווען זיכער.

ביי איין וואָגן איז געשטאַנען מיכעלע אַבלופּעס. ער האָט שוין צום צוועלפטן מאָל געקלאַפּט אין פויערס מאַזאָליעדיקער האַנט:

— דאַווײַ פּיאַט!

די האַנט האָט זיך ניט גערירט, ווי דעם פויערס געדאַנק. ער האָט ניט געוואָלט אַראָפּלאָזן פון פּרייז.

— נאַ באַזאַריע פּאַיעדו, טאַם פּראָדאַם! — האָט זיך דער פויער געהאַלטן ביי זייניקע.

אַז מיכעלע איז געוואָרן גוט אין כעס און האָט געוואָלט אָפּהאַקן דעם מסחר, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום פויער:

— מוזשיק כיטרי יאַק טשאָרט, אַ דורנאַי יאַק וואָראָנאַ!

פון דעם זאָג האָט זיך דאָס פויערל אַ ביסל פאַרלוירן, נאָכגעלאָזן אין מקח און אָפּגעשלאָסן ס׳געשעפט מיט אַ פרישן:

— דאַווײַ פּיאַט!

אין צענטער שטאָט, אין מאַרק־שול, האָט מען היינט געענדיקט דאַווענען אַ ביסל פריער. דער מאַנופאַקטור־סוחר איצקאָווסקי, אַ נידעריק, פעטס יידל, מיט רויטע ווי פון פראָסט צעוואָרעמטע בעקעלעך, אַ באַברילטע נאָז און אַ פליך פון שטערן ביז צום האַלדז, איז שוין געשטאַנען פאַר זיין געשעפט, כאָטש עס איז נאָך געווען פאַרמאַכט. עס איז געווען אַרום האַלב־ניין, ווען די מלוכה־באַאַמטע גייען צו זייערע ביוראָס. ווי נאָר איינער האָט זיך באַוויזן, איז ער אים אַנטקעגן געלאָפן, שנעל אַראָפּגעכאַפּט דאָס קאַפּעלושל מיט אַ ברייטן:

— דזשען דאָברי פּאַנו! —

דאָס איז געווען זיין אַרבעט כמעט יעדן טאָג, ווייל דאָס געשעפט האָט געפירט זיין פרוי שרה־ליבע.

אויף פויערים האָט ער זיך ווייניק אַרומגעקוקט. דער עיקר

זענען ביי אים געווען די מיעשטשאַנעס וועמען ער האָט געקענט דערזען פון ווי ווייט, איז ער באַלד אַנטקעגנגעלאָפן, און אונטערגע־טראָגן דעם ברייטן:

— דזשען דאָברי פּאַנו! —

נאָך איידער מען האָט אויפגעמאַכט די קראָמען, האָט זיך פון עזריאלס „וואָלקנקראַצער", וואָס איז געווען אַ פּיצינקע שטיבעלע מיט פענצטערלעך האַרט ביי דער ערד, אַרויסגעשאָטן אַ מחנה מדינה־גייערס, אָרעמע לייט געפירט פון קליינע קינדער, ווייבער מיט עופה־לעך ביי דער ברוסט, בלינדע, קאַליקעס און סתם שאָרערס. דאָס זענען זיי נעכטן ביינאַכט אָנגעקומען און ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן ביי אַ חלבן ליכטל און געציילט די קופּערנע גראָשנס און צווייערס, און זיי איינגעוויקלט אין ברודיקע שמאַטקעס. ס'איז געווען דער טאָג, ווען היגע אָרעמע לייט גייען ניט איבער די הייזער. זיי האָבן זיך צעשאָטן איבער די גאַסן ווי דורך עפּעס אַ געהיימן אָפּמאַך, ניט אַריינ־צופאַלן זאַלבעצווייט אויף איין אָרט.

די יאַטקעס אויפן שולעף זענען געווען האַלב־אָפן. אַרום זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט היימלאָזע הינט, וועלכע דער שטאָטישער היצעל האָט נאָך ניט באַוויזן צו כאַפּן.

אַנטקעגן באַשקע לאַניערקעס שענק, אויף אַ הויכן הילצערנעם בריקל, זענען געזעסן די טרעגער און נעבן זיי ביניע מיטן אייגל. נעבן אים זיין וועגל אויף צוויי רעדער, אָפּצופירן פאַרשידענע סחו־רות. די רעדער פון וועגל האָבן געהאַט אַ באַזונדערן שם אין שטעטל צוליב זייער אויסטערלישקייט. זיי זענען געווען הויכע, אייזערנע, מיט אַ סך דינע, אייזערנע שפּיצעס. עס איז געווען שווער צו וויסן פון וואַנען די דאָזיקע רעדער שטאַמען. ביז עמיצער האָט געפּסקנט, אַז ניט אַנדערש:

— זיי שטאַמען פון אַ האַרמאַט!

איז געבליבן — ביניע מיט די האַרמאַטנע רעדעלעך...

די שעה איז נאָך געווען אַ פריע, האָבן די טרעגער גענומען קיבעצן ביניען צוליב די רעדער טאַקע. זיי האָבן געוואָלט וויסן צי זענען עס ניט אַ מאָל קיין רעדעלעך, פאַר וועלכע מען קען גיין געשמידט אין קייטן...

ביניע האָט זיך אָנגעצונדן. דאָס אויג וואָס איז פריי געווען פון דער בעלמע, האָט געשפריצט מיט האַס. עס האָט אים געפעלט ווער־טער זיי אַריינצוזאָגן, האָט ער אָנגעהויבן שעלטן:

— זאָל דיר געשוואָלן ווערן די האַרץ, סייטשע! וועסט פגרן ווי אַ הונט, באַנדיט איינער!

נעבן זיי איז געלעגן איסער מאַזולקעס הונט באַביק. אַ ברוינער, מיט אַ שאַרפן פיסק און הויכע פיס, ווי עס האָבן הינט פון דער וועל־פישער ראַסע. די יאַטלעך האָבן זיך געגרויסט מיט אים.

— ער קען שפרינגען אויף צוויי פיס!

— ער שפרינגט דורך אַ רייף!

— ער טשעפּעט ניט קיין יידיש קינד!

— ער פאַרשטייט יידיש!

שטילערהייט האָבן אים די יאַטלעך צוגעטיילט אַ חלק פון זייער פרישטיק און זיך געפילט מיט אים אַ שטיק מחותן, דערהויבט די יאַטלעך פון אַרום די שולן.

איצט איז ער געלעגן רואיק ביי די פיס פון זיין באַלעבאָס, געזשמורעט די אויגן אַנטקעגן דער זון, געיאָגט די פליגן און זיך צוגעהערט ווי ביניע „די האַרמאַטנע רעדעלעך" שעלט מיט טויטע קללות:

— אַ כאָליערע זאָל אייך נעמען, משוגעים, פיאַניצעס! — און יעדע קללה זיינע, איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ הילכיק געלעכטער פון די טרעגערס.

דער גאַליציאַנער אײדעם...

שטויביק גרוי, ווי אויסגעטריקנטע שוואַרץ־ערד וואָס קרישלט זיך צווישן די פינגער, איז געווען דאָס פעלד פון ווייסרוסישן פויער. עס איז געלעגן צעשפּרייט הינטערן שטעטל, אַרום די פּריצישע פעל־דער, אַן איינטאָניקס, פאַרשלאָסן אין זיך.

אַזאַ איז אויך געווען דער פויער. זיין שטיקל ערד האָט ער מיט עקשנות געאַקערט, נאָכגייענדיק נאָכן מאָגערן פערדל, מיט אַ —

— היי, קאַשטאַן!

אויף די ווייסרוסישע מערק, ווי דער פויער און זיין ערד, זענען געווען איינטאָניקע, אָן געזאַנג, אפילו אָן גרויסע שיכורים, וואָס זאָלן זיך אַרומשלאָגן...

עס איז געווען מיטוואָך. די ערשטע פויערים זענען פאַרפאָרן אויפן מאַרק, זיך אויסגעזוכט אַן אָרט אַרום די ראָדן, אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, אונטערגעבונדן די האָלאָבליעס אין דער הויך, זיי זאָלן ניט שטיין אין וועג.

די קרעמער האָבן נאָר וואָס אָנגעהויבן אַראָפּנעמען די אייזערנע פּרענטן מיט די שווערע שלעסער פון די טירן. זיי האָבן זיך ניט געאײַלט, געוואוסט, אַז די פויערים וועלן צו ערשט פאַרקויפן זייער סחורה און דאַן ערשט זיך לאָזן איבער די קראָמען אויסצוטאַפּן די קאָלירטע סיצן, זיך גוט אויסדינגען און ערשט שפּעטער קויפן. פּאַ־וואָליע האָבן זיי אַרויסגעצויגן די שטאַנגען, אויפגעמאַכט די לאָדנס און געקוקט אויף די זייגערס, עס זאָל שוין ווערן ניין.

פּונקט ניין האָט זיך אויפגעמאַכט שעליובסקיס גלאָז־קראָם, פון

וואַנען עס האָבן אַרויסגעקוקט קאַלירטע זשיראַנדאָלן, גלעזלעך צו לאָמפּן און פּשוטע גלעזער, אין וועלכע יידן טרינקען טיי נאָך שבת. אויפן בריקל איז שטיין געבליבן דער איידעם.

די ווייסע, געקראָכמאַליעטע מאַנזשעטן האָבן אַרויסגעקוקט פון די אַרבל. דער קראַוואַט איז גלייך געזעסן אין וועסטל.

— ס׳פּעלט אים נאָר דער שוואַרצער צילינדער — האָט זיך געוויצלט אַלטער שרה־מלכהס, פאַרריכטנדיק די דראָטענע ברילן, וואָס האָבן זיך אים תמיד אַראָפּגערוקט.

כאָטש עטלעכע האָבן יאָ געוואוסט זיין נאָמען, האָבן אים דאָך אַלע גערופן — דער איידעם, און צווישן אייגענע — דער גאַליציאַנער איידעם.

איז ער איצט געשטאַנען אויף דער שוועל פון זיין שווערס געשעפט, וואָס וועט אם ירצה השם, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, געהערן צו אים, און מיט ביטול געקוקט אויף די קרעמערלעך, וואָס דרייען זיך אַרום פאַר זייערע קראָמען, ווי ער וואָלט זיך געטראַכט:

— אַריינגעפאַלן צווישן אַזעלכע ברואים, ליטוואַקעס. ביי אונדז אין קלענסטן גאַליציאַנער שטעטל זענען פאַראַן מער דאָקטוירים, ווי ביי זיי אין אַ שטאָט. ביסטו אַרויס אין דער פרי, האָסטו בלויז געהערט:

— דזשען דאָברי, פּאַניע דאָקטאָזשע!

— דזשען דאָברי, פּאַניע מעצענאַשע!

און דאָ, טראָגט מען דיר אונטער אַ פּראָסטן יידישן גוט־מאָרגן, אַזש עס ווערט מיר ניט גוט.

דאָס איז געווען דער איידעם, וואָס שעליובסקי האָט איינגעהאַנדלט.

— ער איז אַ געקאָנטשעטער פּראָוויזאָר — האָט ער פאַרזיכערט זיינע שכנים.

צו איידעמס איז מען אין שטאָט געוואוינט געווען. אָט האָט שניצער דער מעלער אַן איידעם, וואָס קוים האָט ער אים דערזען אויף

מאָרגן נאָך דער חופּה, האָט ער גאָר פאַרגעסן אין נדן. אין דער מאַרק־שול האָבן זיי געפירט אַ מחלוקת אַרום אַן ענין, וואָס זינט די וועלט שטייט האָט אים נאָך קיינער קיין באַשייד ניט געגעבן. ר' יאַנקל שניצער האָט געגלעט זיין גרויע באָרד, גערעדט מיט אַ געמאַכט געלאַסן קול, אַזוי זיך דרך־אגבדיק, כאָטש דער פּאַרדרוס האָט גע־ברענט אין אים אויפן אומזיסטן ברויט־עסער ביים טיש:

— ווי לאַנג נאָך, זאָג מיר — האָט ער גערעדט צום איידעם, און געמיינט טאַקע יידן זאָלן זיך אריינמישן — וועסטו עסן ביי מיר קעסט?

— גיט מיר דעם נדן, וועל איך גיין האַנדלען — האָט געזאָגט דער איידעם און זיך וויטער געשאָקלט אין טלית.

— ס'הייסט, געלט גיב אים — האָט זיך שוין שניצער ניט געקענט איינהאַלטן, פּונקט ווי יענער וואָלט שוין מיטביידע הענט געווען ביי אים אין טאַש.

— וועסט גיין האַנדלען, וועל איך דיר געבן געלט!

— אַז איר וועט מיר געבן געלט, וועל איך גיין האַנדלען!

אָפּגעזאָגט דעם פּזמון, האָבן זיי אַריינגעלייגט די טליתים אין די פּלירשענע זעקלעך, געקושט די מזוזה און שווער און איידעם האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים צו עסן אָנבייסן.

געווען נאָך עטלעכע צוקונפטיקע איידעמס, וואָס האָבן זיך גע־דרייט ביי די שטאָטישע גבירים — די קויפמאַנעס. אָט שוין, היינט, מאָרגן קאָנטשען זיי און ווערן אַדוואָקאַטן.

— נישקשה — האָבן יידן געשמועסט. — ביי אַבעלע קויפמאַנס דרייט מען זיך ניט אַרום גלאָט אַזוי...

די אַלע איידעמס זענען געבליבן אין שאָטן זינט עס האָט זיך באַוויזן דער גאַליציאַנער.

באַלד די צווייטע וואָך נאָך זיין אָנקומען אין שטעטל, האָט ער זיך אויסגעפּוצט אין שוואַרצן פראַק מיט די ווייסע הענטשקעס, אַרויס־

געצויגן דעם זיידענעם, גלאַנציקן צילינדער און איז אָוועק אָפּשטאָטן אַ וויזיט דעם סטאַראָסטע.

— וואָס, מען האָט געשיקט נאָך אים? — האָט שטאָט געפרעגט.

איז ווידער אַ מאָל געקומען צו פאָרן ווער „פון די הויכע פענצטער" פון וואָיעוואָדסטווא אָדער גאָר פון וואַרשע — איז באַלד פאַר אים דערשינען דער גאַליציאַנער אײדעם מיטן געשליפענעם פויליש, מיט די גוטע מאַניערן.

— ווער בעט אים? וואָס לעקט ער זיך צו זיי? — האָבן יידן געריידט, און אַנדערע האָבן צוגעגעבן:

— אומעטום שטופּט ער זיך, דער גאַליציאַנער כניאָק.

שטעטלשע יידן האָבן אי מורא געהאַט, אי פײַנט געהאַט די פויילישע טשינאָווניקעס, וואָס פון זיי האָט מען געקענט דערוואַרטן צוויי זאַכן:

— אָדער זיי ווילן אין יד אַריין, אָדער זיי גיבן אַרויס גזירות, שניידן אָפּ נאָז און אויערן און פון ביידע בלײַבט מען אָן פּרנסה — האָט פילאָזאָפיש באַמערקט אַלטער שרה־מלכהס.

די פירונג פון גאַליציאַנער, וואָס האָט דווקא געוואָלט באַווײַזן די ליטוואַקעס, די צלם־קעפּ, אַז ער, דער געענדיקטער פּראָוויזאָר שטייט העכער פון זיי, שוין צוליב זײַן פײַנעם פויליש און דעם שוואַרצן, גלאַנציקן צילינדער.

ביי די שטאָטישע יידן איז עס געווען ניט מער ווי חוזק וואָס עס פּאַסט פאַר אַ גאַליציאַנער כניאָק!

דער טאָג האָט זיך אויסגעזען צו זײַן אַ וואַרעמער און פויערים האָבן וואָס אַ מאָל מער פאַרפולט די גאַסן, אַרײַנגעפאָרן צווישן די שטייענדיקע פורלעך אויפן מאַרק און אויסגעשפּאַנט די פערד.

די קראָמען זענען געווען ברייט צעעפנט און ביי די טישן זענען געשטאַנען די ווייבער מיט די מעטערס אין די הענט, גרייט צו באַדינען די קונים.

נאָר ווייל די פויערים האָבן זיך נאָך ניט געאײַלט אין די געַ־שעפטן אַריין, זענען די קרעמער געשטאַנען אין דרויסן און געשמועסט.

איבער דער גאַס האָט אַ פויער געטריבן שעפּסן. די יידן האָבן זיך צוגעקוקט. געוויינלעכע שעפּסן מיט פאַרשטויבטע וואָל, פול מיט שטעכלקעס.

— ס'וואָלט געקענט זיין פיינע פעלצער פון זיי — האָט באַמערקט סענדער בלאָך.

ניט אַזוי האָט געטראַכט דער אידעם. דאָ האָט ער געזען אַ געלעגנהייט צו באַווייזן די יידן, אַז ניט נאָר ער איז אַ מבין אויף גויאישע טשינאָווניקעס, נאָר אפילו אויף שעפּסן איז ער אַן עקספּערט.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט, און מיט אַ העכערער שטים, אַז די קרעמער וואָס זענען געשטאַנען ניט ווייט זאָלן הערן, האָט ער געזאָגט:

— היי, כלאָפּיע! איליע טען באַראַן דאַיע מליעקאָ?

ס'הייסט, איך ווייס טאַקע, נאָר זאָלן די ליטוואַקעס, די צלם־קעפּ הערן:

— וויפיל אַ שטייגער גיט אַזאַ באַראַן מילך?

דער פויער, צעמישט פון דער אומגעריכטער פראַגע, האָט אָנגעַ־קוקט דעם מאָדנעם ייד, וואָס וויל ניט אַנדערש נאָר אַז אַ באַראַן זאָל געבן מילך, האָט אָנגעקוקט די שמייכלדיקע יידן פון דער זייט, און ניט ווייסנדיק וואָס צו ענטפערן, האָט ער זיך צעשריגן אויף אַ שעפּס, וואָס איז פאַרקראָכן פון וועג:

— היי, טשאָרט, קודאַ פּאָשאָל!

שמחה „זעמעלע“ און זיין תלמיד

פרישע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין שטעטל. געקומען זענען זיי ניט דורך דעם ברייטן שאָסיי, וואָס פאַראייניקט צוויי הויפּט־שטעט, און איז אין מיטן דורכגעשניטן מיט ווייס־רויטע גרענעץ־שטאַנגען, וועלכע רעפּרעזענטירן צוויי מלוכות און צייכענען אָן ווי מיט אַ קרייד־ליניע:

— אָט דאָ ענדיקט זיך איינע און דאָ הויבט זיך עס אָן די צווייטע.

געקומען זענען זיי אויך ניט פון די גרויסע שטעט, ווי דאָס קליינגענדיקע פּויליש־לשון אויף די געשנירלטע ליפּעלעך פון די שטעטלשע מיידלעך.

אפשר זענען זיי געקומען מיט פּאַרוואָקסענע, זאַמדיקע שליאַכן, וואו עס וואוינען סודותפולע, אַלטע טאָפּאָלעס אין באַשיידענער רואיקייט, און נאָר אַ זעלטענער סקריפּ פון אַ פּויעריש פורל, אָדער אַ פריילעך הירזשען פון אַ פערדל, וואָס דערפילט די נאָענטקייט פון שטאַל און די זיסקייט פון האָבער, קייקלט זיך דורך איבער זיי.

אַלנפאַלס, אין שטעטל האָט קיינער ניט געוואוסט פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען און ווער ס׳האָט די זוימען דאָרט פאַרשלעפּט, און אפשר וואָלט זיי קיינער ניט באַמערקט, וואָרעם די שטעטלשע יידן האָבן געהאַט אַנדערע זאָרגן, ווי זיך פאַרנעמען מיט מעטעראָלאָגישע אָבסערוואַציעס.

און די זוימען פון דער נייער אידיי וועלכע דער ווינט האָט גע־בראַכט אויף זיינע פליגלען, האָט מען אַזוי שנעל ניט באַמערקט. געהייסן האָט עס — „געכאַפּט אַ ווינטל“.

דער ערשטער, וואָס האָט אים געכאַפּט, איז געווען שמחה „זעמעלע״. אַ הויכער, דאַרער בחור מיט צוויי לאַנגע הענט, מיט ברייטע, פלאַטשיקע דלאָניעס, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט גראָבע, בייכיקע פינגער און נעגל אין שוואַרצע רעמלעך ווי אונטערלאַקירט. די הענט האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן געהערט צו אַ האָלץ־העקער, און בסך־הכל איז ער געווען אַ שניידער־געזעלן ביי אַלטער „דעם רבילע״, אויף וועמענס פון זשאַווער צעפּרעסענער שילד איז נאָך קוים מעגלעך געווען איבערצוליייענען: „קראַוויעץ מענסקי אי וואָיסקאָווי״.

פון זיין גאַנצן גוף האָט זיך בולט אַויסגעטיילט דער קאָפּ, באַ־וואַקסן מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר וואָס זענען זעלטן געווען געקעמט און זענען געפאַלן איבער זיינע אויגן.

געטראָגן האָט ער אַ לאַנג העמד פון פויערישן לייוונט, אַרום־געבונדן מיט אַ געוויקלטער שנור, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט פרענדזלעך ווי אַ יום־טובדיק טישטוך. ס׳העמד איז — זינט מען געדענקט עס — געווען גרוי, אפילו טונקל־גרוי. ביים האַלדז פאַנאַנ־דערגעקנעפּלט און ס׳האָט אַרויסגעקוקט אַ ברייטע, מענערישע ברוסט.

די שטאָט האָט געשמועסט, אַז ער איז אַ „טאָלסטאָיאַנער״ און איז „געכאַפּט אין דער מעשה״, כאָטש ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו פרישע זעמעלעך, וואָס ווערן פאַררעכנט פאַר אַ גביריש עסן...

יונגע בחורימלעך מיט אַ ווייכן פוך אונטערן נעזל האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף אַ ראָמאַנטישן העלד, וואָס ליידט פאַר דער מענטש־הייט און טראָגט דעם וואָס ער איז פאַרמויערט הינטער קליינבירגער־לעכע פאַראורטיילן דעמאָנסטרירט ער גלייכצייטיק דעם מענטשלעכן, פרייען גייסט.

נאָך דער אַרבעט האָט ער פאַר זיין חבר, דעם קליינעם שלמהלע „קאַדזשאַב״ אויסזשעסטיקולירט מיט די צוויי הענט ווי גראַבליעס פון אַ שנייד־מאַשין די שיינקייט פון דער וועלט. נאָך דעם ווי דער

מענטש וועט פאַרשטיין זיך צו באַגנוגענען מיט אַ לייוונטן, פּויעריש העמד.

שלמהלע איז געזעסן אויף די פּריש־אָפּגעשניטענע סאָסנע־בוימער, וואָס האָבן נאָך געשמעקט מיט סמאָלע און וואַלד, געדרייט אַ ציגאַרעט און זיך צוגעהערט צו שמחהס פילאָזאָפיע. ביסלעכווייז האָט זיך שטאָט צוגעוואוינט צום פּאָרל — צו שמחהן מיט זיינע אידייען, און דעם שילער זיינעם — שלמהלע.

* * *

אין שטעטל האָט זיך באַוויזן אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט געלאָזט וויסן, אַז ער גייט עפענען אַ קורס פון „קרויקע" (צושניידן), ער וויל אַריינפירן די קליינשטעטלדיקע שניידער אין דער גרויסער וועלט פון מאָדעס און אויסלערנען זיי דעם סוד פון צייכענען און שניידן.

שמחה האָט די זאַך באַטראַכט פון זיין שטאַנדפּונקט און האָט איינגעזען אין דעם אַ גינסטיקע דערשיינונג פאַר דער מענטשהייט. מיטן גאַנצן ברען פון זיין טעמפּעראַמענט האָט ער גענומען איינשלינגען די נייע לערע, וואָס האָט אים פאַראינטערעסירט מיט די רויטע און בלויע ליניעס, וואָס קרייצן זיך, שניידן זיך איבער און פאַראייניקן זיך אין אַ געוויסן פּונקט, און צום סוף באַקומט זיך אַ גוט־צוגעשניטענער אַנצוג.

אונטער דער ווירקונג פון סימעטריע און האַרמאָניע פון ליניעס, וואָס דער לערער האָט מיט אים איינגעקנעלט, זענען זיינע האָר ווי ווייכער געוואָרן, און זיך אויסגעלייגט אויף ביידע זייטן קאָפּ און אין מיטן האָט זיך באַוויזן אַ גראָדליניקער, ווייסער שרונט.

מיט דער צייט איז אים דאָס העמד, אויף וועלכן דער שטויב און פעטס וואָס האָבן זיך אָפּגעזעצט אין פאַרשידענע פלעקן, ווי זיי וואָלטן געשאַפן אַ לאַנד־קאַרטע, שווער געוואָרן. מיט איין מאָל האָט ער זיך באַוויזן אין אַ ווייס־געפּרעסט העמד מיט אַ פּאַפּירענעם קאָלנער, די אַרבל אַריבערגעוואָרפן איבער די אָרעם־בענדער, זיי זאָלן ניט זיין

צו לאַנג. דער בלויער, געשפּרענקלטער, האַלב־זיידענער שניפּס איז געווען צוגעשפּיליעט מיט אַ באַגילדעטער שפּילקע. ס׳זענען אויך פאַרשוואונדן די שוואַרצע רעמלעך אַרום זיינע נעגל, דערפאַר האָבן באַקומען אַן אַנגעגעסענע גלאַנץ זיינע שיך.

דער גייסט פון עסטעטיק און האַרמאָניע איז געוואָרן דער קולט פון פּראָגרעס.

אין גליד וואָס האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן דער אורבאַ־ניזאַציע אין געווען זיין נאָז.

שמחה האָט ניט געקענט פועלן ביי זיך ניט צו לאָזן אָנזאַטלען זי מיט אַ פּאָר מאַסיווע ברילן פון שוואַרצן אַמעריקאַנער ביין. זיי האָבן אים צוגעגעבן ווירדע און אָנזען. פון צייט צו צייט האָט ער זיי אויס־געטאָן, באַטראַכט און געפּוצט מיט אַ ריין טיכל און ערשט דאַן אַריינ־געלייגט אין פּליוש־אויסגעבעטן שיידל.

דער שטורעם פון דער צייט איז אָנגעריטן. די אויסערלעכע רעקאָנסטרוקציע האָט אַרויסגעשטופּט די אידייען, וואָס האָבן זיך געראַנגלט אין אים.

שמחה „זעמעלע״ האָט זיך פון אַלעם אויסגעטשוכעט. פון גאַנצן קאָמפּלעקס וועלט־פראַגן, וואָס האָבן אים יאָרן לאַנג געפּייניקט, האָט איבער אַלעם גענומען עקבערן איין פראַגע:

— וואָס וועט זיין דער תכלית?

ווייל ער איז אַלט געוואָרן — דריי־און־דרייסיק יאָר...

* * *

דער קליינער שלמהלע האָט ניט פאַרראַטן די לערע פון זיין רבין. ווען דאָס שטעטל איז אַריבער צו דער רוסישער מדינה, האָט ער באַשלאָסן אַרויסצונעמען די רויטע פאָן פון פאַראיין, וואָס האָט זיך יאָרן לאַנג געפונען ביי מיעלעצקין אין אַן ענגן צימערל, און ברענגען זי צו די נייע מושלים פון שטאָט.

געטראָגן האָט ער זי אַליין. ניט געווען ווער ס'זאָל אים באַגלייטן. האָט שלמה „קאדזשאב" מאַרשירט איבער די גאַסן מיט דער רויטער פאָן אין האַנט.

דער שטאַנג פון דער פאָן, וואָס איז געווען פיל העכער פון אים, האָט זיך געוויגט אין ווינט ווי אַ מאַשט. דער רויטער זעגל האָט געפלאַטערט און דאָס שיפל, שלמה „קאדזשאב", איז געשוואומען צום ציל...

די „בלעכער"

מדינת פוילן האָט זיך נאָר וואָס געשטעלט אויף די אייגענע, שוואַכע פיסלעך. זי איז ערשט אַרויסגעקראָכן פון דער פּאַפּירענער „וויקראַיקע", לויט וועלכער דיפּלאָמאַטן אין ווערסאַל האָבן זי צוגע־שניטן.

די ממשלה האָט זיך גענומען פאַרפעסטיקן אין לאַנד.

דעמאָלט האָט דער גאָראָדייער סטאָליער־געזעלן משה־הירש ברוזעל, וואָס האָט קיין מאָל קיין וואָרט פּויליש אין די אויערן ניט געהערט, באַקומען אַ צעטל זיך צוצושטעלן צום מיליטער פון דער פּוילישער רעפּובליק.

פאַרוואָרפן אין אַ ווייטער, עכט פּוילישער געגנט, איז משה־הירש געווען ווי אין אַ פרעמדער וועלט. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז זיינע יונגע בחורישע יאָרן וועט ער דאָ אָפּפינצטערן ווי אַ שטומער.

נאָר אומגעריכט איז דער אָפיציר געוואָר געוואָרן, אַז משה־הירש איז אַ מוזיקאַנט פון דער גאָראָדייער „פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע", אַ קלאַר־נעטיסט.

— אַ קלאַרנעטיסט דאַרפן מיר האָבן — האָט דער אָפיציר אים געקלאַפּט גוט־ברודעריש אין פּלייצע — וואו האָסטו דיין קלאַרנעט?

— טאָם!

דאָרטן האָט געהייסן — אין גאָראָדייע, ביי זיין טאַטן אין שטוב, אויפן וואַנט הענגט ער...

משה־הירש האָט באַקומען צען טעג אורלויב, כדי צו ברענגען זיין קלאַרנעט און ווערן דער סיגנאַליסט פון פּאָלק.

נאָך דעם ווי משה־הירש, דער אויסגעדינטער סאָלדאַט, איז צו־ריקגעקומען אַהיים האָט ער דעם ערשטן פאַרטאָג גלייך זיך אַ נעם געטאָן צום קלאַרנעט:

— פּאָבודקאַ, פּאָבודקאַ, ווסטאַט!

אַז דער עולם היימישע האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק און זיך איבערגעדרייט אויפן צווייטן זייט, איז ער ניט פויל געווען און גענומען שלעפּן די קאָלדרעס פון זיי, ווי ביים מיליטער און האַלב־רוסיש, האַלב־פּויליש גערופן:

—קאָצי דאַלאָי!

ערשט ווען זיין שוועסטער האָט אים אַריינגעלאָזט אַ היימישן פּליאַסק האָט ער דערפילט, אַז ער איז ניט מער דער סיגנאַליסט פון פּאָלק ברוזעל, נאָר פּשוט — משה־הירש דער פּאַזשאַרניק...

ער איז געווען קאַפּעלמייסטער פון ניעסוויזשער פייערלעשער־אָרקעסטער, וועלכן מ׳האָט אין שטאָט גערופן:

— די בלעכער...

דעם נאָמען: אָרקעסטער, האָט זיך שטאָט פאַרגינען נאָר צו באַ־נוצן ווען מ׳האָט דערמאָנט די מוזיקאַנטן פון 27־טן פּאָלק אולאַנער... הגם די פּוילישע מלוכה איז שוין געווען אַ יאָר פופצן אין זאָטל, האָט משה־הירש נאָך אַלץ געגעבן זיינע קאָמאַנדעס אין רוסיש:

— נו, רעביאַטאַ: טרי... טשטירי...

נאָר צו מאַמאָנקע דעם קאַלכער פון פאַרנע גאַס, אַט דעם גוי וואָס האָט געשפּילט אויפן באַס, האָט ער דערלאַנגט אַ זאָג אין פּראָסטן יידיש:

— מאַמאָנקע, דערלאַנג אַ טרובע!

אויב משה־הירש האָט אַ מאָל פאַרפעלט צו קומען, האָט דעם אָרקעסטער געפירט באַנקאָווסקי. געשפּילט האָט ער אויפן פליוט, אַזוי דין, פאַרחלומט, ווי אַ פאַסטוך אויף זיין ווערבע־פייפל. נאָר טאָמער האָט ער ניט געשפּילט, איז דער פליוט געווען זיין מאַרשאַל־

סקער שטעקן צום דיריגירן. און דיריגירט האָט ער, פּונקט ווי מישאַלסקי, דער קאַפּעלמייסטער פון מיליטערישן אָרקעסטער, אין אַ יום־טוב. דעמאָלט האָט מישאַלסקי ניט געשפּילט אויפן קלאַרנעט, נאָר אין ווייסע הענטשקעס, מיט אַ מאַרשאַלסקע בולאַווע, וואָס האָט געהאַט אַ זילבערנעם קאָפּ, האָט ער דיריגירט, פאַרנדיק אויף זיין ווייס פערד.

באַנקאָווסקי האָט געהאַט פאַנטאַזיע און דאָס האָט ער אַריינגעלייגט אין דיריגירן. ווען ער האָט געהאַלטן זיין פּלייט אין האַנט, האָט ער פאַרגעסן אַז הינטער אים געפינען זיך ניט מער ווי די „בלעכער", און ס'האָט זיך אים געדוכט אַז ער דיריגירט אין אַ קאָנצערט־זאַל. געקומען איז באַנקאָווסקי פון ערגעץ טיף־פּוילן און איז שוין פאַרבליבן אין שטעטל. געוואוינט אין די „ראַדן", האָט אין זיין קרעמל געפּעלט מזל־ברכה... איז קלאָר, אַז קיין גביר איז ער ניט געווען.

נאָר ווען באַנקאָווסקי, אָנגעטאָן אין מונדיר מיט די רויטע ברעגעס, די קלאַווישן פון פּלייט אויסגעשייערט אַז די זון האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיי, איז געגאַנגען פאַרויס פון אָרקעסטער — אין דעם מאָמענט וואָלט ער זיך ניט געביטן מיטן גרעסטן גביר...

דער דריטער וואָס פלעגט ווען ניט איז קריגן אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצורוקן פאַראויס און אָנפירן מיטן אָרקעסטער, איז זעליק שפּיל־בערג. זעליקס אינסטרומענט איז געווען דער באַריטאָן. נאָר מען האָט קיין מאָל ניט געקענט וויסן צי ער איז רויט פון שנאַפּס, וואָס ער האָט נאָר וואָס געמאַכט, אָדער פון פּרעסן די גראָבע, פליישיקע ליפּן אין מונדשטוק פון באַריטאָן.

מען האָט קיין מאָל אויף קלאָר ניט געקענט וויסן ווען זעליק האָט געמאַכט דעם ריכטיקן שנאַפּס, וואָרעם יעדעס מאָל איז ער גע־גאַנגען מאַכן אַ „פּאַדכמיעל" און געפּעלט האָט אים אין גאַנצן אַ וואַסערע פּופּציק גראָשן אויף אַ קליין פלעשעלע.

אָפּגעשלאָסן דעם אָרקעסטער האָבן זעליק דער באַראַבאַנשטשיק

און יעזשערסקי דער טאַצן־קלאַפּער.ביידע נידעריקע, ביידע מיט אויסגעבויגענע פּיס ווי ביי רייטער האָבן זיי פאַרנומען אַ חשוב אָרט אין אָרקעסטער. פאַר די יאַטלעך, וואָס האָבן אַרום זיי געקלעפּט ווי די פליגן, זענען זיי געווען די הויפּט־מוזיקאַנטן. אָן די איבעריקע וואָלט מען זיך געקענט באַגיין.

געוויס האָט זעליק דער שוסטער געהאַט אויך אַ פאַמיליע־נאָמען. נאָר קיינער האָט עס ניט געוואוסט. דערפאַר האָבן עלטערע יידן, שוין אָפּגעלעבטע ווייסע חברה, געוואוסט ווער עס איז זעליק דער באַראַבאַנשטשיק.

אין ציוויל איז יעזשערסקי געווען אַ משרת אין אַמט פון סטאַ־ראָסטע. אַז יידן פון אַ וויטן שטעטל פלעגן קומען קיין ניעסוויזש זוכן אַ שתדלן, וואָס זאָל ביים סטאַראָסטע אָפּשרייען אַ גזרה, פלעגן זיי געווײנלעך גיין צו אהרן גאָלדין דעם געהילץ־סוחר, וואָס איז אויך געווען נאַטשעלניק פון דער „פאָזשאַרנער קאָמאַנדע". אהרן גאָלדין פלעגט דאַן אַ נעם טאָן דעם טעלעפאָן, וואָס דאָס אַליין האָט אין די אויגן פון די יידן אויסגעזען ווי גאָר אַ גרויסע זאַך, און ער פלעגט געבן אַ פרעג מיט אַ טאָן ווי ער וואָלט גערעדט צו זיינס גלייכן:

— פּאַניע יעזשערסקי, צי איז דער הער סטאַראָסטע היינט דאָ?

און יעזשערסקי, צופרידן צו הערן זיין נאַטשעלניק, פלעגט מיט אַן אונטערטעניקן טאָן אָפּענטפערן:

— טאַק יעסט, פּאַניע נאַטשעלניקו...

די לוויה

פון פאַרטאָג אָן האָט עס געשנייט. שוין וואָכן אַז דער פראָסט האָט איינגעשמידט די ניישטאָטער אָזיערע און זי האָט ווי אַ גלאַטער שפּיגל געבלענדט קעגן דער זון. די ווייכע, איינגעפראָרענע ערד האָט דער פראָסט פאַרוואַנדלט אין האַרטן בעטאָן, איבער וועלכן וועגן זענען געפאָרן מיט אַ טראַסקעריי ביז צום טויב ווערן. און אָט האָט עס גענומען שנייען. באַלד וועט די וועלט ווערן ווייס, פוכיק־ווייך, און מען וועט זיך קענען אָוועקלאָזן מיטן שליטל פון קאָזשימער באַרג־אַראָפּ, און אַז ס'וועט געלינגען זיך אונטערצוהענגען אַ פויערישן שליטן, קען מען פאַרפאָרן ביז אין מאַרק אַריין.

דער אַכט־יאָריקער מייסל האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן און זיך געפרייט מיטן שניי. אין שטוב איז געווען אַ צערודערונג און ער האָט ניט געהאַט מיט וועמען זיך צו טיילן מיט זיין פרייד.

— אַריבערגיין צו די „זעקעלעך" — איז געווען זיין ערשטער געדאַנק. נאָר באַלד האָט ער זיך דערמאָנט:

ער איז משה־שרה־כאַשעס איניקל, און זיי — יעקב־משה דעם שוסטערס קינדער, וואָס גייען אַרום איבער די שמיעטניקעס מיט זעקלעך און קלייבן צוזאַמען אַלט אייזן,ביינער, כדי עפּעס צו פאַר־דינען. מען האָט אים שוין וויפיל מאָל אָנגעזאָגט:

— זיי זענען דיר ניט קיין חברים — וואָס וועסטו זיך אויסלערנען פון אברהמל „זאַק" אָדער כאַניע „פּאַווליוק"?

פון דעסטוועגן איז ער אַריבערגעלאָפן די גאַס און זיך אַריינ־געכאַפּט צו יעקב־משהן.

די בנים מיטן שווארצן קאטער זשוק זענען געלעגן אויפן אויוון, וואס איז שוין כמעט קאלט געווען. פאר מייסלען האט זיך פון דעסט־וועגן געפונען אן ארט.

— אראפ! — האט זיך יעקב־משה דער שוסטער צעשריגן אויף זיינע קינדער — קריכט אראפ און מאכט פייער אין אויוון, איר ווילט גארניט פרעסן, אז פרעסן זאלן אייך די ווערים!

אברהמל האט גענומען א שייט האלץ און געפרווט אים צו צע־שפאלטן, נאר דאס האלץ האט ניט געוואלט איינשטיין. ווי נאר אברהמל האט זיך אויף אים פארמאסטן מיט דער האק, איז עס אומ־געפאלן.

—האלט צו — האט אברהמל דערלאנגט מייסלען דאס האלץ. ער האט זיך אויף אים פארמאסטן מיט כוח פון אן אכט־יאריקן און מיט דער טעמפער האק געטראפן נעבן מייסלס גראבן פינגער. עס האט א פלייץ געטאן בלוט. מייסל איז מיט א געוויין געלאפן אהיים.

— דיין גליק וואס דער טאטע איז ניטא — האט אים די מאמע געזאגט, צובינדנדיק דעם פינגער — א ניט וואלסטו געכאפט אן אקלאדקע...

מיט א מאל איז אריין דער טאטע. ער איז געווען אזוי צערודערט, אז ער האט אפילו ניט באמערקט די ניט פארטריקנטע טרערן אויפן קינדס פנים. נאר דער ווייסער, פארבונדענער פינגער איז אים גע־ווארן אויפפאלנדיק.

— שוין באלד אין דער פרי האסטו זיך צעמזיקט? — און כדי צו פארגלעטן, האט ער אים צוגעזאגט:

— וועסט מיטגיין מיט מיר!

אין דרויסן איז דער שניי נאך אלץ געפאלן. מייסל האט איין האנט פארשטעקט אין טאש, און די אנדערע הינטער דער פאלע פון דער בורקע. ער האט שוין מער ניט געוויינט, נאר איז נאכגעגאנגען נאכן טאטן.

מ. אייזענבוד

* * *

אויפן מאַרק אין לייבעצקע דעם קצבס מויער האָט געוואוינט אַן אַלטער, קאַליקער בחור — מישקאָווסקי. געלעבט האָט ער פון געבן עצות ווי אַ ווינקל־אַדוואָקאַט וואָס האָט ניט קיין רעכט, אָבער האָט גענוג געשטודירט ער זאָל וויסן וואָס מען דאַרף אין אַ ביטע אָנשרייבן. אָדער ווי צו האַנדלען אין פאַרשידענע פאַלן. אין די יונגע, סטודענטישע יאָרן איז ער געוואָרן אַ בונדיסט און ווען ער איז שוין ווי אַ קאַליקע געווען צוגעבונדן צום בעט, האָט ער מיטגעלעבט מיט זיינע חברים אין דרויסן..

ביינאַכט — ער האָט געוויס געוואָלט אונטערלייגן האָלץ אין אויוון — איז ער אומגעפאַלן און מיטן קאָפּ זיך אָנגעשלאָגן אין אויוון. עס איז געווען אַ טויט־קלאַפּ.

חברה־קדישא האָט באַלד געמאַכט איר חשבון:

— אַן אַלטער בחור, אַ ווינקל־אַדוואָקאַט, אַ בונדיסט, קען דער טאַטע באַצאָלן פינף־הונדערט דאָלער קבורה־געלט.

דעם אַלטן מישקאָווסקי האָט פאַרפעלט לשון:

— וואו וועט ער נעמען אַזאַ סומע? אַז דער זון האָט פאַרקרענקט ביז אַ פּרוטה!

— וועט ניט זיין די קבורה — האָבן חברה־קדישא־לייט טרוקן געפּסקנט.

— בזיון המת — האָט דער אַלטער געבראָכן די פינגער, און טרערן זענען אים גערונען פון די אויגן.

מייסל איז געגאַנגען מיטן טאַטן. ער האָט געזען ווי דער אַלטער מישקאָווסקי ווישט די אויגן מיטן טיכל און קרעכצט.

— וואָס טוט מען, וואו נעמט מען געלט?

— ס׳וועט זיין אַ לוויה — האָט געזאָגט לייבל, מייסלס טאַטע.

— איר שטאַרקט זיך נאָר...

עס איז שוין געווען נאָך דער טהרה.

די שטוב איז פול געוואָרן מיט מישקאָווסקיס חברים. אין מיטן שטוב איז געשטאַנען אַן אייזערן בעטל, צו וועלכן יאַנקל דער שמיד האָט צוגעשמידט צוויי האָלאָבלעס פון אַ פויערישן וואָקן. עס איז געווען אַ מיטה. פון צווישן עולם האָט זיך אַרויסגערוקט הירשל טור־טשין „גרישא" מיט אַ רויטן טוך, גרייט איבערצודעקן דעם מת.

— חברים — האָט זיך אָפּגערופן לייבל — אויב די חברה־קדישא זאָגט זיך אָפּ דורכצופירן די לוויה, וועלן מיר אים ברענגען צו קבורה. דער קבר איז שוין פאַרטיק, און קיינער קען אונדז ניט אָפּהאַלטן פון טאָן אַ חבר זיין לעצטע רעכט!

אויף דעם האָט זיך חברה־קדישא אָמווינציקסטן געריכט.

— פון אונטער דער נאָז זאָל מען אַ מת אַרויסכאַפּן! וואָס איז עס — הפקר פיעטרושקע?

נאָר אַז זיי האָבן דערזען די בחורים, וואָס האָבן אין אַ וואָכעדיקן טאָג אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט און האָבן אַרומגענומען די גאַס ווי מיט אַ רינג, זענען זיי ווייכער געוואָרן.

— נו שוין, לאָזט אונדז צו. מירן אים טאָן זיין רעכט. וואָס איז, איר געטרויט אונדז ניט?

מייסלס האַנט איז געווען איינגעקלאַמערט אין טאַטנס. ער האָט פאַרגעסן, אַז איר דער פרי האָט מען אים מיט אַ האַק צעקלאַפּט די האַנט. ער איז געגאַנגען שטיל, טראָט נאָך טראָט מיטן טאַטן ווי אַ גרויסער, צוזאַמען מיטן עולם, וואָס איז נאָכגעגאַנגען דער לוויה.

דער שניי איז נאָך אַלץ געפאַלן...

דער משפט...

צווישן קלעצק און דערמיר ליגט ניעסוויזש. קלעצק — די שטאָט פון בעלי־עגלות, און פערד־הענדלער, בעל־מלאכות און ישיבה־בחורים. יידן קרעפקע, האָרעפּאַשנע, האָבן זיי געטריבן פי ביז וואַרשע, צוריק־געפירט סחורות און צעשיקט עס איבער די שטעטלעך וואו קיין באַן איז ניט דערגאַנגען.

בעלי־עגלות — האָבן זיי פאַנאַנדערגעבויט דעם טראַנספּאָרט און פון וואַרשע ביז קלעצק. געפירט פולע לאַסט־אויטאָס מיט סחורות קלעצקער יידן האָבן אַראָפּגעבראַכט אַלטע, אָפּגענוצטע טעקסטיל־מאַשינען פון ביאַליסטאָק און גענומען אָנטאָן דעם פּאָליעסיער פויער אין ביליקע געוואַנטן. זיי האָבן געשמידט פויערישע וואָגנס, געהאַלטן מילן און געמאָלן קאָרן, ווייץ פאַר די אַרומיקע פויערים.

זעלטן פלעגט אַן אַקטיאָר פאַרבלאָנדזשען אין דעם שטעטל, און פלעגט פון ליבהאָבער צונויפשטעלן אַ טעאַטער־קרייזל. דאַן פלעגט קלעצק האָבן פאָרשטעלונגען מיט טענץ און געזאַנג.

אַז די טוער פון דער יידישער פאָלקס־שול אין ניעסוויזש האָבן אונטערגענומען אַ טור איבער די שטעטלעך מיט דער קינסטלערין יהודית בערג, איז אויך קלעצק געווען צווישן די שטעטלעך וועלכע זי האָט באַזוכט.

דער טעאַטער־זאַל — אָנגעפּאַקט. קעפּ אויף קעפּ. אַלע אויגן צוגעשמידט צו דער בינע. די ערשטע נומערן זענען אויפגענומען געוואָרן מיט טיפן רעספּעקט און איינגעהאַלטענעם אָטעם. נאָכן דריטן נומער האָט עמיצער ניט אויסגעהאַלטן:

— דאָווי פּיעניעז!!

און טאַקע — וואָס איז עס פאַר אַ טעאַטער אַן געזאַנג?

ביי אַ צווייטער געלעגנהייט, כדי צו שאַפן געלט פאַר דער יידי־שער שול, האָט מען אַרויסגעפירט קיין קלעצק אַן אָונט, וואָס האָט געהייסן — אַ משפט איבער „ציאַנקאַלי״. וואָכן פריער האָבן פּלאַקאַטן אָנגעזאָגט די קלעצקער יידן די נעמען פון אַלע דאָקטוירים, וואָס נעמען אָנטייל אין משפט: ד״ר געצאָוו, ד״ר אַלביענסקי, ד״ר סעגאַ־לאָוויטש, ד״ר קאָווע, ד״ר האַלפּערן.

קלעצקער האָבן זיך אפילו געוואונדערט:

— ווי קומען אַזוי פיל דאָקטוירים קיין ניעסוויזש?

נאָר היימישע, וואָס האָבן געהאָלפן שאַפן די פאָנדן אויסצוהאַלטן די שול, האָבן געוואוסט.

— דאָקטער געצאָוו איז אַ סטאָליער, אַלביענסקי — דער סעקרע־טאַר פון „טאָז״, קאָווע — אַ יידישער לערער און האַלפּערן — אַ בוכהאַלטער. דער איינציקער דאָקטער אין אַנסאַמבל איז ליאָלע סע־גאַלאָוויטש...

ווייל קלעצקער יידן האָבן ליב — מען זאָל זיי „נעמען״. און דאָ מיט אַין מאָל אַזוי פיל דאָקטוירים — מען זאָל זיי ניט דאַרפן...

פון דעסטוועגן איז יעדער טשעקאָווע צו וויסן:

— וואָס אַ שטייגער קענען זיי זאָגן?

צו אַזאַ אונטערנעמונג האָבן קלעצקער רייכע ווייבער זיך געניים קליידער ווי צו אַ באַל. וואָרעם וואָס אַזוינס עס קומט פאַר, האָבן זיי אויף קלאָר ניט געוואוסט, נאָר אַז אַזוי פיל דאָקטוירים קומען... ווען די דאָקטוירים האָבן זיך גענומען משפטן „ציאַנקאַלי״, זענען קלעצקער גבירים געזעסן אין דער ערשטער ריי גאַנץ געמיטלער, ווי ביי זיך אין דער היים, געסמאַטשקעט די ביינדלעך פון אַ הינערישער פולקע און פאַרביסן מיט אַ זויערער אוגערקע:

— ווּעמען אַרט עס... עס איז דאָך ניט קיין גויאישער „סוד״...

ניט נאָר דער קולטורעלער ניוואָ, אפילו די פאַרבינדונג מיטן רבונו־של־עולם איז געווען אַ לויזע. אַ מנין אין דער פרי און פאַר־נאַכט, אַ קאַפּיטל תהילים — אום שבת.

טרייבנדיק די „לעבעדיקע שטיקלעך" קיין וואַרשע, האָבן זיי פון דעסטוועגן ניט אויפגעהערט צו טראַכטן:

— וואָס וועט זיין מיט עולם־הבא? ווי קען עפּעס אַ ייד לעבן אָן מיצוות? מיט וואָס וועלן מיר זיך שטעלן פאַרן אייביקן משפט? דאָרטן קען מען שוין ניט „אָפּשמירן", „אָפּכוירעשן", דאָרט מוז מען זאָגן דעם אמת... דאָס שטעטל — פרום. יידן וועלן פאַר פרומקייט, פאַר גאָטס כבוד וועגן גיין אויף קדוש־השם. זיי וועלן דורסן יעדן אפיקורס וואָס וועט זיך דערוועגן מחלל־שבת זיין. האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ גרויסע ישיבה, וואָס האָט אַריינגענומען אַ פּאָר הונדערט ישיבה־בחורים, און קלעצק האָט געגעבן טעג צו עסן.

— זאָל זיין אין זייער זכות — האָבן זיך יידן געוואונטשן...

* * *

מיר האָט דאָס שטעטל געהייסן אין דער אָפיציעלער פּוילישער אַמט־שפּראַך. דערמיר — האָבן עס יידן גערופן, און זאַמיריע — האָט דאָס שטעטל פריער נאָך געהייסן,ביים רוסישן צאַר. דעם נאָמען האָט עס געקראָגן, ווייל דאָס גאַנצע שטעטל האָט געהערט צום קניאַז מירסקי.

גראָד האָט פּאַסירט, אַז רחל פּיקטושיכעס, אַ מירער יידענע, דאַרף פון באַראַנאָוויטש אַהיים פאָרן. ביים קאַסע־פענצטערל פון וואָקזאַל האָט זי געבעטן:

— ביליעט נאַ זאַמיריע!

דער פּוילישער באַן־באַאַמטער, מיט פאַרדרוס אויף דער יידענע וואָס וויל ניט אָנערקענען דעם פּוילישן נאָמען פון דער שטאָט, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און צעפירט די הענט:

— נישטאָ שוין אַזאַ שטאָט!

—וו...אָ...ס...!!! — האָט רחל פּיקטושיכעס ניט געקענט פאַרשטיין;
און אין אַ ווײַלע שפּעטער, האָט זי אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין:
— אוי, אַ בראָך איז צו מיר, זאַמיריע האָט אָפּגעברענט...

מירער יידן — יידן למדנים, פרומע, אָפּגעהיטענע. די מירער ישיבה האָט געשמט איבער דער גאַרער יידישער וועלט, און בחורים אַזוי ווײַט ווי פון אַמעריקע און אַרגענטינע זענען אַהין געקומען לער־נען. עס איז געווען אַ שטילע, מתנגדישע פרומקייט, וואָס האָט ניט געריסן די אויגן; ניט מיט די בגדים און ניט מיט התלהבות־אויסברוכן ביים דינען גאָט. די דאָזיקע פרומקייט האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין לעבנס־אָרט פון די יידן, ווי אַן אַלטער, אײַנגעוואָרצלטער בוים שניידט זיך אײַן אין דער ערד.

ווייניק בעל־מלאכות געווען אין דערמיר. מען האָט געלעבט פון שרייבן ספר־תורות, תפילין, וואָס זענען זיך צעגאַנגען איבער די יידישע ישובים; פון די רייכע ישיבה־בחורים, וואָס זענען אײַנגעשטאַ־נען אין יידישע הייזער און פון אַ קרוב אין אַמעריקע.

ס'שטעטל האָט זיך געפירט מיט איר אייגענעם סדר. האָט זיך אַ ישיבה־בחור צופיל פאַרקוקט אויף אַ שוואַרץ־אויגיקער יידישער טאָכטער, און ס'איז דערגאַנגען צום ראש־ישיבה, האָט מען דעם בחור — מעג ער זיין אַן אַמעריקאַנער — אַריבערגעלייגט איבערן טיש און אַרײַנגעשמיסן.

אפילו נחום־עליע קאַגאַן — דער בונדישער אָראַטאָר, ווי דער־מיר האָט אים גערופן — איז אויך געווען אַ געזעלן ביי אַ סופר...

* * *

און ניעסוויזש?

אַ וואַרעמער זומער־פרימאָרגן. ס'איז שבת. יידן שפּאַצירן גע־לאַסן מיט די סאַמעטענע טליתים־זעקעלעך אונטערן אָרעם אין שול אַרײַן. איינער גייט אין דער מאַרק־שול, אַן אַנדערער אין דער קאַלטער. יעדערער לויט זיין שטאַנד נאָך. נאָר וואו אַ ייד זאָל ניט

גיין, מוזן זיינע אויגן פאַלן אויף די גרויסע פלאַקאַטן, וואָס זענען ווי ברייטע, קאָלירטע לייוונטן צעהאָנגען איבערן שטעטל. דוכט זיך נעכטן זענען זיי דאָ ניט געווען, און דערפאַר טאַקע רייסן זיי, צווינגען זיך אָפּצושטעלן און איבערלייענען.

דעם שבתדיקן פרימאָרגן האָט זיך דאָס שטעטל אַ וויג געטאָן פון איין ברעג צום צווייטן, אָט ווי אַ פעלד פון רייפע זאַנגען, ווען איבער אים גייט דורך אַ שטורעם־ווינט.

— אַזאַ חוצפּה! — האָבן יידן געשריגן.

— ס'איז אַ חרפּה פאַר די גויים! — האָבן רואיקערע געפּרווט מוסר זאָגן.

— איי, וועט מען זיי אַ מאָרדע אָנרייבן... — האָבן חברה הנאה געהאַט.

— האַקט זיי אָריין, די שקצים! — האָבן יידן־תקיפים געשטורעמט.

— זאָל דער רב גיין צום סטאַראָסטע! — האָבן בעל־תכלית־יידן געעצהט.

— לאָמיר אַראָפּרייסן די אַפישן! — האָבן היציקע יידן, אויפ־טוערס, געשריגן.

נאָר ס'איז געווען שבת. זענען די פלאַקאַטן אויף פויליש און יידיש, ווי דאָס געזעץ האָט פאַרלאַנגט, געהאָנגען איבער דער שטאָט; דערהויפּט אויף ווילנער גאַס, וואו דאָס שטעטל גייט אַממערסטן שפּאַ־צירן, און זיי האָבן אָנגעזאָגט:

„איבעראַכטאָג שבת קומט פאָר אין גרויסן זאַל פון ראַטוש אַ משפּט איבערן קלער... באַשולדיקער: אהרן גאַבריעלאָוו; עקספּערטן: לייזער געצאָוו און משה פּאַמעראַניעץ; פּאַרטיידי־קער: אליהו צאַדיק.

מ'שטיינס געזאָגט, ווי עלע צאָץ וועט זיי פּאַרטיידיקן — האָבן יאַטן צווישן זיך גערעדט — נאָר ווי איז עס אַ משפּט אָן אַ פּאַרטיי־דיקער....

אין קהל־שטיבל פון דער קאַלטער שול האָט געדאַוונט דער רב.

— רבי, נו — האָבן יידן אומגעדולדיק געמאָנט ביי אים אַ תשובה.

— שבת — האָט דער רב ניט געוואָלט זיך אַריינלאָזן אין וואָכיקע ענינים.

שבת אויף דער נאַכט האָט דער רב געפּסקנט:

— צום סטאַראָסטע גייט ער ניט. די ערלים זאָלן זיך אָננעמען פאָרן יידישן דת, דאָס וויל ער ניט. זאָל יעדער טאַטע טאָן וואָס אַ טאַטע דאַרף טאָן.

האָבן טאַטעס אָנגעזאָגט אין דער היים מיט האַרבן וואָרט:

— ניע סמעי!

טייבעצקע די אלמנה האָט פאַרמאָגט ניט מער ווי איין קינד, דאָס אויג אין קאָפּ, ווייל זי איז יונג אַן אלמנה געבליבן. צו איר איז די מעשה מיטן משפט, וועלכן איר ארעלע גייט מאַכן איבערן יידישן קלער ניט דערגאַנגען. נאָר ס׳גענֵיטע מאַמישע אויג האָט באַמערקט, אַז ארעלע איז עפּעס ניט מיט אַלעמען.

איז זי געגאַנגען צו שכנים פרעגן אַן עצה.

— איך בעט איך, ר׳ מרדכי־דוד, אפשר אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, אָדער אָפּגיסן שרעקעניש? אז מיין ארעלע גייט אַרום דעם גאַנצן טאָג, ניט דאָ געדאַכט, און האַלט אין איין רעדן צו זיך אַליין: רבנים, דיינים, שוחטים, בלוט־זויגער, פּיאַווקעס, גנבים... עפּעס אַזעלכע רייד, גאָט זאָל אָפּהיטן...

דער שטרענגער טאַטישער „ניע סמעי״! האָט געהייסן — ניע סמעי צו גיין צום משפט! ניע סמעי מיט דער חברה זיך צו חברן!...

אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן. דער זאָל, פול ביז צו די ברעגעס, איז אָנגעפילט מיט שפּאַנונג:

— וואָס וועט מען דאָ היינט זאָגן?!

געעפנט די דעבאַטע האָט ארעלע טייבעצקעס. זיינע רייד —

ברענענדיקע שייטן, געוואָרפן אין דער אַלטער וועלט. זיינע אויגן — צוויי אָנצינדער פאַר באָמבעס, וואָס אָט נעמען זיי שיטן מיט פונקען, און פון אַלטן שימל בלייבט איבער ניט מער ווי אַ פּרוך. זיינע שטעכיקע פיילן האָבן ניט אויסגעמיטן דאָס אַלץ וואָס צענדליקער דורות האָבן געהאַלטן פאַר הייליק. דער פלאַקער פון זיינע רייד האָט אָנגעצונדן גלויבן אין די נשמות פון די יונגע מענטשן, פאַר וועלכע עס איז ניטאָ קיין צוקונפט אין די איצטיקע באַדינגונגען. עס איז געווען דער רעוואָלט קעגן אייגענעם נעכטן...

פאַר דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי איז דאָס שטעטל געווען ווי אַן אָפענע האַנט. אויף די „שומרים" האָבן זיי געקוקט, אָט אַזוי:

— קאָמוניסטי נאַ עקספּאָרט...

דאָ זענען זיי, קומט אויס, באַלעבאַטישע קינדער. עסן יעדן טאָג בייגל מיט פּוטער און טוען גאָרניט. נאָר אין פּאַלעסטינע וועלן זיי ערשט זיין די ריכטיקע קאָמוניסטן.

— טאָ ניעך סאָביע! זאָל זיך דער ענגלענדער זאָרגן...

נאָר זיי האָבן זיך איבערגערעכנט.

* * *

אַרעלע — ער האָט שטודירט שיפן־בוי־אינזשיניעריע אין פראַנקרייך — האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַוועקגעוואָרפן דאָס לערנען און איז פרייוויליק אַוועק קעמפן מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע אין שפּאַניע...

אין דעם נייעם, סאָוויעטישן פּוילן, ערגעץ וואו אין אַ מיניסטעריום, שמועסט מען, זיצט אַ פּאַרגוויאַישטער אַרעלע טייבעצקעס...

ס'האָט מיין טאַטע דערציילט...

(אַ בלעטל געשיכטע)

ביים ברייטן טיש, וואָס איז געשטאַנען ביי אונדז אין מיטן שטוב, האָט שיע נאַכאַמעס געהאַט זיין אָרט. כמעט יעדן אָוונט האָט ער פאַרנומען דאָס אָרט און איידער וואָס־ווען גענומען דרייען אַ ציגאַרעט מאַכאָרקע. אַז ער האָט אָפּגעלייגט דעם ברעג און פאַרקלעפּט דעם ציגאַרעט, האָט ער גענומען דערציילן.

אַלע האָבן שוין געוואוסט ווי אַזוי שיע נאַכאַמעס האָט געפּויזעט אויפן בויך מיט אַ שער אין האַנט און געשניטן שטעכל־דראָטן אויפן פראָנט; ווי אַזוי שיע נאַכאַמעס איז געגאַנגען אויף „שטיקי" און ווי אַזוי ער האָט געפונען שנאַפּס אין אַ דייטשן אָקאָפּ.

אַלע האָבן געוואוסט, אַז שיע נאַכאַמעס איז צוריקגעקומען פון פראָנט, וואו ער איז געווען אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, מיט אַ פּאַק מעשיות און — אַ מאָגן־פעלער.

פון די אַלע מעשיות האָט זיך ביי אונדז, קינדער, געפּלאָנטערט אין קאָפּ „דאָס גייען אין באַי" און אַרויסקריגן זיך פון „אָקרוזשעניע", וואָס עס מיינט „נאַסטופּאַיען" און „אָטסטופּאַיען" איז שווער געווען צו באַגרייפן.

און כאָטש מען האָט פון פריער געוואוסט ווי די זאַך וועט זיך ענדיקן, האָבן מיר, קינדער, געוואַרט אויף זיינע מעשיות.

איין מאָל האָט ער פאַרפעלט צו קומען.

— דער מאָגן־פעלר האָט אים אָוועקגעלייגט — האָט ווער גע־זאָגט.

דעמאָלט האָט דער טאַטע גענומען דערציילן די געשיכטע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט אַ סך יאָרן צוריק.

געווען איז עס אין יענעם יאָר ניינצן־הונדערט און פינף. איך בין דאַן געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר אַכט־ניין. איבער דער שטאָט האָט מען מאַרשירט מיט רויטע פענער און געשריגן „דאַלאַי סאַמאָ־דזשערזשאַוויע". דער אוריאַדניק האָט זיך טאַקע באַהאַלטן, נו איז וואָס? אַז אין פעטערבורג איז סיי ווי געזעסן דער צאַר און ווי ניט אים מיינט מען. אַלע האָבן געוואַרט וואָס עס וועט געשען אין מאָסקווע. נאָר די מאָסקווער אַרבעטער האָבן ניט געהאַט קיין געווער.

האָט דער ניעסוויזשער קאָמיטעט פון „בונד" באַקומען די אויפגאַבע צו שאַפן געווער.

אין ניעסוויזש איז דאַן געשטאַנען די פערציקסטע אַרטילערייסקע בריגאַדע און אַ ספּעציעלע „לעטוטשע בריגאַדע".

אין יענעם יאָר האָט מען זיך אויפן יאַפּאַנישן פראָנט געשלאָגן ווי עס באַדאַרף צו זיין, זענען אַלע סאָלדאַטן געווען אויפן פראָנט. אין שטאָט זענען פאַרבליבן נאָר אַזוי פיל, עס זאָל גענוג זיין אָפּצוהיטן דעם „טשעכאַוואָסט".

אַז דער טאַטע האָט באַמערקט, אַז מיר, קינדער, כאַפּן זיך ניט וואָס ער מיינט, האָט ער צוגעגעבן:

— דאָס זענען געווען די סקלאַדעס וואו די אַרמיי האָט געהאַלטן געווער, פעלצן, שטיוול...

ווי־זשע קריגט מען זיך דאָרט אַריין?

איז מען דערגאַנגען, אַז צו נאָטע דעם שמיד, דעם בוזינייער, צו זיין טאָכטער, קומט אַריין אַ סאָלדאַט, אַ קאַווקאַזער ייִד. אַזוי ווי ער איז אויך געווען אַ לינקער, האָט מען מיט אים אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן:

ווען ער וועט שטיין אויף דער וואַך, וועט מען אויסשניידן דעם ריגל פון טויער צוזאַמען מיט דער פלאָמבע, אַרויסנעמען די ביקסן

און צוריק פאַרמאַכן, מען זאָל ניט דערקענען. ווען אַלץ וועט זיין פאַרטיק, שיקט מען דאָס געווער אָפּ קיין מאָסקווע, און דעם קאַווקאַזער סאָלדאַט — קיין אַמעריקע.

* * *

אַ פראַסטיקע ווינטער־נאַכט. דער „טשעכאָוואָסט" האָט זיך גע־פונען אין אַלטן מאָנאַסטיר, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכן וואַל. אַרום וואַל איז געווען דער טייך. אויף דריי שליטנס, צו צוויי פּאָר פערד, איז די בונדישע „באַיווקע" פאַרפאָרן הינטערן וואַל און צוגע־טראָטן צו דער אַרבעט. אין משך פון דער נאַכט האָט מען די שווערע קאַסטנס מיט די ביקסן פאַרלאָדן און פאַרפאַקט מיט שטרוי. אַ חוץ דעם האָט מען אַרויסגענומען אַ ביסל פעלצן און שטיוול פאַרן היימישן געברויך. נאָך דעם שווערן „שטיקל" אַרבעט האָט מען צוריק פאַר־אַרבעט דעם ריגל פון טויער, מיטן זיגל — ווי קיינמאָל גאַרניט געווען.

דריי שווער־אָנגעלאָדענע שליטנס זענען אָפּגעפאָרן קיין מינסק. די שמייסערס, יונגע יאַטן, זענען שנעל געפאָרן מיטן טראַק. ניט ווייט פון מינסק האָבן ספּעציעלע פּאַרטיי־שליחים איבערגענומען דעם טראַנספּאָרט און אָפּגעפאָרן אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן די „שמייסערס" באַקומען זייערע שליטנס צוריק צוזאַמען מיט אַ שיינער מטבע טרינק־געלט. זיי האָבן זיך בשלום צוריקגעקערט אַהיים.

* * *

עס איז אַדורך אַ שטיקל צייט. ביי אַ שנאַפּס האָבן די באַלעגאָ־לישע „שמייסער"־יונגען אויסגעפּלוידערט די גאַנצע געשיכטע, און פון מויל צו מויל האָט מען איבערגעגעבן די איינצלהייטן פון דער פּאַסירונג.

קיינער האָט עס ניט צוגעטראָגן צו „קאַזנאַ".

פריזיערס אָבער זענען בטבע זייער באַרעדעוודיקע מענטשן. אין

זייערע סאַלאָנען קען מען הערן די לעצטע וועלט־נייעס, שטאָט־גע־שעענישן און סתם אַ פּליאַטקע.

אין אַ געוויסן טאָג, שוין אייניקע מאָנאַטן נאָכן אַרויספירן די ביקסן, איז דער פּולקאָווניק פון דער „לעטוטשער בריגאַדע" געזעסן אין דער ראַזורע פון מייער באַשינקעוויטש (מאיר מורזע) און זיך ראַזירט. דערלאַנגט מאיר מורזע אַ מאַך:

— אייער וואוילגעבוירן, וואָס הערט מען פון דעם געווער?

— וואָס פאַר אַ געווער?

— איר ווייסט גאָרניט?

— אַבסאָלוט.

— די גאַנצע שטאָט רעדט דאָך דערפון...

— אַז וואָס?

— אַז די סאָציאַליסטן האָבן אַרויסגעפירט דאָס געווער פון „טשעכאָוואָסט"!

— ?!

קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן ווי עס האָט דעם פּולקאָווניק אַ טראָג געטאָן. די מיליטערישע מאַכט האָט פאַראָרדנט צו עפענען דעם „טשעכאָוואָסט". פּאַצוקעס האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבערן סקלאַד. קיין סימן פון די קאַסטנס ביקסן, אַמוניציע. מאיר מורזען, דעם פריזיער, האָט מען שוין ניט אָפּגעלאָזט, און פון אים איז מען געוואָר געוואָרן אַלע איינצלהייטן. צום דעמאָלטיקן קאָמיטעט פון „בונד" האָבן געהערט: די ברידער נח און בערל איזראַעלס, חוה ליפשיץ און יידל ראַווין (ער איז געווען דער סטאָליער, וואָס האָט עס קונציק אָפּגעאַרבעט דעם זיגל, מען זאָל ניט דערקענען). יידל ראַווין האָט באַקומען 5 יאָר תפיסה און איז אָפּגעזעסן אין פאַרשידענע טורמעס. די „שמייסערס": חיים שעטשקע (בערעזין) און אברהמל קאָפּעלקע (וואָלאָזשינסקי) האָבן באַקומען צו דריי יאָר. דער דריטער

שמייסער האָט זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן קיין אַמעריקע, צוזאַמען מיט אים — דער רימער פּרענסקי.

אויך דער זעלנער, דער קאַווקאַזער ייד, איז דאַן אַוועק מיטן בוזינייערס טאָכטער און זיך באַזעצט אין קאַסעל.

מיט דעם האָט זיך עס אָבער ניט געענדיקט.

עס איז אַראָפּגעקומען אַ פּאָלק טשערקעסן און עס האָט געדראָט אַ פּאָגראָם. זיי האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט און דורכגעזוכט יעדעס הויז. ביים טאָטן אין שייער האָט זיך געפונען דער אַרסענאַל פון בונדישן „באַיעוואָי אָטריאַד" — אַ זאַק מיט רעוואָלווערן און אַ זאַק מיט לעדערנע נאַגייקעס.

עס איז אַ גליק וואָס מען האָט גאָרניט געפונען. קיין פּאָגראָם איז ניט געווען.

צוליב אָט דער מעשה מיטן „טשעכאָוואָסט" זענען אַ סך בחורים און מיידלעך אַוועק קיין אַמעריקע, און צוזאַמען מיט זיי — מיינע שוועסטער...

אין אַ שטיבל אויפן „וואַל" האָט געלעבט דער בעל־עגלה אברהמל קאָפּילקעס. חיים „שעטשקע" האָט שוין געהייסן ברעזין און געווען אַ ייד אַ גביר, מיט אַן אייגענער בעקעריי.

ביי אונדז, יאָטלעך, זענען זיי תמיד פאַרבליבן די עדות פון אַ לעגענדע.

די מצה־מאַשין...

עס איז געווען צו מאָרגנס נאָך פּורים. נעכטן איז זלמן־כּאַשע־מושעס אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט מיט זיין פידעלע, פאַרקליידט פאַר אַ פּורים־שפּילער, און אויסגעוויינט ניגונים אין יידישע הייזער, געשאָטן מיט גראַמען און איינגעמאָנט פּורים־געלט.

געווען אַ צייט, ווען זלמן האָט פאַרמאָגט אַ טרופּע אַרטיסטן, וואָס האָבן געקענט דערלאַנגען אַ שפּיל אָפּ די פּורימדיקע מגילה אין אַ פּאָר מינוט. נאָר זינט די טרופּע איז זיך צעפאַלן, שפּילט ער סאָלאָ. דאָס איז שוין ביי אים אַ חזקה־זאַך.

זיין ניט געבעטענע סוויטע — אַ כּאָפּטע יאָטלעך מיט צעפּלאָמטע בעקלעך, ווי אויסגעקניפּטע פון פאָרסט. זיי זענען פון אים ניט אָפּ־געטראָטן און אים באַגלייט פון שטוב צו שטוב, און ווי העראָלדן אומעטום אויסגעטרומייטערט:

— מאַכט אַ וואַרע! זלמן־כּאַשע־מושעס קומט אָן!

עס האָט ניט געהאָלפן זלמנס בעטן, טרייבן זיי. אָט דוכט זיך זענען זיי פאַרשוואונדן הינטערן ווייסן, פּוכיקן שניי. נאָר ווי ער האָט אויפגעמאַכט אַ טיר, זענען די ווייסע חברה אויסגעוואַקסן אויפן שוועל. ער האָט זיי פון זיך געפּרווט אָפּיאָגן, ווי אַ פערד פון די זלידנע פליגן וואָס דאָקוטשען אים, נאָר ניט געקענט.

— בעסער זיך ניט מאַכן זעענדיק, כאַפּט זיי דער שוואַרטשאָר...

דאָס האָט ער גערעדט צו זיך אַליין — ס'איז דאָך עפּעס פּורים אויף דער וועלט! די פּורימדיקע באַגלייטער זיינע זענען אַזוי היימיש געוואָרן מיט אים, אַז די דאָזיקע היימישקייט האָט זיי געסטייעט אויף

אַ גאַנץ יאָר. וואו נאָר זיי האָבן אים באַגעגנט, איז די באַגריסונג געווען פון אַ גאַנצן כאָר יאַטלעך:

— מאַכט אַ וואָרע! זלמן־כאַשע־מושעס!

צו מאָרגנס איז זלמן צוריק געוואָרן אַ מוליער, און ס׳האָט די שטאָט געהאַלטן אויף צו מאָרגנס נאָך פורים. דאָס האָט געמיינט אַ דאַטע, אַ צייט־אָפּשניט, אַז פונקט אין אַ חודש אַרום איז פסח.

אַ שטיק אין ווינטער נאָך, האָבן די „פּאָדריאַד״־אַרבעטער גענו־מען אַריינשמעקן צו צדוק דעם פּערעמאָלניק:

— אַ פּראָסט אַ ביסל ר׳ צדוק? — און הינטערוויילעכץ אַ קוק געטאָן צי דאָס פּסחדיקע מעל ליגט שוין אויפן שטענדיקן אָרט אין אָפּגעצוימטן שפּייכלער.

צדוק האָט אַ וויש געטאָן די פּאַרמעליקטע וואָנצן און אַרויס־געלאָזט אַ קרעכץ.

— אַ שווערער ווינטער, עפּל אין די קעלערס זענען אויסגע־פרוירן, סאַדאָווניקעס האָבן דערלייגט אַ סך געלט...

פאַרשטייט יאָשע דער שוסטער אַז פונטוס איז שוין פריער פאַר אים דאָ געווען און זיך פאַרדונגען פאַר אַ מאַשיניסט, און דערווייל גענומען אַן אדערוף.

— און חזקה וואו איז? האַ, ר׳ צדוק — פּרוווט יאָשע אַריינוואַרפן אַ וואָרט.

— אַ פינפּערל פון אַ מיירע האָט ער אַראָפּגעלאָזן, ס׳אַ שווערע צייט...

— דוכט זיך, עמיצער איז פאַרפאָרן אין דרויסן, האַ? — לאָזט ער יאָשען שטיין און קומט אַרויס צום פיוער, וואָס איז גראָד פאַרפאָרן פאַר זיין טיר.

— נו שאָ — וויל דער פויער וויסן — בודיעם קרוטיט?

— בודיעם — מאַכט ר׳ צדוק — פּאַסכאָ אוזשע זאַ האָראָיו! — ער איז צופרידן וואָס די פויערים פון פאַראַיאָרן ווילן דרייען דאָס

גרויסע ראָד פון דער מצה־מאַשין. ער האָט געהאַט אַ שווער לייענען מיט די גוים, ביז זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז אין „פּאַדריאַד" דאַרף אַלץ זיין כשר, און זיי זאָלן חלילה קיין חזיר אָדער ברויט ניט פאַרשלעפּן.

— נו דאַבראַ — האָבן די פויערים זיך געקראַצט אין די פּאָטילי־צעס — און פון וואַנען וועלן מיר נעמען כוח צו דרייען די ראָד, וויעד טיאַשקאַ...

— סיעלאָדקאַ — לאָזט זיי צדוק וויסן דעם סוד — מ'קען פון הערינג אויך האָבן כוח...

שטילערהייט האָט צדוק דער פּערעמאָלניק, דער הויפּט־שותף פון מצה־פּאַדריאַד, צוגעגרייט די אַרבעטער, און שוין צו מאָרגנס נאָך פּורים האָט מען געכשרט דעם גרויסן אויוון, וואָס איז דעם גאַנצן ווינטער געשטאַנען אַ קאַלטער ביי שלמה עלינקעס, פאַרשטעלט מיט אַ ווענטל.

צו ערשט האָבן זיך אַ שטעל געטאָן די זיפּערקעס זיפּן מעל. די קנעטערקעס האָבן אויסגעשייערט די קופּערנע בעקנס צו פאַרמישן אין זיי די ערשטע מיירע.

פריילעכע יאָטן זענען געזעסן אויף די גלאַנציקע, מיט בלעך באַשלאָגענע טישן. ביי די זייטן פון די טישן זענען צוגעפעסטיקט שווערע, פּירקאַנטיקע אייזנס פון וועלכע עס הענגט אַראָפּ אויף אַ קייט אַ צוגעשמידט שפּאַר, ווי ביים זאָטל פון פערד דער רייטער זאָל קענען דעם פוס אַריינטאָן.

אָט האָט די קנעטערין געטאָן אַ וואָרף אַרויס אַ רונדיקע מיירע אויפן טיש. זי איז נאָך געווען פעסט איינגעקלאַפּט, גוט צעמישט.

— נו, ס'איז דאָך די ערשטע, מ'עט זיך נאָך גענוג אויסעסן ס'האַרץ פון סייטשען ביי די לעצטע מיירעס!

סייטשע דער „טרעמבאָווטשיק" האָט זי אָפּגעמאָסטן מביניש מיטן אויג אַרויפגעלייגט אויפן מיט טיש, די פוס אַריינגעטאָן אין שפּאַר און זיך אַוועקגעלאָזט רייטן איבער דער מיירע. דער פּיר־

עקיקער איזן האָט זיך איינגעקוועטשט אין ווייכן טייג, אָבער עס ניט צעריסן. ער איז איין מאָל איבערגעלאָפן די מיירע, און דעם קרייז באַוואָרפן מיט האָריזאָנטאַלע קנייטשן, זי פלינק אומגעדרייט און אָנגעהויבן זי אויסצוקלאַפּן ווערטיקאַל. אויפן טייג האָבן זיך באַוויזן ראָמבן, קוואַדראַטן און לעקעכער.

אַז דער „טרעמבאַוושטשיק” האָט די מיירע דערלאַנגט צו דער מאַשין, איז זי געווען אַ גוט אויסגעקנאָטן, פעסט שטיק טייג.

דער מאַשיניסט האָט די מיירע אַריינגעלאָזן צווישן די שטאָלענע וואַלצן איין מאָל און נאָך אַ מאָל. די מיירע האָט זיך גענומען בלעט־לען און וויקלען ווי אַ לאַנג האַנטוך, וועלכן דער מאַשיניסט האָט צוזאַמענגעלייגט אין שיכט אויפן צווייטן.

— מאַכט אַ ביסעלע דינער — האָט אַ גבירישע באַלעבאָסטע אַריינגערוקט אַ האַלבן זלאָטע פונטען דעם מאַשיניסט.

— ס'מעג אַ פייער אין דיינע זייטן אַריין, פונטעו! — האָט געשריגן פון זעצערס גרוב אַרויס בעניע „בליץ” — מאַכסט שוין פּראָספּאַפיר, מאַכסטעו! ס'מעג אַ פלאַם אַריין אין אַלע גבירישע קישקעס, דער אויוון פרעסט מיר זיי אויף!

— דו קוק ווייניקער אין פלעשל, און מער אין אויוון! — האָט פונטעו אים געלאָזט וויסן פון הינטער דער מאַשין אַרויס.

— פּאַרטיק!

דערלאַנגט דער מאַשיניסט אַ רוק ס'הענטל און אויפן ווייסן האַנטוך נעמען זיך אויסלייגן פּירעקיקע, געלעכערטע מצות.

פלינק זאַמלט זיי צונויף דער געהילף און וואַרפט זיי אַריבער אין קליינע פּעקלעך אויף בלעך, איבער וועלכן עס הענגען די קאַצל־קעס. מיידלעך צעהענגען די רויע מצות, ווי טאַשן־טיכלעך אויף די לאַנגע שטעקנס. אַ געניטע האַנט טוט זיי אַ נעם און שוין ליגן אויף די צעגליטע ציגל אין אויוון אויסגעלייגט די מצות, שורה נאָך שורה, ווי אויסגעמושטרירטע זעלנער־קאָלאָנעס אויפן פּאַראַד. ווי נאָר

בעניע „בליץ" לייגט אַריין די לעצטע שורה, נעמט זיך שוין די ערשטע בלעזלען. די מצות ווערן ברוין און די ברעגן הייבן זיך אָן וויקלען. די לאַנגע לאָפּעטע שפּרינגט שוין אין בעניעס האַנט און זאַמלט זיי צונויף ריי נאָך ריי, און וואַרפט די פרישע, שמעקעדיקע מצות אַריין אין אַ גרויסן קאַסטן.

— אַ ביסעלע גרעבער — בעט זיך דער יידישער פויער גוטמאַן — ס'זאָל גוט זיין צו די בוריקלאַד!...

די פּאַקערס קערן ווענטן. די דינע מצות ווערן פּאַרפּאַקט אין גרויסע פיר־עקיקע קאָרבן, איינס אין איינס, ווי זיי וואָלטן געווען גלעזערנע.

אַז דער שטרויענער קאָרב שטייט אַ פּאַרפּאַקטער, איבערגעצויגן מיט אַ שטיק לייוונט, פּאַרוואַרפט מאָטל גאָך אַ שטריק איבער אים און לאָזט זיך אַוועק שפּאַנען איבער דער נאָך־פורימדיקער בלאָטע.

ער טראָגט אַריין דעם פּסח אין שטוב אַריין...

אַרום צוועלף נעמט דער זעצער קלאַפּן מיט דער לאָפּעטע אין קאַסטן:

— נו, רירטצאַך! יאָגט אונטער! וואַרעמס! וואַרעמס!

די „טרעמבאָוושטשיקעס" נעמען פלינקער יאָגן, קנעטן די מיי־רעס, אַזש די קייטן קלינגען.

— די לעצטע מיירע — לאָזט וויסן פונטע דער מאַשיניסט.

די קנעטערקעס זענען שוין ניטאָ. זיי מוזן נאָך באַווייזן אָפּצו־וואַרעמען אַ ביסל נעכטיק געקעכץ פאַרן מאַן און די קינדער.

אַז די לעצטע קאַטשעלקעס פאַרשווינדן אין אויוון, צעלייגן זיך די מיידלעך אויף די בלעכן אויסצוגלייכן די ביינער.

די פויערים פאַרקלייבן זיך אין דרויסן, צווישן די ברעוונעס האָלץ, עפענען די לייוונטענע זעקלעך און נעמען מאָלן אויף אַלע ציין, ווי זיי וואָלטן וועלן דורך דער קאַרגער שעה צוריק געווינען די פאַרלוירענע ענערגיע, עס זאָל זיי סטייען אויפן גאַנצן נאָכמיטאָג,

ביז אַ שטיק אין אָוונט אַריין. זיי האָבן געקייט ווייסן קעז מיט שוואַרץ קאָרן־ברויט, און פאַרטרונקען מיט קאַלט וואַסער פון אַ קופּערנער קוואַרט.

בעניע „בליץ", דער זעצער, האָט פאַנאַנדערגעשאַרט דעם זשאַר איבערן גאַנצן אויוון, די „פּאַסאַדזקע" זאָל ניט קאַלט ווערן.

— אַ ניט ברענען אויבן די מצות און אונטן בלייבן זיי רוי...

ער האָט איינגעוויקלט אַ הערינג אין אַ רויער מצה און אים אַריינגע־לייגט אָפּצובראָטן.

אין קאַנטאָר האָט זיך די בוכהאַלטערשע פרומטשע בענעראָף, אַ הויכע, געשטאַלטיקע יידענע, וואָס האָט אַליין אויסגעפּילט אַ האַלבע קאַנטאָר, זיך געפּאָרעט מיט די חשבונות. זי איז ניט נאָר געווען דער בוכהאַלטער, נאָר אויך אַ שותף צום „פּאָדריאַד" און איז דעריבער ניט אָפּגעטראָטן פון דער וואָג.

אַזוי איז עס געגאַנגען יאָר איין, יאָר אויס...

* * *

די צוויי פאַראיין־צימערלעך ביי מיליעצקע דעם זייגערמאַכער אין הויז, וואו עס האָט זיך געפונען סיי דער פאַראיין, סיי די אַרבע־טער־ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון „רבקה גאַלין", זענען געדיכט באַ־זעצט. אין אַ וואָסערע צוויי חדשים איז שוין פּורים, מען הערט ווי זלמן סטראַיעט זיין פידל, שפּילט איין אַ פריילעכס, נאָר צדוק ווישט זיך פויל די וואָנצן פונקט ווי אַזאַ זאַך ווי פּסח, אַ מצה־פּאָדריאַד און פּרנסה וואָלטן גאָרניט עקזיסטירט.

— אַ שלעכטער אוראָזשיי געווען דאָס יאָר, שווער מיט ווייץ פאַרן נולאָוון מעל — פאַרענטפערט זיך צדוק.

אַן אַנדערש מאָל זאָגט ער:

— אַז קראַשעווסקי יאָגט זיך ניט צו כשרן די מיל, כ'קען אים עפּעס צווינגען?

אַזוי לייגט אויס זיינע טענות פאַר דער פאַראיינס־פאַרוואַלטונג

איטשע לעמעש, וועמען מען רופט אויך אין גוטן מוט „בוראַק" — אַן אַנדייט אויף זיין פאַרען זיך זומער־צייט מיט גערטנער, מיט שטעלן פעסער זויערע אוגערקעס אין אוזשאַנקער טייך.

— ווילן מיר טאַקע, אַז דער פאַראיין זאָל עפּעס טאָן אין דער זאַך!

דוד „סאַראָוועטקע", דער סעקרעטאַר פון פאַראיין, האָט אויס־געזען מיד. דעם גאַנצן זומער האָט ער זיך „געמאַרעט" כדי אַרויס־צוקומען פון פריזיוו. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקענט קומען צו זיך, אפילו די צוגעלעגענע פּאַמעראַנצן, וואָס ער האָט געקויפט ביי גערשל „לאַצאַץ" אין קנייפע, האָבן אים ווייניק געהאָלפן.

— דער פאַראיין נעמט אין שוץ נאָר אַרבעטער — האָט ער אָנ־געהויבן — וואָס אַרבעטן אַ גאַנץ יאָר. איר זענט נאָר סעזאָן־אַרבע־טער. אָפּגעאַרבעט די פּאָר וואָכן און אויס. איינער דינגט סעדער, דער צווייטער זעצט אוגערקעס, און נאָך איינער טוט גאָרניט ביזן פרישן סעזאָן. טאָ ווי־זשע קענט איר ווערן פאַראיינס־מענטשן?

אין מאָל איז ער אַוועק ווייטער: מצה איז אַ קלעריקאַלער ענין, ס'איז גוט פאַר די כלי קודש און מיר זענען דאָך „לינקע"...

— וואָס הייסט — האָט גענומען אַ וואָרט לייזער געצאָוו — מענטשן ווענדן זיך, דאַרף מען העלפן. די צייט שטייט ניט. אפילו אין „פאָדריאַד" זענען שוין דאָ נייעסן. אָנשטאָט די גוים דרייט די מאַשין אַ מאַניעזש מיט פערד, און דאָס יאָר אַ סברה וועט מען שוין דרייען מיט עלעקטרע. בלויז די אַרבעטער באַהאַנדלט צדוק ווי זיי וואָלטן געווען שקלאַפן. ער זויגט זיי אויס. ס'איז ניט קיין פראַגע פון רעליגיע, ס'איז קלאַסן־קאַמף!

— קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט — האָט לייזער אַ וויז געטאָן מיט דער האַנט אויף דער וואַנט, וואו עס איז געהאַנגען מאַרקס' פּאָרטרעט, געצייכנט פון היימישן מאָלער מאָטל ליס, און אונטער אים האָט מיט רויטע אותיות אַרויסגעפּייערט פון אַ פּלאַקאַט:

„די אַרבעטער קענען נאָר פאַרלירן די קייטן פון די פיס, געווינען

קענען זיי אָבער די גאַנצע וועלט". ער האָט געמאַכט אַ פויזע, ווי ער וואָלט געוואָלט דעם עולם געבן אַ מעגלעכקייט איבערצולייענען און צו פאַרשטיין וואָס אויפן פלאַקאַט שטייט.

— מאַרקס האָט געזאָגט, אַז וואָס מער אַרבעטער מירן האָבן אונטער אונדזערע פענער, אַלץ נענטער וועלן מיר זיין צום זיג!

דוד „סאַראָוועטקע" האָט פאַרקנייטשט זיין למדנישן שטערן און זיך געפרוווט דערמאָנען, וואו געפינט זיך דאָס ביי מאַרקסן דער אָפּזאָץ מיט די פענער. עס איז געווען דושנע און דער מוח האָט זיך ניט געלאָזט אָנשטרענגען.

— נו מילא — האָט ער צו לעצט געפּסקנט — אויב ס'איז אפילו לייזערס תורה, איז עס אויך ניט שלעכט.

— מירן זען אַן עצה — האָט ער גערעדט שוין צו דער דעלעגאַציע — און דערווייל זייט ניט געפאַלן...

* * *

נאָך שבת איז לייבל אייזענבוד אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע. ער איז ניט געווען קיין מיטגליד פון פאַראיין, ער איז אָבער געווען דער פירער פון די „לינקע", און געהאַט האָט ער צייט מער ווי אַנדערע. דער ווילנער לערער מאיר גליאַט האָט אים מיטגעגעבן אַ בריוול צו זיין טאַטן, וואָס איז געווען אַ מעקלער...

* * *

געלאָזט אין גאַנג די אַקציע־געזעלשאַפט האָט דער סעקרעטאַר פון פאַראיין דוד ריקלין. זיין קאָפּ אין דרויסן נאַקעט ווי אַ ביינערנע ביליאַרד־קויל, אינעווייניק איז ער אָנגעפילט מיט תורה, פון וועלכער ער האָט מער ניט געהאַלטן. זיין נייע תורה האָט ניט פאַרמאָגט מער קיין פלפולים און סברות. ניט געווען אין איר קיין אָרט פאַר דעבאַטן, דעבאַטן און אָפּפרעגענישן. אַלץ האָט געמוזט זיין על פי שכל המאַטימאַטיקע — דעביט און קרעדיט. ציפערן. צוויי מאָל צוויי איז פיר.

— דאָ — האָט ער אָנגעוויזן איטשע „בוראַק" אויף אַ ברייטן, צעווירעטן בלאַט — שטייען פאַרשריבן דיינע פּראָצענטער. ס'איז ניט אַזוי ווי ביי צדוקן. דאָ בלאָפט מען ניט. דאָ באַקט מען מצה לויט דער נייער אָרדענונג פון מאָרגן! איז דיר קלאָר?

דער אויפטו מיטן מצה־„פּאָדריאַד" האָט זיך ווי אַ קליין וואַסערל, וואָס ווערט אָנגעפילט מיט פרילינגס־שטראָמען, צעגאָסן ווייט איבער זיינע ברעגעס. יעדעס ריטשקעלע, וואָס האָט זיך אין אים אַריינגע־גאָסן, האָט דערפילט אין זיך דעם כוח פון ברייטן שטראָם.

— קודם וועט מצה ביליקער ווערן — האָבן געטענהט באַלעבאַ־טים, וואָס קענען זיך ניט פאַרגינען צו צאָלן צדוקס פּרייזן.

— יום־כפור קעמפט איר קעגן קלער, און פסח באַקט איר מצות!

— האָבן די ביז גאָר „לינקע" געמוסרט די פאַראיינס־טוער. — פיין דערלעבט, יידישע סאָציאַליסטן באַקן מצות האַנט אין האַנט מיט די כלי־קודש!

— אונדזער אויפטו איז אַ באַווייז אַז מען קען אויסקומען אָן באַלעבאַטים. דער מערווערט געהערט דעם אַרבעטער און דער גע־זעלשאַפט. ס'איז קלאַסן־קאַמף!

— מיט וועמען קלאַסן־קאַמף: מיט פונטען אָדער איטשע „בוראַק", אָדער בעניע „בליך"? זיי זענען דאָך אפילו ניט קיין לומפּן־פּראָלע־טאַריער. זיי זענען אָרעמע לייט מיט קליינבירגערלעכע השגות!

אָבער לעבן, פּרנסה דאַרפן זיי? זאָל צדוק זיי אויסנוצן און רייך ווערן אויף זייער חשבון? אויף זיי מוז רעכענען דער אַרבעטער־קלאַס...

— איר צעבייט די רעוואָלוציע אויף קליינגעלט — האָבן די גאָר לינקע ניט געוואָלט נאָכגעבן.

* * *

אין דעם אויסגעשלייפטן מוח פון דוד ריקלין האָט די אַקציע־געזעלשאַפט, מיט אַלע אירע טוּאונגען, ציפערן און חשבונות — האָט

יעדע קליניקייט געהאַט איר אָרט. יעדערער האָט באַקומען זיין גלייכן חלק פּראָפיט און אויסער דעם אויך דעם טאָג־לוין. אַ קלענער פּראָ־צענט איז געגאַנגען פאַר דער יידישער פאָלקס־שול און פאַרן פּאַראיין. די מצה־מאַשין בלייבט דאָס אייגנטום פון אַרבעטער־קאָלעקטיוו.

— דאָס יאָר דאַרף די קהילה קויפן מעות־חיטין מצה פון דעם פּאַראיין־אַרטעל! — האָט געשטורעמט דער דאָזער פון דער ליסטע נומער פיר, לייבל אייזענבוד. — ערשטנס, איז עס ביליקער ווי ביי צדוקן מיט פּרומטשע בענעראָף. צווייטנס, דאַרף יעדער ייד, וואָס רעגיסטרירט זיך נאָך מעות־חיטין, קריגן מצות און ניט קיין געלט. געלט דעמאָראַליזירט און טיילט איין קבצנים אויף בעסערע און ער־גערע. יעדערער דאַרף באַקומען מצות לויט דער גרויס פון זיין פאַמיליע!

יאַנקל דער שמיד האָט אויך צוגעלייגט אַ האַנט צו דעם אויפטו מיט דער מצה־מאַשין. יעדן אויף דער נאַכט איז ער ווי צוגעוואַקסן צו דער גרויסער מאַשין־ראָד און זי געהאָלפן דרייען.

דער פלאַם אין אויוון האָט געפלאַקערט און געוואָרפן אַ רויטלעכן שיין אויף די ווענט, אויף די פּנימער. אויף איבערגעדרייטע קאַסטנס זענען געזעסן פּאַראיינס־לייט, טישלער און שניידער, און הנאה געהאַט ווי די אַרבעט גייט אָן פון גאַנצן קאָלעקטיוו, אָן באַלעבאַטים.

— דאָ ווערט געשמידט דער מאָרגן פון דער וועלט — האָט זיך לייזער געצאָוו ניט געקענט איינהאַלטן, ניט צו זאָגן עפּעס וויכטיקס.

* * *

דער אַלטער פוקס איז געלעגן אין זיין נאָרע, געקוקט אויף דער ווייס־פאַרשנייטער וועלט און נאָכגעטראַכט. ער האָט געזען די אַלע געפאַרן, וואָס לויערן אויף אים, אויב ער וועט זיך אַצינד אַרויסלאָזן אויף יאָגד. אומעטום, וואו ער וועט נאָר שטעלן אַ פוס, וועלן זיינע טריט בלייבן אָפּגעדריקט אין שניי. די שפּיר־הינט וועלן זיי שמעקן,

ארומשפרינגען און זיך אַוועקלאָזן נאָכן שפור. די מענטשן וועלן דאַן פעסטער מאַכן די צוימען אַרום די הינער־שטייגן.

ער איז געלעגן דעריבער אין זיין וואַרעמער נאָרע, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט טרוקענעם היי און געגריזשעט אָן אַלטביינדל, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן פון פאַראַיאָרן און געוואַרט אויף זיין געלעגנהייט. אין זיין פוקסישן קאָפּ האָבן זיך געשפּינט די פּלענער ווי אַזוי צו פאַנגען די נאַרישע הינער. ער האָט אויסגערעכנט די קלוג־גיטשקע גענג זיינע, וואָס וועלן פאַרפירן די שפיר־הינט ווייט פון זיין נעסט. ער איז געווען זיכער אין זיין אויספּלאַנירטן וועג, ווייל דאָס איז געווען דער גאַנג פון דער וועלט:

— די הינער זענען באַשאַפן געוואָרן דערצו, אַז דער פוקס זאָל האָבן וואָס צו עסן.

צופרידן מיט דעם וועלטס לעבנס־סדר האָט דער פוקס געדרימלט אויף זיין געלעגער...

אַזוי האָט אויסגעזעזן אין יענע ווינטער־טעג דער אַלטער פוקס — צדוק.

— פאַראַיאָרן זיך אַ קאַפּיטשקע באַנאַרישט, אַזוי זעט עס אויס, נאָר דאָס יאָר וועל איך עס מירטשעשעם אָפּנעמען...

מיט כיטרע אויסגעלייגטע וועגן האָט ער געבראַכט צו זיין טיש יוסף פונטוסן און איטשע לעמעש — די צוויי הויפּט־אַקציאָנערן פון דער מאַשין.

דער פינקלדיקער, מעשענער סאַמאָוואַר, וואָס שטאַמט אַזש פון טולע, האָט געאָטעמט שווער, אַרויסשיסנדיק פון צייט צו צייט אַ פּאָר וואָלקנדלעך דאַמף. ער איז געשטאַנען אויבן־אָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גבירישן סאַמאָוואַר און אין זיין קרוין האָט זיך געפּאַרעט אַ פּאָר־צעלייען טשייניקל מיט שמעקעדיקן וויסאָצקי־טיי.

אַנטקעגן אים איז פונקט מיט אַזאַ אָנזעעוודיקייט, מיט אַזאַ ווירדע, מיט דער פולער זיכערקייט אין זיך, געזעסן פרומטשע בענעראָף. איר

שוואַרצער קאָפּ האָר גלאַט־פּאַרקעמט און איר קיילעכדיק, רויט צע־פלאַמט פּנים האָבן איר ווייבלעכקייט צוגעגעבן יוגנטלעכן חן. איר הויכער אויסגעפּילטער בוזעם האָט זיך ביים אָטעמען באַוועגט מיט אַזאַ דיסקרעטקייט, אַז מען האָט עס געמוזט באַמערקן. זי איז געווען אַן אלמנה און די מאַמע פון צוויי שיינע טעכטער. איר גאַנצע ענער־גיע האָט זי אַריינגעלייגט אין מסחר...

דער מעל־סוחר, וועלכן מען האָט גערופן מיט איין נאָמען צדוק, האָט זיך בנעימותדיק געטרונקען אַ גלאָז טיי „וו'פריקוסקע". זיין הויכע דאַרע געשטאַלט מיט די גרוילעכע, אַראָפּהענגענדיקע וואָנצן, האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ פּריץ. דאָס איינגעפּונדעוועטע גע־שעפט פון מעל־מסחר, פון אויפקויפן תבואה און עס לאָזן איבערמאָלן האָט אים געפירט צום געדאַנק פון אַ מצה־פּאָדריאַד און צום נאָמען — צדוק דער פּערעמאָלניק. יוסף פּונטוס האָט זיך ביים טיש געפילט ניט באַקוועם. אויפגעוואָקסן אין חיים „שוויעטליעס" געסל, וואו טאָג און נאַכט האָבן זיך געוואַלגערט שיכורע זעלנער, הפקרדיקע שקצים, וואָס חיים האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיין „הייזל", האָט זיך אַ שפּאָר ביסל הפקרדיקס אָפּגעזעצט אין זיין בלוט. עס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס אַ ייד אַ גביר און אַ למדן ווי ר' צדוק רעדט מיט אים, ווי מיט זיינס אַ גלייכן און וואָס די געשטאַלטיקע פּרוי בענעראָף שמייכלט צו אים מיט איר גאָלדענעם צאָן. אַ וואַרעמקייט האָט זיך געטראָגן פון דעם קאַכלנעם אויוון. די קאָכיקע גלאָז טיי האָט ער זיך באַמיט צו טרינקען איינגעהאַלטן, באַלעבאַטיש, ניט מיט צו גרויסע זופּן, און דעם צוקער ניט צו כראָמשטשען מיט די ציין, נאָר לאָזן עס צעגיין אויף דער צונג. דאָס אָנשטענגען זיך צו האַלטן שטאַט האָבן אַרויסגערופן טראָפּנס שוויס אויף זיין שטערן. זופּנדיק פון טעצל די קאָכיקע טיי, האָט ער געהאַלטן אַן אויג אויפן רעגלמעסיקן באַוועגן זיך פון פרוי בענעראָפס הויכן בוזעם, וואָס איז געווען גאָר נאָענט פון אים, אַז ער האָט גע־קענט פילן די וואַרעמקייט, וואָס שטראָמט אַרויס פון אים. דער בוזעם

האָט זיך באַוועגט ווי אַ שיף אויפן כוואַליעדיקן ים און אים איינ־געוויגט.

ער האָט כמעט ווי פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז אַהער געקומען. עפּעס אין אים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ שווערקייט, וואָס האָט פויל געמאַכט די גלידער, ווי ער וואָלט זיך אָנגעטרונקען מיט אויפגעוואַ־רעמטן רום, אַ שווערקייט וועלכע מען וויל זי זאָל זיך ציען, ציען...

איטשע לעמעש דער אָגראָדניק, אַ נידעריקער, אַ דאַרער ווי אַ דאָרנדיק געוויקס אין זיין גאָרטן, איז געזעסן איינגענורעט מיטן קאָפּ אין טיי־טעצל און געדולדיק געטרונקען. פון זיין ניט פאַרמעגלעכער אַרבעטער־היים האָט ער געוואוסט ווי שווער מען מוז אַרבעטן אויף חיונה, צו געבן אַ ווייב מיט קינדער ברויט. ער האָט אויף פרומטשען געקוקט ווי אויף צדוקן — צוויי גלייכע שותפים צום פּאָדריאַד.

— זי האָט אַ מאַנסבילישן קאָפּ אויף זיך, די יידענע — האָט ער בשעת מעשה געטראַכט.

— כ'האָב אַ ניוך נאָך וואָס ער האָט אונדז געבעטן אַהער קומען, נאָר אַ קרענק וועל איך נעמען רעדן דער ערשטער... וואָרעם געזען האָט ער זיך שוין ווי אַ גלייכער שותף צום „פּאָדריאַד”.

איטשע איז געווען ווי אַ געוויקס, וואָס שטעקט מיט די וואָרצלען טיף אין דער ערד, און לאָזט קוים אַרויס עטלעכע בלעטלעך אין דרויסן.

— וואָרעם וואָס זענען די בלעטלעך? בלויז פאַנטאַזיע. זאַפט האָט נאָר די מאַמע ערד...

— דאָס איז די פילאָזאָפיע פון אַ בוראַק — האָט געפסקנט אַלטער דער רביעלע, וואָס איז אָנשטאָט אַ רב געוואָרן אַ שניידער.

דער אַלטער פוקס האָט דאָס אַלץ געזען.

מיט פונטוסן איז ער געווען אויף אַ דרך. דערפילט אַז איצט דאַרף ער נעמען די זאַך אין זיינע הענט.

— כ'מיין איטשע, וואָס איז דער תכלית אָנצושטאָפּן אַ שטאָט מיט אומזיסטער מצה — האָט ער געזאָגט, אַזוי זיך, צווישן איין זופּ

און צווייטן. — און ווידער — האָט ער ניט אָפּגעלאָזט — אַז מען קען עס מאַכן ביליקער. דאַרף מען טרייבן צוויי מאַשינעס מיט מענטשן, מיט הוצאות, אַז איינע קען זיך אויך ס׳פּראָווען. וועט מען אַרבעטן אַ פּאָר שעה לענגער...

אַז איטשע האָט געגעבן תקיעת־כף:

— אָפּגעמאַכט איז אָפּגעמאַכט — האָט זיך פּונטע אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף, אַ כאַפּ געטאָן פּרומטשעס האַנט און אויסגעברומט:

— אָפּגעמאַכט...

* * *

ביים שרייב־טיש אין ביוראָ פון „טאָז" איז געזעסן אייזיק אַל־בענסקי. ער האָט אַדורכגעקוקט די אָנגעקומענע בריוו און צוגעברומט:

—אַ פּראָסט אַ ביסל, די הענט צענעמען זיך ניט.

ביים קאָכל־אויוון, וואָס איז מיט צוויי זייטן אַריין אין צימער, האָבן זיך געוואָרעמט לייבל און איטשע טשאַרנע, דער פּראָוויזער אין זוסמאַנס „סקלאַד־אַפּטעטשני", וואָס איז געווען אַרבעטסלאָז.

— ס׳וואָלט ניט אויסגעמאַכט עפּעס אויסצוטרינקען און צו פאַר־בייסן מיט אַ פּערטעלע „באָטשעק" — האָט איטשע געפּסקנט. — ס׳איז די אמתע רפואה צום פּראָסט...

— סענדער, הויבסט שוין אָן מיט דיינע רפואות — האָט אים אייזיק גערופן מיטן נאָמען פון אַפּטייקער.

פלוצלונג האָט זיך די גאַס־טיר אויפגעמאַכט און צוזאַמען מיט אַ וואָלקן דאַמף איז אַריינגעפאַלן שלמהקע „ציגעלע". ער האָט אויס־געשאָסן אין איין אָטעם:

— זיי האָבן געמאַכט יד־אחת!

— דיינע רעוואָלוציאָנערן! — האָט זיך אייזיק ניט געקענט איינ־האַלטן פון שטעכן שלמהקען.

— אָבער וואָס טוט מען מיט אַזוי פיל אַרבעטער, זיי בלייבן דאָך

אַן אַרבעט, אַן ברויט? זיי וואַרטן דאָך אויפֿן מצה־סעזאָן דאָס גאַנצע יאָר?

— דאָס וואָס מען האָט געטאָן איין מאָל, קען מען טאָן נאָך אַ מאָל — האָט זיך לייבל אָנגערופֿן — מאַשינען פֿעלן ניט אויס אין ווילנע...

משה־רוווע דער מוליער, וואָס איז געווען אַ ביסל טויבלעך, האָט פֿון דעסטוועגן דערהערט וואָס עס האָט פּאַסירט.

— ווי איינער זאָגט: פֿון אַ חזירשן עק קען מען קיין שטריימל ניט מאַכן... נאָר גאָט פֿאַר דער באָרד האַלטן זיי נאָך ניט.

צו מאָרגנס האָט ער זיך געשטעלט אין אַלטן בנין פֿון דער עלעק־טראָווניע, וואָס איז אַ לײדיקער געשטאַנען ביי זוסמאַנען אויפֿן הויף, אויפֿצושטעלן אַ בעקער־אויוון.

— די רעוואָלוציע טאָר ניט פֿאַרשפּילן.

פֿון גאַראַדייע האָבן אָנגעהויבן קומען שליטנס אָנגעפּאַקט מיט מעל, אמתע צוויי נולן — כשר לפּסח. פֿון זוסמאַנס ליידיקן קינאָ איז געוואָרן אַ מעל־סקלאַד.

— אויף צו מאָרגנס נאָך פּורים איז די מצה־מאַשין פֿון פֿאַראײן אוועק אויף עלעקטרי.

שטאָט האָט אָנגעקוואָלן:

— מיט דער חברה שפּילט מען זיך ניט...

גוואַלד! ווען שטאַרבט ער?

(מען שפּילט טעאַטער...)

דער פראָסט האָט זיך געריסן דורך אַלע שפּאַרעס פון פענצטער, דורך די פאַרקלעפּטע דובלטן — אין צימער אַריין. די קלענסטע שפּאַרונג איז פאַר אים נישט געווען צו ענג. ער — וואָס האָט אויסגעשפּרייט זיין ממשלה איבער דער שטאָט, איבערן וואַלד, און האָט מיטן הויך פון זיין אָטעם פאַרגליווערט דעם טייך; אפילו אויף די מענטשן האָט ער אַרויפגעצוואונגען פוטערנע היטלען, שווערע בורקעס אונטערגעשלאָגן מיט שעפּסן־פעלץ, וואַלינקעס אין שוואַרצע קאַלאָשן — אים איז שווער זיך אַריינצוקריגן אין די מענטשלעכע נעסטן. דער אָנגעהייצטער קאַלכנער אויוון האַלט אים פון דער וויטנס. קען זיך דער פראָסט נישט רירן ווייטער פון פענצטער. צעלייגט ער זיך אויף די שויבן מיט זילבערנע בלומען, איינגעפלאָכטענע קרענץ, פאַרצווייגטע ביימער, און וואַרט...

די דאָזיקע פראָסט־בלומען גיסט די פאַרגייענדיקע זון אָן מיט רויטן בורשטין און שויבן נעמען לייכטן ווי אָנגעגליטע. דער אָפּשיין פון ברענענדיקן וואַלד פאַלט מיט העלע שאָטנס אויף די ווענט.

צוגעטוליעט מיטן רוקן צום אויוון זיצט עלע־מיכל ראַדונסקי. גערופן האָט מען אים געוויינלעך עלע „סאַרקע די אייגלס", מחמת זיין מאַמעס שפּייז־קראָם איז געווען די גרעסטע אויפן שולעף, און ער האָט געלעבט אויף דער מאַמעס קעסט. זיינע קורצזיכטיקע אויגן, באַגלאָזט מיט דיקע ברילן, האָבן זיך איינגעגראָבן אין בוך, ווי זיי וואָלטן דאָרטן

דורכגעאַקערט דעם אינהאַלט. די שאָטנס פון די צעגליטע פּענצטער־שויבן זענען געפאַלן אויף זיינע געדיכט־געקרייזלטע האָר און אויך זיי צוגעגעבן דעם בורשטין־קאָליר. כאָטש ער איז נישט מער געווען ווי דער סופליאָר פון אַמאַטאָרן־קרייז, האָט ער אין דער פאַרנאַכטיקער שעה אויסגעזען, ווי באַלויכטן מיט אַלע טעאַטער־רעפלעקטאָרן.

כמעט מיט דער נאָז האָט ער געמישט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל, און מיט דער איינטאָניקער שטים פון אַ טעאַטער־סופליאָר פאַרגע־לייענט.

עס איז געווען די באַנאַלע געשיכטע פון אַ יונגן דראַמאַטורג, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ האַרצרייסנדיקע ליבע־דראַמע. אפשר זיין אייגענע, אַנטוישטע און נישט דערגאַנגענע ליבע. געשריבן האָט ער זי אין טיפן הארבסט. די פאַלנדיקע, געלע בלעטער האָבן מיט טרויער אָנגעגאָסן זיין געמיט. געווייִנלעך איז דער דראַמע־שרייבער געווען אָרעם און אומבאַקאַנט. געהאָפט האָט ער מיט דער דראַמע אַרויסצו־שווימען אויבן־אָן פון דער יידישער טעאַטער־וועלט. ממש אַ שאָקל טאָן האָט זיך אים געוואָלט מיט די אַלטע שאַבלאָנען. נאָר אין טרוים איז אַלץ שענער. די פּראָזאַאישע טעאַטער־דירעקטאָרן, ביי וועלכע ער לאָזט איבער זיין מאַנוסקריפּט, עפענען אים אפילו נישט אויף כדי צו לייענען... זיין נאָמען איז ניי, אומבאַקאַנט. דאָס פּנים בלאַס, שיטערלעך באַוואַקסן. דער בליק — נישט אויסגעשלאָפן, רויט אויף די פולע קישעלעך אונטער די אויגן. פון די טיף־איינגעגראָבענע אויגן שרייט אַרויס הונגער און עלנט. די וועלט איז צו גרויזאַם און אומברחמנותדיק צו אים. עס לייגט זיך אַ קראַנקער אין בעט און נעמט אויסגיין...

דאָ האָט זיך געמאַכט (ווי עס פּאַסירט געווייִנלעך אין באַנאַלע דראַמעס), אַז ביי אַ טעאַטער־דירעקטאָר האָט פּאַרפעלט שטאָף. ער נעמט אַריינקוקן אין יונגן שרייבערס דראַמע. עמיצער לאָזט אים וויסן, אַז דער יונגער שרייבער האַלט ביים שטאַרבן. דער טעאַטער־דירעקטאָר איז צופרידן:

— מ'עט דערלאַנגגען אַ שרייב אַרויף אויף די אַפּישן: דראַמע פון דעם נאַר וואָס פאַרשטאָרבענעם שרייבער! אָט דאָס דאַרף ציען אַ זבאָר. מענטשן קריגן מיטלייד, און פון טשעקאַוועס וועגן וויל מען זען וואָס אַ שטייגער דער שרייבער האָט איבערגעלעבט אין די לעצטע מינוטן?!

דער אַנסאַמבל נעמט די פּיעסע פּראָבירן. דער פינאַל פון ערשטן אַקט געפעלט נישט דעם דירעקטאָר:

— און די סטרונע האָט געפּלאַצט! — דאָס איז קוואַטש! — האָט ער געשריען — און אַז עס פּלאַצט אַ סטרונע, קויפט מען אַ נייע! עס מוז זיין שטאַרק. שטעלט אַריין — און די באָמבע האָט געפּלאַצט!

יעדן טאָג שיקט דער דירעקטאָר געוואָר ווערן צי דער דראַמאַ־טורג איז שוין געשטאָרבן. מען פאַרזיכערט אים אַז אָט, אָט — ער איז שוין כמעט אַ מת. נאָר כמעט אַ מת, איז נאָך אַלץ נישט גע־שטאָרבן. דער דירעקטאָר האָט נישט קיין געדולד, ער וויל אויפפירן די פּיעסע. לויפט ער אַרום איבער דער בינע און שרייט:

— גוואַלד, ווען שטאַרבט ער?

דערווייל וואַרפט ער אַרויס די ליבע־סצענע פון דריטן אַקט.

— דאָס איז קינדערישע ראָמאַנטיק! שטעלט אַריין אַ באַלאַגאַן מיט לידער עס זאָל נעמען דעם עולם!

דער שרייבער ווערט געוואָר, אַז זיין דראַמע רעפּעטירט מען. ער קריגט חשיבות אין זיינע אויגן און דער ווילן צו זען זיין ווערק אויף דער בינע, העלפט אים צו באַקעמפן די קראַנקהייט. מיט האַרץ־קלאַפּעניש קומט ער אַריין אין טעאַטער און פאָלגט נאָך די פּראָבע. ווען ער דערזעט וואָס פון זיין ווערק איז געוואָרן, פאַלט ער אין חלשות און שטאַרבט. פאַרהאַנג פאַלט, לאָזט עלע־מיכל אַרויס דעם לעצטן אַקאָרד און פאַרמאַכט די טאָוולען. ער האָט זיינס געטאָן. איצט נעמט ער אַראָפּ די פּאַרטויעטע ברילן, ווישט זיי אויס און וואַרט וואָס דער רעזשיסער פון דער אַמאַטאָרן־טרופּע, משהקע קאַטשאַנאָווסקי — אַברהם־בער דעם תבואה־סוחרס זון, וועט זאָגן. זיין וואָרט איז דע־

צידירנדיק, כאָטש ער לאָזט זיך טיילמאָל דינגען. משהקע קאַטשאַ־נאָווסקי איז נישט נאָר רעזשיסער, ער איז אויך דער אַדיוטאַנט פון דער „פּאָזשאַרנע" קאָמאַנדע. אין ערשטן וועלט־קריג האָט ער געדינט אין טיף סיביר און איז פון דאָרטן אַהיימגעקומען מיט אַ ווייב, אַן אַקטריסע מיטן מאָדנעם גויאישן נאָמען — נינאַ סיבירצאָוואַ.

— וואָס — האָט אַברהם־בער געוואָלט וויסן — מיין איינאוואיינ־ציקער זון וועט וואוינען מיט אַן אַקטריסע? און האָט זיך גלייך געענט־פערט: — נישט ביי מיין לעבן! — ער האָט עס באַקרעפטיקט מיט אַ פעסטן קלאַפּ אין דעמבענעם טיש, ביי וועלכן ער האָט געפירט זיינע מסחרים מיט וואַגאָנעס תבואה. זיי האָבן זיך געגעט, און נינאַ איז אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע שפילן טעאַטער. משהקע האָט זיך אָפּט אַראָפּגעכאַפּט קיין ווילנע, דער טאַטע זאָל נישט וויסן. ס'האָט אים געצויגן צו דער בלאָנדער, צאַפּלדיקער מיידל פון די ווייטע סיבירער סטעפּעס, וואָס האָט געקענט מיטרייסן מיט איר געלעכטער.

ס'האָט אים אויך געצויגן צום טעאַטער.

— די פּיעסע — האָט משהקע געפּסקנט — איז צוגעפּאַסט פאַר אונדז. אייזיק און שלמהקע „פּלאַכט" וועלן שפּילן דעם באַלאַגאַן. גרישאַ — דאָס האָט ער געמיינט איכסל (הירשל) טורטשין דעם שניידער, וואָס איז אַמאָל געווען אַ רוסישער גימנאַזיסט — וועט שפּילן דעם געליבטן. עטל די געלע וועט אויך מיטשפּילן אין באַלאַגאַן.

אפרים מרדכי־דודס האָט מיט ציטער געוואַרט. ער איז געווען דער יינגסטער און זיין ראָל איז קיימאָל נישט געווען קיין זיכערע. קודם האָט מען פאַרטיילט ראָלן די עלטערע אַרטיסטן און אַז עס איז נאָך וואָס געבליבן, האָט ער עס מיט צופרידנקייט אָנגענומען. דאָ האָט עלע זיך דערלויבט צו נעמען אַ וואָרט:

— אפרים קען שפּילן דעם טערקישן אַנטיסעמיט אין צווייטן אַקט! ער האָט דערביי געהאַט אין זינען אַז אפרים ברענגט די „פּרימאַ־דאָנעס" צו די פּראָבן, און שפּעטער פירט ער זיי אָפּ אַהיים. נאָך

רייצען, הערצל דעם מינסקערס, מוז מען תמיד שיקן אַ שליח. דאָס האָט עלע געוואוסט פון דערפאַרונג. אפרים איז געווען צופרידן מיט זיין ראָל: אַבי ער שפּילט מיט...

דער אַמאַטאָרן־קרייז האָט זיין אַרבעט געטאָן מיט ברען.

— דאָס איז דאָך נישט זיך סתם געהאָצקעט אויף די ברעטער, מ'שאַפט געלט אויסצוהאַלטן די יידישע שול!

פונדעסטוועגן האָט יעדערער ביי זיך געפילט אַז עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט, ווען ער קריכט אַריין אין גרים, אין די פלאַקסענע האָר וואָס קראַסנאָסיעלסקי דער פריזירער קלעפּט אים אָן. ער איז דעמאָלט אין אַן אַנדער וועלט. אין זאַל ווערט פינצטער, אַלעמענס אויגן זענען געווענדט צו דער בינע. דעמאָלט קריכט עלע־מיכל אַריין אין „קבר״ און גיט אַרויס באַפעלן:

— נעמט האַקן האַלץ!

— פאַרהאַנג! פאַרהאַנג! — קלאַפּט ער נערוועז מיטן בלייפעדער אין די בינע־ברעטער. די פאָרשטעלונג הויבט זיך אָן...

* * *

דער פּאַטענטירטער קאָמיקער איז איזל. אפילו אין לעבן האָלט ער אין איין חכמענען זיך, אַ קונסט וואָס איז אים געבליבן בירושה פון זיין טאַטן דעם שוסטער, משה פעטערבורגער. אַז ס'איז אים אַמאָל אויסגעקומען צו שפּילן אברוש, דעם זון פון אַלטן פערד־הענדלער אין הירשביינס „נבלה״, האָט ער די זאַך גענומען זייער ערנסט. פון חיים בעבל דעם פערד־שינדער האָט ער דאָן געבאָרגט זיינע אַרבעט־קליי־דער דורכגעווייקטע אין בלוט. דער שאַרפער ריח פון פערדישן שווייס און פעל האָט זיך פון זיי געשפּירט אויף אַ מייל.

דער אַלטער פערד־הענדלער, אַ שיכורער, איז געלעגן אויף אַ הילצערנעם טאַפּטשאַן און געזונגען:

אויף דער לאַנקע — פייגעלעך זינגען,
אויף דער לאַנקע — פערדעלעך שפּרינגען,

און אין מיטן זינגען האָט ער זיך דערמאָנט:

גענעראַלן, גענעראַלן זענען געריטן אויף מיינע פערד...

דעמאָלט איז זיין זון אַברוש, פאַרביטערט וואָס דער טאַטע האָט אים ניט געמאַכט פאַר עפּעס בעסערס ווי אַ פערד־שינדער, זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים און אויסגעשריען מיט אַ ווילדער, חיהשער שטים:

— טאַטע, אַ בייזער יאָר אויף דיר, טאַטע!

אַ ציטער, ווי אַ פרעסטל, איז דאַן אַדורך דורכן זאַל. אַזוי עכט איז דאָס שפּילן געווען...

גערן האָט אים דער עולם געזען אויף דער בינע אין אַ שוואַרצן סורדוט. אויף דעם סורדוט האָט ער געהאַט חזקה ביי איטשע דעם הויכן, וואָס איז אויסער אַ וואַליוטע־הענדלער אויך געווען גבאי פון דער קאַלטער שול. זיי זענען ערגעץ וואו געווען שטיקלעך קרובים אויך, אָבער דער עיקר — זיי זענען געווען פון איין גרויס, איז דער סורדוט אויף אייזלען געלעגן ווי גענייט אויף אים.

— פאַר היינט — האָט משהקע געזאָגט — וועט זיין גענוג.

— עלע וועט יעדן אויסשרייבן זיין ראָל, און מען וועט זיך נעמען צו דער אַרבעט.

עלע־מיכל, וואָס האָט געלערנט אין ווילנער העברעאישן לערער־סעמינאַר און איז נאָכער געוואָרן אַ העברעאישער לערער אין דער יידישער פאָלקס־שול, איז אויך געווען סעקרעטאַר פון דער שול־אָרגאַ־ניזאַציע. ער האָט געהאַט פולע הענט צו טאָן פון סאַמע אָנהויב, ביז ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין „גרוב” אַריין, אין סופליאָרס קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע פראָנט פון דער בינע.

* * *

לייבל, דער פאָרזיצער פון דער שול־אָרגאַניזאַציע, אויף וועמענס נאָמען ס'איז אויך געווען די דערלויבעניש אויפצועפענען די שול, האָט גוט אויסגעהייצט דעם אויוון, עס זאָל די אַרטיסטן זיין וואַרעם. זיין

שטוב איז געווען דער וואַרשטאַט, וואו עס זענען אויסגעמייסטרעוועט געוואָרן די פאַרשטעלונגען. עלע האָט געהאַט זיין שטענדיקן אָרטביים אויוון. ער איז געזעסן רייטנדיק אויף אַ בענקל און געוואַרט אויפן סיגנאַל פון רעזשיסער:

— גיב ווערטער!

האָט ער געדולדיק גענומען שיטן מיט טרוקענע, קלאַנגלאָזע ווער־טער, איין מאָל, און נאָך אַ מאָל.

— זייט אַ ביסל רירעוודיקער, רייצע, איר זייט דאָך אַ פאַרליבט מיידל, אַזוי, שמייכלט. ווינקט מיט אַן אויג, איר זייט דאָך אַ דינסט־מיידל, און אַ דינסט־מיידל איז דאָך תמיד אַ ביסל פרייער, צוגע־לאָזענער.

דאָס האָט משהקע געראָטן דער שוואַרצער רייצען, וואָס האָט געשפילט די ראָל פון פּייטשען.

גרישאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן ווענטל פון אַ שטול, וואָס האָט געדאַרפט דינען פאַר אַ טויער און גענומען זינגען:

ווי שיין איז איצטער
אוי די פּאַגאָדע —
עס ברענט פון ליבע
מיין האַרץ צו דזשיר...
טאָ קום אַרויסעט,
מיין שענסטע פּייטשע —
עס וואַרט אויף דיר
דער בעסטער קאַוואַליר...

ענטפערט אים פּייטשע:

דו ביסט אַ שיינער בחור,
אָבער איך האָב דיר
טאַקע ניט האָלט —
ווייל דו אופּאָטרעבליאַעוועסט ניט

מ. אייזענבוד

קיין אײדעלע װערטער
שטשיטאַיעט מען דיר פאַר אַ יאָלד.

בלײבט דער פאַרליבטער בחור נישט שולדיק קיין ענטפער:

דו זאָגסט מיר, פײטשע,
איך האָב אַ פעלער,
אים האָב אַ סרע־ע־ע־צטװע דערצו.
איך װעל מיר קויפן
אַ בריװנשטעלער —
און זיך אויס־לע־ער־נען
פון עס.

און פײטשע ענטפערט דערויף:

אָט דאָס געפעלט מיר זייער
און דאָס האָב איך טאַקע געזוכט,
װײל מײן באַלעבאָסטעס טאָכטער
אופאַטרעבליאַעװעט דעם זעלבן בוך...

דאַן, אַז זײ האָבן זיך דעררעדט, זינגען זײ בײדע, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט, איבערן פאַרענטש פון טויער:

און דײן פיגורע
װי אַ מאַרמורע —
און דײן צורה
די שענצטע אַף דער װעלט.
און דײן ליבע
װי אַלאַבאַסטער
און דײנע אויגן —
װי הײסע קוילן צװײ,
כ׳װאָלט שטענדיק װעלן
זײ נאָר קושן,
און שטענדיק שפּי־אי־גלען
זיך אין זײ.

נאָכהער קומט דער רעפריין:

עס שיינט די לבנה
די שטערן פינקלען צו —
זיי קוקן ווי מיר ליבן זיך:
איך — און דו,
זיי קוקן ווי מיר האָבן זאַך
ביידע האָלט —

ער: פּיטשע מיין קראַסאַוויצע!
זי: גריינאַמקע מיין גאָלד!

בראַוואָ, בראַוואָ, פּרימאַ! איז דער רעזשיסער צופרידן. עס עס קלאַפּט. איר יכולט, קינדער!

— אַצינד וועלן מיר פּרובירן דעם באַלאַגאַן. *שלמהקע,* **קענסט דאָס לידל נאָכן צווייטן אַקט, ווען דער דיפּטער רופט אויס: און די די באָמבע האָט געפּלאַצט?**

צעשפּיליעט שלמהקע פּאַרפּל דעם פּידזשאַק, פּאַררוקט די גראָבע פינגער פון ביידע הענט אין די אויסגעשניטענע אַרבל־לעכער פון דער קאַמיזעלקע, טוט זיך אַ ציי אויס אין זיין גאַנצער לענג און נעמט זינגען:

אַז אַ מאַן —
האָט אַ שלאָק פאַר אַ ווייב
קריכט דאַך אָפּ ביי אים דאָס לייב.
אוי האָט זי אַ פּיז־בים־בים,
ווערן זאָל ער געל און גרין,
אוי ווײ די באָמבע,
אוי גוואַלד די באָמבע
און אַז די באָמבע האָט געפּלאַצט —
געפּלאַצט האָט די באָמבע!

— חברה — איז משהקע צופרידן — אין אַ צוויי וואָכן אַרום וועט מען דערלאַנגען.

דאָ נעמט שוין איבער די זאַך איטשע טשאַרנע. אַבי ער האָט אַ דאַטע.

— מאָטל — זאָגט ער — ווערסט זיך מאָרגן מעגן זעצן מאַכן די אַפּישן. זיי זאָלן זיין געשפּריצט, אַזוי ווי דו קענסט!

איטשע, אַ מיטגליד פון דער שול־פאַרוואַלטונג, האָט שוין באַ־זאָרגט דעם זאַל, די רעקלאַמע. אפילו זיך געשטעלט ביים טיר צו קאָנטראָלירן די בילעטן. דאָס איז געווען די דערפאַרונג וואָס איטשע האָט אָנגענומען אַרומפאָרנדיק איבער די שטעטלעך מיט די פילמען, וואָס זוסמאַן דער אַפּטייקער פלעגט אַראָפּברענגען.

— ווערסט אַ קרענק אַריין אויף גאַפּע! — האָט ער געלאָזט וויסן שלמה „קאָצערקע" דעם פריזירער־געזעלן, וואָס האָט דווקא געוואָלט זיך אַריינכאַפּן אין טעאַטער אַריין אָן אַ בילעט.

— אָבער ביליקע בילעטן ווערסטו געבן, האַ? ווערסט ניט זיין קיין פריץ? — איז שלמה ביי זיך ניט געפאַלן.

— וויפל מאַן האָסטו? — איז איטשען איינגעפאַלן אַריינצולאָזן די חברה פריזיר־געזעלן אין טעאַטער צו ביליקע פרייזן. אי ס'וועט זיין מער מענטשן אין טעאַטער, אי מען וועט זיך ניט שטופּן אויף די טרעפּ.

— אַ מאַן אַכט — איז שלמה געווען צופרידן אויסצוציילן דאָס געלט.

— אַריין!

האַרט פאַר דער פאָרשטעלונג האָט איטשע אַריינגעלאָזן די אונ־טערגעוואַקסענע יאַטלעך, וואָס האָבן ניט געהאַט פאַר וואָס צו קויפן אַ בילעט.

— אַרויף אויף דער גאַליאָרקע און זייט שטיל. מען זאָל פון אייך קיין פּיפּס ניט הערן...

— אָרעמע קינדער — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט פאַרן איי־גענעם געוויסן. זאָלן זיי אויך געניסן אַ ביסל פרייד...

* * *

די ברייטע טרעפּ פון שטאָט־ראָט זענען העל באַלויכטן. זיי פירן אַרויף צו די שווערע, דעמבענע טירן פון טעאַטער־זאַל. די קאַלטע, שטיינערנע ווענט פון יאָרהונדערטער אַלטן שטאָט־ראָט זענען אַזוי צונויפגעוואַקסן געוואָרן מיט די יידן, אַז אפילו דער אַלטער צאַרישער פּולקאָווניק, דער שטאָט־פּרעזידענט פאַן הענריצי, וואָס האָט געלאָזן אויסקלאַפּן דאָס טעאַטער מיט פאַרקעט עס זאָל זיך גוט טאַנצן אויף פּריצישע בעלער, האָט ניט געהאַט קיין מוט אָפּצוזאָגן די יידן דעם זאַל אויף אַ פאָרשטעלונג.

זענען וויבער, אין שוואַרצע, שבתדיקע קאָפּ־טיכלעך, אין וואָלי־קעס מיט קאַלאָשן, און יונגע מיידלעך אין יידענע זאָקן דורך וועלכע ס'האָבן דורכגעלויכטן די פון פראָסט צעקניפּטע פיס, געלאָפן איבער די טרעפּ, צו זען די פאָרשטעלונג „רייזעלע דעם רבינס".

די טונקל־באַלויכטענע בינע איז איצט אַ חדר. דער רבי זינגט זיך אַ לידל: „אויפן פּריפּעטשאָק ברענט אַ פייערל" און די צוויי באַ־העלפער יאָקל און פלעקל (דאָס מיינט אייזיק און שלמהקע) העלפן מיט. נאָר די יאַטלעך, די ניט דערפאַרענע אַרטיסטן, טוען הינטערווילעכץ אַ קוק אויפן זאַל און שיסן אַרויס מיט אַ געלעכטער.

— שוויַגט, ממזרים! — קניפּט זיי אייזיק אין די ליטקעס.

— שטעלט אייך פאָר אַז דאָרט זענען בלויז קעפּלעך קרויט!

נאָר די יאַטן זעען אויפן זאַל לעבעדיקע מענטשן, שטיקן זיי דאָס געלעכטער אין זיך.

אין דער צווייטער סצענע איז דאָס חדר ליידיק. זיצן דאָ די באַהעלפער, און הונגעריקע — וויל ס'איז ערשט מאָנטיק און צו שבת איז נאָך וויַט — רעדן זיי דערוויַל פון פיש.

— קליינע, מיטלמעסיקע, גרויסע. אַזוינע קאַרפּן!
דער זאָל רוישט פון געלעכטער.

די מאַמעס, וואָס גייען כמעט ניט אין טעאַטער אַ חוץ ווען מען ווייזט „מכירת יוסף", אָדער „כל נדרי", ווישן אויס אַ טרער פון פרייד.

— אַזעלכע מזיקים, יאָקל און פלעקל!

געוואוינט זענען זיי געווײנלעך צו פאַרגיסן אַ טרער, ווען די שוסטער־שול שפּילט „מכירת יוסף", אַז בעניע מיטן פּיסל דערלאַנגט אַ הינק אַרויס אויפן בינע פאַרשטעלט פאַר אַ טערק און נעמט זינגען:

די טערקן קומען אָן,
די טערקן קומען אָן,
אין גאָלד און זילבער
אָנגעטאָן.

ווייסן זיי וואָס עס דערוואַרט נעבעך יוספן, און נעמען מיט פאַטשייל־קעס אויסווישן די טרערן.

וואָרום יידישע מאַמעס, אַז זיי גייען אין טעאַטער, האָבן זיי ליב זיך אויסצוווייגען.

זיי וויינען אויף יענעמס צרות, וואָס זענען אויך זייערע...

דער פאַרשטערטער שבת...

חיה־ריווע האָט אָוועקגעשטעלט דעם קויש קאַרטאָפל נעבן דער הילצערנער באַנק מיט די טעפּלעך און זיך גענומען צו דער אַרבעט. העלפן דער מאַמען גרייטן דעם טשאָלנט.

ביז אַרום מיטאָג־צייט, ווען אַרע דער שוחט האָט זיך געפּאָרעט אין דער „קאַראַבקע", וואו ער האָט געשאָכטן די עופות אויף שבת, האָט חיה־ריווע געהאָלפן אָפּפליקן גבירישע ענטלעך, הינער וואָס האָבן זיך געוואַלגערט מיט איבערגעשניטענע העלדזער אין פריש־אָנגע־שאָטענעם זאַמד. זי האָט געניט אַרויסגעפּליקט מיט צוויי פינגעד דעם פוך אונטער די פליגלען, דעם פוך אַרום בויך און פון האַלדז. ערשט צום סוף זענען געקומען די האַרטע, שטייפע פעדערן פון די פליגל און פון עק. זי האָט זיי צוזאַמענגענומען אין אַ טאָפּ, פון וועלכן מען וועט זיי אין די לאַנגע ווינטער־נעכט אַרויסנעמען, אויספליקן דעם פוך פון די סטרוצעס און אָנגרייטן רויטע אָנשיטן פאַר קישנס און פערענעס — מיידלשן אויסשטייער....

— וואו איז די טוקעווע שמאַלץ — האָט די מאַמע גענומען זוכן צווישן די טעפּלעך.

— דאָ, אין דער טשאַרלע — האָט חיה־ריווע אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף דער ליימענער טשאַרלע, וואָס איז געווען געפּלאַצט פון אַלטקייט און אַרומגעדראָטעוועט מיט אַ נעץ, זי זאָל זיך ניט צעשיטן. דער רויטער ליים איז שוואַרץ געוואָרן פון די שמאַלצן, וואָס האָבן זיך איבערגעגאָסן איבער די ראַנדן...

מערקע האָט אַ שטעל געטאָן דעם גרויסן ליימענעם טאָפּ, אָפּגע־ריסן אַ שטיק טוקעווע שמאַלץ און עס אַריינגעוואָרפן אין אים. זי האָט די ווייסע, אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל דורכגעשניטן, אויסקאַלופּענדיק געשיקט מיטן מעסער די שוואַרצע אויגן, וואָס חיה־ריווע האָט דורכ־געלאָזן. נאָך יעדן שיכט קאַרטאָפל האָט זי ווידער אַריינגעלייגט אַ שטיקל רוי, ווייס שמאַלץ, פאַרבראָקט מיט אַ ציבלקע און צוגעזאַלצן.

דער טאָפּ איז געוואָרן פול. מערקע האָט אים איבערגעדעקט מיט אַ שטיקל פּאַפּיר און דערויף אַ דעקל — אַ שוואַרץ סקאָוואָראָדל.

— נעם זיך צום צימעס, טאָכטער. און איך וועל דערווייל אָנפילן די קישקע. ריר זיך, האָב ניט קיין ליימענע הענט, וואָרום אײדער מירן פאַרטיק ווערן, וועט ביי לייבע דעם בייגער ווערן פול דער אויוון. אונדזער טשאָלנט וועט בלייבן שטיין נעבן טירל, ווייט פון זשאַר...

— סיי ווי מאַמע, וועלן די גבירישע טשאָלנטן שטיין ביי לייבען אויבן אָן, נעבן זשאַר, די קאַרטאָפל וועלן זיין ברוין און די קוגלען וועלן ווייגען פון בלויז שמאַלץ...

— אַז די גבירים האָבן צען טעפּלעך, מיט אַ קישקע, מיט אַ לאָקשן־קוגל, מיט אַ געוויקלטן קוגל, מיט אַ מערן־צימעסל, מיט אַ געפילט העלדזל, מיט ציקאָריע אין דער פרי, מיט קרענק אין זייערע בייכער אַריין! — איז מערקען מיאוס געוואָרן נאָכאַנאַנד אויסצורעכע־נען מיט וואָס גבירים צעשטאָפּן זיך עס אַלץ די מאָגנס, מיט דער שבתדיקער ציקאָריע מיט באַבקע, מיט די שבתדיקע וואַרמעסן...

חיה־ריווע האָט דורכגעשניטן די געלע ברוצקע, זי צעשניטן אין קלענערע שטיקלעך און גענומען אַריינבראָקן אין טאָפּ אַריין. דאָס געלע פלייש פון דער ברוצקע האָט געטריפט מיט זיסן זאַפט, פון וואָס די פינגער זענען געוואָרן קלעפּיק און שוואַרץ.

זי האָט די פינגער יעדעס מאָל דערלאַנגט אַ וויש אַריין אין פאַרטוך און ווייטער געבראָקט.

צום סוף זענען די צוויי טעפּ געשטאַנען גרייטע אויף דער באַנק.

— שוין ווידער אַ קוטניצע — האָט חיה־ריווע אַ וואָרף געטאָן צו דער מאַמען אַ פּאָר ווערטער, וואָס האָבן געדאַרפט אויסדריקן אי פּראָטעסט, אי פאַרדרוס, וואָס אויף יעדן שבת קויפט די מאַמע ביי מאַשקע דעם קצב אַ קישקע און פילט זי אָן מיט געקאַכטע קאַרטאָפל, אויסגעמישט מיט מעל און פאַרפּראַוועט מיט אַ ביסל טוקעווע שמאַלץ און אַ ציבעלע.

— וואָסי, טאַכטער, עס האָט דיר אָנגעשמעקט אַ לאָקשן־קוגעלע? האָסט פּאָסטעמקעס? אָט וועל איך באַלד נעמען פאַרמישן אייער־לאָקשן, מיט היִנערן שמאַלץ, מיט ראָזינקעס, אויסשמירן די טשאַרלע מיט פרישן בוימל — האָט מערקע מיט אַ מין סאַרקאַזם צוריקגעצאָלט דער טאָכטער פאַר איר „צעלאָזענער" קישקע.

— דער טאַטע איז דיר פון קבר אויפגעשטאַנען, וואָסי?

דאָס האָט זי דערמאָנט דער טאָכטער, אַז זי איז ניט מער ווי אַ בידנע אלמנה, און חיה־ריווע איז אַ יתומה.

מערקע האָט געקראָגן רחמנות אויף זיך אַליין, און מיטן ברעג פאַרטוך אויסגעווישט אַ טרער אין ווינקל אויג.

— וואָלט דער טאַטע געלעבט — האָט זי אַ זיפץ געטאָן און צו־געדעקט די טשאַרלע מיט אַ פלאַך, טשיהונען שטערצל.

די זון האָט זיך געזעצט און לאַנגע שאָטנס האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין מיטן גאַס. חיה־ריווע האָט אַריינגעשטעקט די צוויי באַרוועסע פיס אין אַ פּאָר אַלטע כאָדאַקעס, אַ כאַפּ געטאָן די דריי טעפּלעך, וואָס זענען געשטאַנען ווי אַ פּיראַמידע איינע אויפן אַנדערן, און זיך געלאָזט צום בעקער.

ביי איטקע דער בעקערקע, אָדער ווי מען האָט זי גערופן, איטקע לייבע דעם „בייגערס" — און אונטער די אויגן, די פאַלניצעס, מחמת אידער זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַן אייגענער בעקעריי, איז לייבע דער „האַלבער" געווען אַ בייגער ביי יוכטן פאַר פויערישע

שטיוול, און איטקע מיט די מיידלעך האָבן געבאַקט ציבעלע־פּלעצלעך אין רונדע, שוואַרצע סקאָווראָדן. די ציבעלע־פּלעצלעך האָבן געהייסן — פּאַלניצעס... באַלעבאָסטעס, אַז זיי הייצן פּרייטיק דעם אויוון צו באַקן ברויט און חלה, באַקן זיי אויך צום אָנבייסן רעטשענע לאַטקעס אָדער פּאַלניצעס.

איטקע מיט די טעכטער האָבן די דאָזיקע פּאַלניצעס געבאַקן אַ גאַנצע וואָך, ביז זיי האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ בעקעריי פון ברויט, בייגל און בולקעס.

ביים אויוון האָבן ווי אָפיצירן קאָמאַנדעוועט לאה און זעלדע:

— רוק אַריין גיטל רעכעלעס טאָפּ אַ ביסל ווייטער — האָט לאה באַפוילן מלכן, וואָס איז אַ פּאַרמעליקטער, מיט אַ לאַנגער ווילקע, געשטאַנען ביים אויוון.

— ניין — האָט זיך זעלדע אַריינגעמישט — דאָרטן אין ווינקל שטעל אַריין ריווע שקליאַרס טאָפּ, ער דאַרף נאָך קאָכן.

— ניין, גיטל רעכעלעס — האָט לאה ניט געוואָלט נאָכגעבן.

— ס'מעג אַריין אַ פּייער אין אַלע טשאָלנטן, און די קאַרטאָפּל מעגן אויסאָכניען — האָט מלך בייז געשאָלטן סיי צוליב מידקייט, און סיי צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ פריידענקער און אין תוך אַ קעגנער פון „קלעריקאַלן" טשאָלנט. כאָטש ער האָט דעם טאָפּ פון מערן־צימעס, ווען אַלע האָבן שוין אָפּגעגעסן, נאָך לאַנג געסקראָבעט מיט אַ הילצערנעם לעפל.

ווייבער זענען אַריין און אַרויס, איבערלאָזנדיק די טעפּלעך נעבן אויוון.

— איך בעט אייך, אַ ביסל ווייטער פון זשאַר — האָט זיך געבעטן אַ יידענע — מיין יאָסל־בער האָט שוואַכע זשאַשניעס, ניט פאַר אייך געדאַכט, קען ער ניט איינבייסן די האַרטע, אויסגעטריקנטע קאַרטאָפּל. שלינגט ער זיי גאַנצערהייט, מוז מען שוין שבת ביינאַכט אַרויסרופן צו אים, ניט פאַר אייך געדאַכט, משה דעם רופא — פּאַרטרויט די יידענע איטקען איר דאַליע...

האַרט פאַר ליכט־בענטשן איז דער גרויסער אויוון פול געוואָרן מיט טעפּ, טעפּלעך, בראָטערלעך, טשיהונטשיקעס און פענדלעך. יעדעס טעפּל איז געשטאַנען לויט זיין שטאַנד, זיין באַלעבאָסטע און זיין אינהאַלט.

— שוין אַלע אריין? — האָט לייבע געפרעגט זעלדען, וואָס האָט זיך נאָך געפּאָרעט אַרום אויוון. זי האָט איבערגערעכנט אויף די פינ־גער אַלע פון שפּיטאַלטע גאָס, פון סיראָקאָמליע, פון די זאַאולקעס:

— דאַכצאַך אַלע.

לייבע האָט פאַרמאַכט דאָס לאָך פון אויוון מיט אַ שטיק בלעך און עס אַרומגעשמירט מיט ליים, די היץ זאָל בעסער האַלטן.

— שבת — האָט לייבע אויסגערופן.

איטקע האָט געבענטשט ליכט איבער זעקס אויסגעשייערטע מע־שענע לייכטער.

שבת...

* * *

דאָס לייענען אין נייעם בית־המדרש איז צוגעגאַנגען ווי געוויינ־לעך. מאָטל לעקאַך, דער גבאי, האָט פאַרקויפט עליות, און אברהם־עלע דער סופר האָט אויפגערופן:

— יעמוד הגביר, הנגיד ר' ....

יידן באַלעבאָטים, מיט די טליתים איבער די אַקסלען, זענען גע־שטאַנען אין פּאָליש, שבתדיק אויפגעלייגטע און געשמועסט פּאָליטיק. מיט אַ מאָל האָט זיך דורכן עולם דורכגעשטופּט דער קליינער שייעל, ער איז צו צום טאַטן, לייבע דעם בעקער, און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אָנגעזאָגט:

— דער פּאָוו... פּאָוו... פּאָוויאַטאָווער דאָקטער — האָט ער ענדלעך אַרויסגעזאָגט — האָט פאַר... פאַר... פאַרחתמעט דעם אויוון!

לייבע איז געוואָרן ווייס, ווי די נאָר וואָס אויסגעקאַלכטע וואַנט נעבן ארון־קודש.

אין זעלבן מאָמענט האָט זיך אים געטראַכט דריי זאַכן מיט אַ מאָל:
וויפל וועט ער מוזן צאָלן שטראָף פאַרן שטעלן טשאָלנטן אין
בעקער־אויוון, ווייל דאָס איז דאָך פאַרבאָטן לויט די געזונטהייט־גע־
זעצן.

טאָמער מאַכט דער גוי, דער אַכזר, דער פּאָוויאַטאָווער דאָקטער,
צו זיין בעקעריי, פון וואָס וועט מען לעבן?

וואָס וועט זיין מיט די טשאָלנטן, וועלכע אַ פּאָר גאַסן יידן האָבן
שטיין אין זיין אויוון?

די מעשה, אַז דער פּאָוויאַטאָווער דאָקטער האָט פאַרחתמעט לייבע
דעם בעקערס אויוון האָט זיך פון נייעם בית־המדרש איבערגעטראָגן
אין דער שוסטער־שול, און פון דאָרטן אין דער שניידערשער שול.

יידן זענען שוין ניט מער געשטאַנען אין פּאָליש, נאָר אין דרויסן,
אין רעדלעך און זיך געהיצט. דער וואָס האָט געהאַט שטיין זיין
טשאָלנט ביי נחום ליפסעס אָדער ביי פּאַלטשיכען, האָט מיט אַ זייטיקן
קיבעץ גערעדט צו די וועמענס טשאָלנטן עס זענען פאַרחתמעט:

— ס׳וועט זיין ווי אויסגעווייקטע פּאָדעשווע...

— אייך איז גוט צו לאַכן — האָט עס מאיר אַלפּערט ניט געקענט
פאַרטראָגן.

— אַלץ מוז זיין מיט אַן אָרדענונג. ווי פאַרמאַכט מען עס עפּעס
אַן אויוון מיט טשאָלנטן, יידן זאָלן בלייבן אָן וואַרמעס?

מאיר אַלפּערט איז געווען אַ אַ ייד פון שטרענגער אָרדענונג. ביי
אים האָט אַלץ געמוזט זיין מיט אַ טאָלק. אַז ער האָט געפּרעגלט
וואַרעניעס, איז אויף יעדן סלאָי געווען אָנגעקלעפּט אַן עטיקעט, וואו
עס איז געגנוי געווען פאַרשריבן, ווי אין אַן אַפּטייק:

— צוויי קילאָ קאַרשן — פון פּאַסטאַרעמטשיקס סאַד.

— איין קילאָ צוקער — פון בראַכע מינקעס.

— געפּרעגלט: י״ב תמוז תכצ״ה...

און אַז ער האָט געגעבן אַ נדבה, האָט ער אין זיין קליין ביכעלע

איינגעשריבן מיט פיצינקע אותיותלעך: „לאישה באשע שני פרוטות".
אזא ייד איז ער געווען.

— יידן — האָט ער ניט גערוט — לאָמיר אַריבערגיין אין דער מאַרק־שול, דאָרטן דאַוונט ר' יואל ראַזאָווסקי, זאָל ער שוין גיין צום סטאַראָסטע אָפּשרייען די גזרה!

— מאיר איז גערעכט — האָבן יידן פּאַטאַקעוועט, און שוין זענען אַ צוויי מנינים יידן געווען אויפן וועג צו דער מאַרק־שול, וואו עס דאַוונען די פּני פון שטאָט.

* * *

דער ראש־הקהל און וויצע־בירגערמייסטער ר' יואל ראַזאָווסקי האָט איבערגעלאָזט דאָס דאַוונען און איז אַוועק צום סטאַראָסטע, צו זען עפּעס פּועלן.

די זון איז שוין געווען הויך אין הימל. אַרום לייבע דעם בעקערס הויז זענען געשטאַנען ווייבער מיט די הונגעריקע קינדער ביים זייט, וואָס האָבן ניט געוואָלט וויסן פון קיין פאַרשריפטן וועגן בעקער־אויוונס, וועגן פאַרבאָט צו שטעלן דאָרטן שטאָלנטן. זיי האָבן געצויגן די מאַמעס פאַר די קליידער און אין איין קול געמאָנט:

— מאַמע, עסן!

יידן וואָס האָבן שוין אָפּגעגעסן וואַרמעס, זענען מיט גלאַנציקע, פעטע ליפּן אַראָפּגעקומען אין שפּיטאַלנע געסל אויף טשיקאַוועס:

— מיט וואָס אַ שטייגער וועט זיך דאָס ענדיקן?

איטקע די בעקערקע האָט געקוקט אויף דעם בלאָמבירטן אויוון, ווי אויף עפּעס אַ זאַך צו וועלכער עס איז אַ מורא זיך צוצורירן:

— אַניט קען מען חלילה פאַרפאַלן ווערן אין טורמעס — האָט זי געבראָכן די הענט.

ערשט אַרום אַזייגער דריי, האָבן די יאַטלעך אָנגעזאָגט די בשורה:

— ער גייט!

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך באַוויזן דער פּאָוויאַטאָווער דאָקטער, באַגלייט פון צוויי פּאָליציאַנטן.

ער איז אַרײַן אין בעקערײַ און אָן אַ וואָרט האָט ער אָפּגעריסן די צוויי שטריקלעך, אויף וועלכע עס איז געהאָנגען די פלאָמבע, אַן אָדלער, דער סימבאָל פון דער פּוילישער מלוכה, אָפּגעדרוקט אין רויטן טריוואָקס.

— אַזאַ הנאה זאָל ער האָבן פון זײַן גאַנץ לעבן, רבונו־של־עולם, ווי מיר וועלן שוין האָבן פון קאַלטן, זויערן טשאָלנט...

דאָס האָט מערקע אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ, וואַרטנדיק אין דער ריי, אירע טעפּלעך זאָלן זיך באַווייזן פון אויוון.

געקומען צו חלום

•

די ברייטע גאַס איז געווען איינגעהילט אין שאָטן. די פּאַרנאַכ־טיקע זון האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די קליינע פענצטערלעך פון די גרינע צערקווע־קופּאָלן. קינדער האָבן זיך פריילעכע געשפּילט אין דרויסן, איידער מען צעלייגט זיי אין די בעטן.

אויפן ברייטן, הילצערנעם גאַניק זענען געזעסן מרדכי דעם מע־לערס טעכטער. פון איין זייט טשיוויע און מיכליע, פון דער אַנדערער — די מאַמע ראַשע מיט קריינען. עס האָט געפעלט די מוזינקע — חוה, וואָס איז נאָך געווען אין אַזאַ עלטער, ווען מען קען נאָך ניט אָפּ־שרייבן אַ מיידל ווי אַ פּאַרזעסענע. זי האָט זיך געקליידט מאָדערן: אין זיידענע זאָקן און מיט אַ ביכל אונטערן אָרעם. חוה פלעגט זעלטן זיך אויסזעצן מיט דער משפחה אויפן גאַנעק. זי האָט געהאַט אירע אייגענע גענג...

די משפחה איז ניט סתם געזעסן און באַרעדט די שכנים פון גאַס. דאָס זיצן האָט געהאַט פאַר זיך אַ דערהויבענעם ציל — דאָס האָבן זיי דערוואַרט, אַז די געפלעקטע בהמה זאָל זיך צוריקקערן פון פּאַשע.

מיטן שטויב פון סוויערזשנער טראַקט זענען אָנגעקומען די בה־מות. דער פּאַסטוך וואָס האָט אויפן וועג זיי געשאָלטן מיט טויטע קללות און מכבד געווען מיטן בייטש, האָט אין די אויגן פון די באַלעבאַטים גערעדט צו די בהמות ווי צו צעפּיעשטשעטע קינדער:

— קודאַ, קאַראַיאַ!

אַ ווייסע בהמה, מיט געלע פלעקן צווישן די אויערן, איז צו צום טויער און יאַגנדיק די פליגן מיטן קנופּ, וואָס איז געוואַקסן ביים סוף

פון עק, האָט זי אויסגעצויגן דעם האַלדז, און אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן, פאַרבענקטן:

— מו . . . או . . .

דעמאָלט האָט קריינע אויפגעמאַכט דאָס טויער, און מיכליע, באַגלייטנדיק די בהמה, האָט אַראָפּגענומען פון פּאַרקאַן דאָס הילצערנע שעפל, וואָס האָט זיך דעם גאַנצן טאָג געטריקנט אויף דער זון. די בהמה האָט פון געוואוינשאַפט אַריינגערוקט דעם קאָפּ אין הילערנעם צעבער, וואָס איז געשטאַנען אַ גרייטער פאַרמישט מיט קאַרטאָפל־שאָלן און קלייען און זי האָט גענומען קייען. מיכליע האָט צוגערוקט דאָס קלעצל, זיך אַנידערגעזעצט און גענומען מעלקן די בהמה. מיט געניטשאַפט אין די פינגער האָט זי געצויגן דעם אייטער. נאָך יעדן ציִ האָט אַ דינער שטראָם וואַרעמע מילך זיך אָפּגעקלאַפּט אין וועגטל פון שעפל.

עס איז געוואָרן טונקעלער. אויפן בריקל זענען פאַרבליבן נאָר די עלטסטע טאָכטער טשיוויע מיט דער מאַמען. זיי האָבן כמעט ניט גערעדט צווישן זיך, נאָר יעדע האָט געטראַכט די זעלבע מחשבות.

— דער טאַטע פאַרדינט קיין עין־הרע נישקשה, — האָט ראַשע געזאָגט, פונקט ווי זי וואָלט ווייטער געצויגן אַ ניט פאַרענדיקטן שמועס. דער קניאַז ראַדזשיוויל וועט דעם זומער איבערמאָלן די דעכער. ער וויל אויך די ווייסע סאַליע אָפּפרישן, ווייל מען דערוואַרט געסט אין שלאָס. דער טאַטע וועט אוודאי צונעמען אַ פּאָר מענטשן צו דער אַרבעט — אַז דער קניאַז וויל זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן, נאָר אויף אים — האָט זי צוגעגעבן מיט שטאָלץ.

— נאָר פאַניע מאָרדכאַ און פאַניע מאָרדכאַ —

— און די פאַיעטאַנען וואָס שטייען דאָ? — האָט טשיוויע געוואָלט וויסן.

— דאָס וועט שוין אברהמל אַליין מאַכן. מען קען זיך ניט פאַר־לאָזן אויף פרעמדע.

— פון די אָנגעפּליקטע פּעדערן וועט אוודאי סטייען אויף צוויי פּערענעס, — האָט די מאַמע געזאָגט מיט אַ קרעכץ, וואָס האָט געמיינט:

— נדן און אויסשטייער זענען דאָ, אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט, נאָר קיין שידוך זעט מען ניט.

מאַמע און טאָכטער האָבן אויסגעמיטן צו דערמאָנען, אַז די צייט — אָט דער קאַלטער, אומברחמנותדיקער ציניקער — מאַכט אַ תל פון די שענסטע מיידלשע חלומות. וואָרום אַ ליאַדע טאָג וועט טשיוויע אַריינשפּרינגען אין די פּערציקער.

טשיוויע האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויפן סוד, וואָס זי האָט זיך מיט אַ מאָל דערוואוסט.

געוועזן איז עס ביי אברהמל ראָזין אין קרעמל, אַנטקעגנאיבער דער „פּאָזשאַרנע". אברהמלס פּאַרזעסענע שוועסטער איז דאָס איר חברטע. דעמאָלט איז אָנגעקומען גבריאל גרינבלאַט, דער מוליער, צו קויפן פּאַפּיראָסן. זיין רויטלעכע נאָז האָט אויסגעזאָגט, אַז ער איז נאָך פריער פּאַרבייגעגאַנגען גאַלייטשיכעס שענק. גבריאל האָט געהאַט צייט גענוג, האָט ער זיך צוגעזעצט און גענומען דערציילן וועגן אַלץ אין דער וועלט. דער עיקר האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן וועגן מלאך גבריאל, נאָך וועמען ער איז אַ נאָמען, און וועגן די פונקציעס וואָס יעדער מלאך פירט אויס אין הימל. דאָ האָט טשיוויע — וואָס איז מיט אַלע חושים געוועזן פאַרטאָן אין הימלישן געשפּרעך — ניט אויסגעהאַלטן און אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר ר' גבריאל, און ווי הייסט דער מלאך וואָס פאַרנעמט זיך מיט צונויפפּאָרן זיווגים?

— דו מיינסט אוודאי דעם מלאך חתניאל? — האָט דער מוליער גבריאל געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט דעם מלאך געקענט פּערזענלעך און וואָלט מיט אים געוועזן אַ שטיקל שמעלקע.

האָט שוין טשיוויע געהאַט איר אייגענעם מלאך צו וועמען זי קען בעטן און זי איז זיכער געוועזן אַז ער וועט איר צושיקן אַ זיווג.

נאָר טיף אין האַרצן האָט זי געהאַט טענות צו דער מאַמען, וואָס האָט דורך די אַלע יאָרן איר ניט געקענט צוקלייבן קיין בחור צוליבן יחוס.

— דעם קניאַזשעסקן מעלערס טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיט אַ באַל־מעלאָכע? ניט ביי מיין לעבן... — און זי האָט אָפּגעלאָזן דעם שידוך.

מאָטע דער גריבאָווסשינער, דער בחור וואָס איז אַריינגעקומען צו חוהן, איז ראַשען שוין יאָ געפעלן געוואָרן.

— אַ סוחר, ער האַנדלט מיט תבואה, מיט חזיר־האָר.

זי האָט אים אַפילו מכבד געווען מיט „מאַלאַדזשעווע" — די ערשטע מילך פון דער בהמה, נאָכן אָפּקעלבן זיך, וואָס איז אַזוי פעט, אַז זי לאָזט זיך אָפּבראָטן, און די ברוינע, פאַרעדיקע, מאַלאַדזשעווע צאַפּלט ווי אַ פאַרקילטע פּיסנאָהע.

נאָר ביי אַ שידוך האָט עס דערווייל ניט געהאַלטן.

— זאָל מען די מוזינקע חתונה מאַכן פאַר דער עלטסטער טאָכטער? אויף דעם האָט חוה זיך מיט גאָרניט אָפּגערופן. עס איז בלויז געבליבן אָפּצוואַרטן און זען, אויף ווי לאַנג ס'וועט ביי מאָטען סטייען געדולד.

* * *

מרדכי דער מאָלער האָט זיין פליכט לגבי דער וועלט געטאָן מיט געווויסן. מיטן ערשטן ווייב האָט ער אָפּגעהאַט עטלעכע זין, און אַז ער האָט חתונה געהאַט ס'צווייטע מאָל, זענען זיך די זין צעפאָרן איבער דער וועלט. זיי האָבן באַפרייט די נעסט פאַרן נייעם דור. מיטן צווייטן ווייב האָט ער געשענקט דער וועלט זיינע טעכטער. זיי אויפגעכאָוועט צו דעם עלטער, ווען זיי וואָלטן אים געמעגט צוריקצאָלן מיט אייניקלעך. נאָר עפּעס האָט אין דער ווייבערישער מלוכה ניט געקלאַפּט, און ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף אַן אייניקל, וואָס זאָל צופּן זיין ווייסע, ברייט־צעוואָקסענע באָרד, איז ער אַוועקגעשטאָרבן.

חברה־קדישא האָט אים געטאָן זיין רעכט און אים געלייגט נעבן זיינע חברים, די באַלמעלאָכעס. ראַשען האָט דאָס האַרץ געוויינט צו־

זעענדיק ווי איר מאַן ווערט באַהאַנדלט. זי האָט דערפילט, אַז מיט ליגן מרדכין צווישן זיינע חברים, טוט זיך דער גאַנצער יחוס אָפּ פון איר. זי איז אָבער צו שוואַך געווען זיך אַנטקעגן צו שטעלן מאָטל לעקאַכן, דעם חברה־קדישאַ גבאי.

די ערד אויף מרדכיס קבר האָט זיך געצומען פאַרציען מיט אַ יונגן, פוכיקן גראָז.

— ברוך דיין אמת.

ערשט איין טאָג רייסט זיך ראַשע אַריין צום רב מיט אַ גוואַלד און געמט ספּאַזמירן:

— הייליקער רבי! דער מאַן איז מיר געקומען צו חלום. ער קען ניט איינליגן אין קבר. ווי האָב איך עס געקענט דערלאָזן, וויי איז מיר, ווינד איז מיר — אים, דעם קניאַזשעסקן מאָלער אַוועקצולייגן צווישן פּראָסטע באַלמעלאָכעס. גוואַלד, רבי, ראַטעוועט! און איידער וואָס־ווען, דערלאַנגט זיך ראַשע אַ צי אויס און פאַלט אַוועק אין חלשות.

אַז מען האָט זיך אָפּגעמינטערט מיט אַ קוואָרט קאַלט וואַסער, האָט זי דער רב אַהיימגעשיקט:

— אישה, גיי אַהיים, איך וועל אַריינקוקן אין די ספרים און זען דעם דין...

די צייט — האָט דער רב גערעכנט — איז דער בעסטער דאָקטער. זי וועט זיך צוגעוואוינען און פאַרגעסן.

— וואָסי? — איז זי אַ צוויי וואָכן שפּעטער אַריינגעפאַלן צום רב — מען האָט אים נאָך ניט איבערגעלייגט — און ער קען דאָרטן ניט איינרוען. יעדע נאַכט זע איך זיין ווייסע באָרד און זי רעדט צו מיר.

— ראַשע, ווי אַזוי האָט מען עס מיך געקענט פאַרשעמען... — און איידער זי טוט אַ פאַל אין חלשות, רוקט איר מענדל דער בעדער, וואָס איז אויך געווען בית־דין־שמש, אונטער אַ בענקל.

— אישה, גיי אַהיים. איך וועל רופן די חברה־קדישא און זען פאַרוואָס וויל דיך דער מת ניט צו רו לאָזן...

נאָר ער האָט פאַרשפּאָרט צו רופן די חברה־קדישא. די באַלשע־וויקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט, און דער מת ר׳ מרדכי דער מאַלער האָט וואַרשיינלעך איינגעזען, אַז ס׳איז ניט די צייט צו קומען צו חלום, און ער האָט די יידענע צו רו געלאָזט.

אויך ראַשע האָט דערזען אַז אַ קניאַז איז גאָרניט אין יחוס ביי די „גדולים״, און ס׳איז גלייכער צו פאַרשווייגן, אַז איר מאַן איז עס געוועזן דער קניאַזשעסקער מאַלער...

די געזעלשאַפט „טאָז"

דער זוניקער פרימאָרגן האָט זיך צעלייגט אין אַלע ווינקלען פון פיר־עקיקן בריאות־הויף. דער הויכער טויער, אויף וועלכן עס פלעגן געוויינלעך הענגען די טורן־שטאַנגען, רינגען און טראַפּעזן פון די מכבי־ספּאָרטלער, איז נאָך פייכט געווען פון דער פרימאָרגנדיקער ראָסע. אין אָפּגעצאַמטן ווינקל האָט שאָשע שיפּריס פּאַרזייט עטלעכע בייטן מיט רעטעכלעך, גרינע ציבעלע און אין מיטן פון יעדן בייט — רויזן אויף האַרטע שטאַמען, וואָס האָבן זיך געריסן צו דער זון מיט זייערע שוואַרצע יאָדערן־קעפּ, איינגעראַמט אין געלע בלעטער.

שאָשע האָט די אַרבעט — פון זיין אַ שמש אין בריאות — איבערגענומען פון איר מאַן בחזקה. אַליין איז זי געווען אַ יידענע אַ הויכע, ברייט צעוואַקסענע, אין די פופציקער, און אפילו ביי איר מאַנס לעבן האָט זי כמעט אַליין אַלץ געטאָן. דאָס בינטל שליסלען, ווי ביי אַ באַלעבאָסטע מיט אַ גרויסער ווירטשאַפט, איז איר נאָכגעהאָנגען ביים פאַרטוך. אונטער איר שליסל איז געווען די אַפּטייק, וואו וועלוול שיין און כאַנקע יעוועלעווסקי האָבן געאַרבעט אין די ווייסע פאַרטוכער. זיי האָבן געשטויסן זאַלבן אין ליימענע שיסלען און אַרויסגעגעבן די רפואות צו יידן און יידענעס, וואָס האָבן זיך תמיד געשטופּט אין טונקעלן קאָרידאָר. אַז די רפואה איז געוואָרן פאַרטיק, האָט זיך אַ קליין פענצטערל אויפגעמאַכט אין טיר, און כאַנקע האָט אַ פרעג געטאָן:

— פערלמאַן?

— יאָ, דאָס בין איך!

— איינגעבן דריי מאָל אין טאָג, מיט אַן עס־לעפל...

צו שאָשען האָט געהערט דאָס אויפמאַכן די קאַנצעלאַריע פון בריאות וואו שמעון אַלטער „נאָזס״ האָט דעם גאַנצן טאָג זיך געפּאָרעט אין דיקע בוכהאַלטעריע־ביכער, מיט אָן אַ שיעור ליניעס צעווירעטע בלעטער, וואו ער האָט אַריינגעשריבן, איבערגעטראָגן סומעס פון איין אָרט אויפן צווייטן. אַז אין מיטן דער אַרבעט האָט זיך אַ יידענע באַוויזן מיט אַ בקשה:

— אַ קליסטיר... — האָט שמעון זיך אַ קראַץ געטאָן אין אַרבל, און ניט רירנדיק זיך פון אָרט אַ רוף געטאָן:

— שאָשע!

און נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו זאָגן וואָס זי האָט צו טאָן, האָט זיך שוין שאָשע געפּאָרעט אין קעמערל צווישן גומענע בייגל, קעסט־לעך מיט באַנקעס, אָפּציערס און גרעלקעס און געזוכט אַ קליסטיר — די גומענע כלי מיטן שוואַרצן, דינעםביינדל מיט וועלכן מען האָט געשראָקן ניט געהאַרכזאַמע קינדער, און וואָס איז גוט צונוץ געקומען אין די זומערדיקע חדשים, ווען גרינע ניט־צייטיקע עפּלעך האָבן גענומען רייצן די אַפּעטיטן פון די יאַטלעך...

אַז אויפן אָרט פון שמעון אַלטער „נאָזס״ איז אין קאַנצעלאַריע פון בריאות אָנגעקומען אייזל משה פּעטערסבורגערס, האָט זיך שאָשעס לאַגע געענדערט. עס איז געוואָרן:

— חברטע שאָשע! — מחמת אייזל איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון ווילנער טעכניקום, אַ ניט געענדיקטער, אָבער פול מיט לינקע אידייען...

* * *

שאָשע איז אַרויס פון איר שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען איבער דער וואַנט פון דער קאַנצעלאַריע און באַטראַכטנדיק דעם זון־באַגאָ־סענעם הויף, האָט זי געזאָגט, ווי זי וואָלט וועלן זיך אַליין איבערצייגן:

— שוין צייט, אוודאי?

מיט איינעם פון אירע שליסלען האָט זי אויפגעמאַכט די קאַליטקע, און זי געלאָזן האַלב־אָפן, מען זאָל זיין זיכער:

— זי איז שוין טאַקע אָפן...

די ערשטע קינדער האָבן זיך באַוויזן אין הויף. ניט דרייסטע, ווי פאַרלוירענע, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אויפן הילצערנעם בריקל. זיי האָבן די פעקלעך עסן, איינגעפּאַקטע אין טיכלעך, פעסט געקלאַ־ערט אין האַנט. נאָר אָט האָט זיך באַוויזן די לערערין בוניע לאָזערס און דער הויף איז פול געוואָרן מיט קינדערשן געלעכטער און געזאַנג:

— לערערין, מיר! — האָט זיך געשטופּט אַ קאַראַפּוזיק דווקא אין מיטן קרייז, די לערערין זאָל אים אַריינגעמען אין קאַראַהאָד:

א קראַנץ פון רויזן,
א קראַנץ פון בלומען,
איז צו אונדז יאַסעלע
צוגעקומען...

די לערערין בוניע האָט געלאַכט מיט אירע ווייסע, פּערלמוטערנע ציין, און כאָטש אירע שמייכלענדיקע אויגן האָבן מיטגעטאַנצט אין קרייז, האָבן זיי געהאַלטן וואך איבער אַלע קינדער.

— קינדער, אויסשטעלן זיך! — האָט באַפוילן די לערערין — איינס און צוויי! איינס און צוויי!

אויסגעשטעלט די קינדער אין רייען, פאָר די הענטלעך צו צוויי, האָבן זיך די קינדער מיט דער לערערין בוניע אַוועקגעלאָזט צום שפּיל־פּלאַץ אויף אַ גאַנצן טאָג.

אין קאָקלס גרויסן סאַד, צווישן די עפּל־ביימער זענען צעשאָטן קופּעס געל זאַמד, מיט וועלכן די קינדער שפּילן זיך. פוןביידל נעמט די לערערין בוניע אַרויס די קינדערשע וועגעלעך, די טאַטשקעס, די גראַב־אַייזנס און די גראַבליעס און צעטיילט עס צווישן די קינדער.

— מיר וועלן מאַכן אַ גאָרטן! חיימל, דו וועסט זיין דער גערט־נער, וועסט אויפפּאַסן ווי די קינדער פירן דאָס זאַמד!

אַז עס קומט מיטאָג, װאַשן זיך די קינדער בײם בלעכענעם האַנט־פּאַס און צעזעצן זיך מיט רעש אַרום די צונױפגעקלאַפּטע טישן, און בינדן אױף זײערע פּעקעלעך...

* * *

אַ האַלב־קאָלאָניע איז ניט גענוג — דאָס האָט געזאָגט לײבל משה־שרה־כאַשעס, װען ער איז צוריקגעקומען פון ערשן „טאָז"־צו־זאַמענפאַר אין װאַרשע. דער װאַלד איז ניט װײט, און מיר האָבן אַ גוטן, טרוקענעם װאַלד, װאָס געהערט צו דער שטאָט, מען דאַרף זען פועלן בײם מאַגיסטראַט. נו, װאַרשע האָט אױך צוגעזאָגט הילף — אַזױ האָט פאַרזיכערט ד"ר װולמאַן. װאָרום די נאָענטסטע קינדער־קאָלאָניע איז ערשט אין נאָװאָיעלנע, איז פאַלג מיך אַ גאַנג. מיר דאָ קענען אױפנעמען קינדער פון גאָראָדיע, פון סטױפּץ.

כאַלאַװיעצקי דער בירגערמײסטער איז ניט געװען קײן פרעמדער, קײן אַרײנגעשיקטער פון אױבן. אַלײן אױפגעװאַקסן אין אַ הױף הינטער האָראָדײע, האָט ער געהאַט אַן אָפן אױער פאַר די נױטן פון די ײדן. אַחוץ דעם איז ער אױך אױפגעװאַקסן צװישן ײדן, און צװישן די ײדישע ראַטמענער זיך געפילט אַזױ הײמיש װי מיט זײנע אײגענע.

— דאָבראַ בענדזיע — האָט ער האַלב װײסרוסיש, האַלב־פּויליש געזאָגט. — און געהילץ װעט דער מאַגיסטראַט אױך געבן פאַר דער קאָלאָניע...

* * *

דער פּלאַן פון דער קאָלאָניע איז געלעגן אױף אַ פּריש־דורכגע־זעגטן קלאָץ. ס'האָט נאָך פון אים געשמעקט מיט זשיװיצע און פון די איבערגעבליבענע סענקעס האָט עס געטריפט מיט פּעכיקן בורשטין.

— דאָ — האָט לײבל דערקלערט דעם טשעשליער, װײזנדיק מיטן פינגער אין פּלאַן — װעסטו דורכהאַקן נאָך אַ טיר, מ'װעט עס דאַרפן.

ער האָט אין זינען געהאַט, אַז מיט דער צייט וועט מען אויף דעם אָרט צובויען אַ פליגל. דערווייל זאָל דאָ זיין אַ טיר.

— צו דער קיך וועסטו צובויען אַ גרויסן טיש, אַט דאָ ביים פענצטער. — דער טשעשליער האָט איינשטימיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און זיך געמאַכט אַ צייכן.

נאָך אײדער מען האָט די שפּאַרעס צווישן די קלעצער אויסגע־שטאָפּט מיט גרינעם מאָך, איז די ערשטע פּאַרטיע קינדער אַרויסגע־פאָרן אויף אַ חודש דאַטשע...

* * *

איבער די פינף הילצערנע טרעפּן פון בריקל, וואָס האָט געפירט צו אַ גלעזערנער וועראַנדע מיט צוויי ווייס־געפאַרבטע טירן, איז געהאָנגען מרדכי דעם מאָלערס קונסט־ווערק — די שילד פון דער געזעלשאַפט „טאָז״. זיין האַנט, געוואוינט צו באַמאָלן פּריצישע פּאַיע־טאַנען מיט שמאָלע, רויטע שטריכן, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי דינע פיילן לענג־אויס די שוואַרצע שפּריכעס פון די רעדער, האָט אַ ביסל געציטערט ווען עס איז געקומען צו שילדן. ווען ער האָט געצייכנט די ראשי־תיבות פון דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אין פּויליש אויסגעלייגט אין אַ ראָמב, דריי בוכשטאַבן איינגעפלאָכטן מיט איינאַנ־דער ווי אַ קיטקע, איז די קיטקע אַרויסגעקומען ניט יידיש און ניט גויאיש, אָט ווי נחום ליפּסעס וואָלט זי אויף שנעל צוזאַמענגעפלאָכטן, ווייל ער האָט זיך געיאָגט צום מאַרק... אפילו די יידישע אותיות זענען אַרויסגעקומען דערשראָקענע. נאָר סיי ווי איז עס געווען אַ שילד ווי ביי לייטן. וואָרום וועלכער ייד וועט עס פאַררייסן דעם קאָפּ, אָנצוקוקן די שילד, אַז סיי ווי ווייס ער וואו עס געפינט זיך דער „טאָז״.

אויף דער גרויער באַנק אין קאָרידאָר זיצן די פּאַציענטן געדול־דיק און וואַרטן, אַז ד״ר גינזבורג — וועלכן זיי רופן צווישן זיך

היימיש, יאַנקל — זאָל זיי אויפנעמען אויף די פרייע וויזיטן וועלכע ער גיט אין דער אַמבולאַטאָריע. דאָס גיט ער אָפּ זיין חוב דער געזעל־שאַפט וואָס האָט אים אויסגעקליבן פאַרן פּרעזעס.

— קוואַרץ־לאָמפּן — פאַרשרייבט ד״ר גינזבורג אין אויפנאַם־בוך.

— קוואַרץ־לאָמפּן וועלן אייך העלפן — ווייזט ער אָן דעם פּאַ־ציענט אויפן ניקלנעם לאָמפּ, וואָס שטייט נעבן אַ ווייסער, הילצער־נער באַנק.

אין סעריע — מאַכט ער אַ צייכן אין בוך — כדי אייזל דער סעקרעטאַר זאָל וויסן ווי צו באַהאַנדלען דעם פּאַציענט.

נאָר דער פּאַציענט איז ניט צופרידן:

— וואָס הייסט לאָמפּן? אַ דאָקטאָר דאַרף פאַרשרייבן אַ רעצעפּט.

— איר דאַרפט טרינקען פיש־טראָן, אומבאַדינגט פיש־טראָן, ס׳וועט העלפן צו אייער וויטאַמינאַזע.

דאָס האָט שוין געשמעקט מיט אַ קראַנקהייט וועלכע דוד, כעמעס אײדעם האָט ניט פאַרשטאַנען. ער האָט אפילו ניט געוואוסט צי דאָס וועט אים העלפן, אָדער שאַדן צו גיין איבער די הייזער. פונדעסט־וועגן איז ער ניט אָפּגעטראָטן, ביז דער דאָקטאָר האָט אויף אַ שמאָל שטיקל פּאַפּיר אָנגעוואָרפן עטלעכע צייכנס. דאָס איז געווען אַן אמתער רעצעפּט.

— איר וועט עס קריגן ביי שיינען אין אַפּטייק — דאָס האָט ער געזאָגט שוין פון געוואוינשאַפט, מחמת וועלוול שיין איז געווען זיין שוואָגער...

ניט תמיד זענען אויף דער גרויער באַנק צווישן די צוויי צימערן געזעסן אָרעמע קראַנקע, וואָס האָבן זיך געגוויטיקט אין אַן אומזיסטן וויזיט ביים דאָקטער. ווי נאָר ס׳האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס ערשטע פרעסטל, איז אויף דער באַנק געשטאַנען אַ פעסל מיט פיש־אייל, וואָס איז געקומען דירעקט פון נאָרוועגיע. דעמאָלט, אין די ווינטערדיקע טעג, איז אייזל געווען ניט נאָר סעקרעטאַר, נאָר אויך פאַנאַנדערגע־

גאָסן דעם פיש־אייל אין פלעשער, וועגנדיק זיי אויף דער וואָג אויף וועלכער מען וועגט די קינדער איידער זיי פאָרן אַרויס אויף דער קאָלאָניע.

— זאָלט איר מיר געזונט זיין — האָט איין מאַמע געטענהט צו אַ צווייטער — פאַראַיאָרן האָט מיין חנהלע אויסגעטרונקען זעקס פלאַשן, האָט זי זיך צעוואָקסן אַ מויד, קיין עין־הרע, קיין בייז אויג זאָל איר ניט שאַדן. זי איז טאַקע געווען דאָס גאַנצע יאָר געזונט, ניט איבערגערעדט זאָל זיין... — אַזוי פאַרטרויט זיך די מאַמע, וואַרטנדיק אין ריי נאָכן פיש־טראָן.

מייסל לייבלס האָט אויך אויסגעפונען, אַז טראָן איז אַ נוציקע זאַך, ס׳איז גוט מיט אים איינצושמירן די שיך, איידער מען לאָזט זיך אַוועק צו טאָפּטשען אין די טיפע שנייען. דער שני צעגייט, אָבער דער טראָן דערלאָזט ניט, אַז דאָס וואַסער זאָל צעווייקן דאָס לעדער...

אין מיטן פון פאַנאַנדערגיסן פיש־טראָן, איז אַריינגעפאַלן אין דער „טאָז״־קאַנצעלאַריע אַ פאַרשוויצט יאַטל. דאָס היטל איז געווען צו גרויס פאַר אים און דער איבערגעבראָכענער ברילאָק איז אים געפאַלן איבער די אויגן.

— תלמוד־תורה באַשפּייזונג! — האָט ער אויסגערופן אין איין אָטעם און דערלאַנגט דאָס צעטל, וואָס דער משגיח האָט אויפגעשריבן.

אייזל האָט גענומען אָפּוועגן צוקער און קעז, און דערביי אַ פרעג געטאָן:

— ברויט האָט מען שוין געבראַכט?

— יאָ...

— עסט פאַרבייגיין יאַסענאָווסקען און הייסן ברענגען די מילך צו דער קאָווע.

— און ווען וועט מען געבן זאַכן? — האָט דער יאַט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אַ פרעג געטאָן.

— מ'עט דיר שוין צו וויסן טאָן — האָט אייזל געזאָגט אין אַזאַ טאָן, אַז דעם יאַטל האָט אָפּגענומען דער חשק צו פרעגן מער...

— דער פּרויען־קאָמיטעט איז נאָך ניט פאַרטיק מיט די העמדער און די שיך פאַר די קינדער — האָט ער אין געדאַנק איבערגעקוקט די אַרבעט פון פרויען־קאָמיטעט — און שוין האָט דער משגיח זיי געלאָזן וויסן, אַז מען וועט געבן זאַכן. — ס'איז שוין צייט אויך — האָט ער ווי פאַרענטפערט דעם יאַטל פאַר זיין פרעגן — דער ווינטער שטעלט זיך און די קינדער גייען אַרום נאַקעט...

* * *

שוין עטלעכע טעג ווי שיימינקע דער קאַניוך האָט אַרומגעשמייעט אויפן פערד־מאַרק, וואָס האָט זיך צעלייגט הינטער די מיעשטשאַנסקע הייזער, האַרט ביי דער ניישטאָטער אַזיערע. ער האָט אַרומגעזוכט אַ ביליק פערד, וואָס זאָל קענען צוויי מאָל אין טאָג דורכמאַכן די פיר קילאָמעטער צו דער קאָלאָניע, און אַרום האַרבסט־צייט, ווען מען וועט עס פאַרקויפן, זאָל עס נאָך אַלץ ווערט זיין די פאַר זלאָטעס.

ענדלעך איז ער געקומען צו לויפן אָנצוזאָגן די גוטע בשורה:

— עס איז דאָ! — וואָרום שיימינקע האָט עס באַטראַכט פאַר אַן ערן־זאַך וואָס מען טרויט אים אָן צו קויפן דאָס פערד. עס האָט אים אויסגעזען ווי ער וואָלט געטאָן אַ זאַך פאַר קהל:

— אַ מאָל דאַרף קהל אָנקומען צום קאַניוך....

— זאָל איך פאַרקרענקען, וואָס איך וועל דערביי פאַרדינען — האָט זיך שיימינקע געשוואוירן.

— מסתמא איז עס די ריכטיקע פאַדלע, מ'קען עס גלייך פירן צו חיים בעבלען אָפּצושינדן — האָט אייזל אָפּגעשאַצט דאָס פערד אונטער די אויגן.

זיי זענען אַוועק צום פערד־מאַרק.

פויערים מיט בייטש־שטעקעלעך האָבן געקלאַפּט אין די כאַליע־ווען, געפירט די אָפּגעפוצטע פערד ביי די ציימלעך, כדי צו וויזן

זייער גלייכן גאַנג, אַריינגעקוקט אין די פאַרגעלטע ציין און געשאַצט די יאָרן פון די פערד. סתם אַזוי, פון פאַרגעניגן וועגן, געוויזן בריהש־קייט. וואָרום אויף אײן קויפער זענען געווען אַרום אַ דריי מבינים, וואָס האָבן געוואַרט אויפן אומזיסטן טרונק בראָנפן.

— אַנוקאַ שיימאַ, קופּי! — האָבן זיי שיימען גוט־בורדעריש, היימישלעך געקלאַפּט אין פּלייצע — נאַ שאַבעס בודיע!

— יעשטשע ניע פּאַדאַך? — איז שיימינקע ניט געבליבן שולדיק דעם פּויער קיין ענטפער — אַבי איך האָב געמיינט אַז דו האָסט שוין לאַנג פאַרטרונקען דאָס געלט פאַר זיין פעל...

— נו, כיטרי זשידאָק — איז דער פּויער געפּלעפּט געוואָרן, ניט ווייסנדיק וואָס צו ענטפערן...

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ פערד. שיימינקע האָט מביניש באַטראַכט די קאָפּיטעס, היימיש געגלעט דאָס פערד איבערן האַלדז.

— סקאָלקאָ? — האָט ער דעם פּויער אַ פרעג געטאָן.

— פּופּציק זלאָטעס!

— דאַווי פּיאַט — האָט אים שיימע אַריינגעקלאַפּט אין דער רעכ־טער האַנט, זאָלסט אַזוי מאָרגן דערלעבן, און אויף גויאיש צוגעגעבן:

— אַ צענערל וועסטו אויך נעמען...

— וו אָ ס ? — האָט זיך דער פּויער גענומען וואָרפן — זאָל איך אַ היים ניט פאַרפאָרן, ווי ניט ביליקער ווי פערציק...

— דאַווי פּיאַט! — ווערט שיימינקע ניט מיד אַריינצוקלאַפּן דעם פּויער אַ פינפטל.

— צאָל געלט — האָט ער אַ וואונק געטאָן איזלען.

איזיק האָט אויסגעצאָלט דריי קנאַקעדיקע צענערלעך און אַהיימגעפירט דאָס פערד.

— פונדעסטוועגן — האָט איזל ביי זיך געטראַכט — ווי די מעשה זאָל ניט זיין, דאַרף מען דאָס פערד ווייזן איטשען, ער האַלט זיך פאַר אַ מומחה...

אַנטקעגן איבער דעם „טאָז" האָט געוואוינט דער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד איטשע הייזנבלאָזן, וואָס איז געווען אי אַ מיליטערישער, אי אַ ציווילער שניידער. און ווי עס פּאַסט פאַר אַ באַלעבאַטישן ייִד, וואָס מישט זיך אין קהלס זאַכן, איז ער געווען גבאי אין קאָזשימער שול און זיך געקליבן צו ווערן פּאַרזיצער ביים סאָציאַליסטישן האַנט־ווערקער־פאַריין.

איינער פון דער פאַרוואַלטונג, האָט ער געפילט ווי אויף אים ליגט אַ חוב אַרויסצוגיין און אָנקוקן דאָס ניי־געקויפטע פערד.

— וואָרום ווער פון זיי, מ׳שטייגס געזאָגט, פאַרשטייט זיך אויף אַ פערד, ד״ר גינזבורג, אָדער ד״ר סעגאַלאָוויטש, אָדער אפשר מישאַר־קע שקאָלניק?...

ער איז אַראָפּגעקראָכן פון שניידערשן טיש, וואו ער האָט געריי־געוועט אַ קליאַפּע. ניט קיין הויכער, איז אויף אים קאַנטיק געווען, אַז זיין ווייב זשאַלעוועט אים ניט קיין עסן, אַזוי אַז זיין בייכל האָט פאַנאַנדערגעשפּרייט די קאַמיזעלקע. מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיטן שניידערשן מעטער איבערן האַלדז, איז ער אַרויס אין דרויסן.

צו ערשט האָט ער דאָס פערד באַטראַכט פון אַלע זייטן, ווי מען באַטראַכט אַ מעבל־שטיק. ער האָט געטאָן אַלץ וואָס מען דאַרף, כדי צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער פאַרשטייט וואָס ער זעט און קוים זוכט ער עפּעס קען ער עס באַשטימט געפינען.

ער האָט אונטערגעהויבן די קאָפּיטעס; אויפגעריסן דאָס מויל און באַטראַכט די ציין; דאַן האָט ער אַ פּיה געטאָן מיט דער האַנט איבערן פערדס אויגן; געקלאַפּט עס איבערן האַלדז; דאָס פערד האָט זיך געלאָזט אַלץ טאָן.

ענדלעך האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג:

— דאָס פערד האָט אַ ליכטיק אויג...

אייזל האָט אַ שמייכל געטאָן, מחמת דאָס פערד איז געווען אַ בלינדע קליאַטשע...

* * *

די גערוימע געביידע מיט די ברייטע פענצטער און דער אָפענער וועראַנדע, וואו מען האָט אין די רעגנדיקע טעג געגעסן, איז געשטאַנען אויף אַן אָפן פעלד, ביים ראַנד פון וואַלד. אין גאַנצן אַ וואָסערע פיר קילאָמעטער פון שטאָט, זענען די קינדער פאַרשלונגען געוואָרן פון וואַלד, פון די נידעריקע יאָלקעס און הויכע, צעוואָקסענע סאָסנעס. זיי זענען מיט אַ מאָל אַריינגעפאַלן אין אַ נייער וועלט, וואָס איז זיי ביז אַהער כמעט פרעמד געווען.

פאַרטאָג, ווען די פייגל האָבן זיך נאָר וואָס גענומען וועקן און אָנגעפילט דעם וואַלד מיט אַ פריילעך צוויטשערן, איז וועלוול „קאָסאָי" אַרומגעקראָכן צווישן די ביימער אויפצוזוכן דאָס פערד, וועלכן ער האָט אויף ביינאַכט אַרויסגעלאָזט זיך פּאַשען.

וועלוול „קאָסאָי", דער אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט, מיט די צוויי שווערע, האַמעטנע הענט. וואָס איז ערשט פאַריקן זומער געווען אַ דרדקי מלמד, האָט זיין באַקאַנטשאַפט מיט פערד געשלאָסן אויף אַ דראַמאַטישן אופן. אַט טאָקע אין איינעם אַזאַ פרימאָרגן האָט דאָס פערדל ניט געהאַט קיין חשק זיך צו לאָזן שפּאַנען. און איידער וועלוול האָט באַמערקט וואָס דער פערד גייט אים דאָ אָפּטאָן, האָט דער פערד אים דערלאַנגט מיטן קאָפּיט אין פנים. פון דעם איז אים איבערגעבליבן אַ טיפער שראַם אונטערן אויג. דערפאַר אָבער האָט ער שנעל באַנומען ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיט אַ פערד,

די פעסער זענען געשטאַנען אויפן וואָגן און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער קאָליע צווישן די קאָרן־פעלדער צו דער ציגל־פאַבריק אין פאָהוליאַנקע נאָך וואָסער.

— קינדער דאַרפן וואָסער, אַ סך וואָסער, מ'קאָן זיי ניט פאַרזאָרגן מיט די פאָר פעסער וואָסער — דאָס איז געווען דער הויפּט־אַרגומענט, ווען לייבל האָט אויסגעלייגט זיין פּלאַן פאַר דער פאַרוואַלטונג, אַז מען מוז פאַר דער קאָלאָניע גראָבן אַ ברונעם.

— פון וואַנען נעמען פויערים, וואָס וואוינען אָרום, וואַסער?, — האָט איטשע געוואָלט וויסן — ווארום ממה־נפשך, האָט ער זיך אַ גלעט געטאָן ביי דער גאָמבע, ווי דאָרטן וואָלט געוואַקסן אַ באָרד — אויב זיי האָבן ניט קיין ברונעמער, איז אַ סימן אַז אין דעם וואַלד איז שווער צו געפינען וואַסער — אויף וואַסער איז איטשע געווען אַ מבין, ער האָט באַקומען פון אַלטן קעסלער אין נדן אַ חלק אין אַ סאָדע־וואַסער־זאַוואָד

— ניינציק קינדער, דאָס איז ניט קיין פויערישע משפחה, מ׳קאָן ניט אויסקומען מיט פעסער, אַז מירן האָבן וואַסער — האָט לייבל ווייטער געצויגן זיין פּלאַן — ווען מיר אין וואַלד קענען איינאָרדענען אַ באָד מיט טושן...

— דער פּלאַן איז זייער אַ געוואַגטער, אָבער איך צווייפל צי ער וועט זיך לאָזן אויספירן — דאָס האָט יוסף „פּאַפּע” גענומען אַ וואָרט — אין אַ גאַנצער שטאָט, וואו עס וואוינען יידן און גויים, איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ באָד מיט טושן, ווילט איר עס מאַכן אין אַ וואַלד גאָר? דאָס איז אוממעגלעך.

פונדעסטוועגן האָט מען זיך אָרום פרילינג געשטעלט גראָבן. דער זאַמדיקער באָדן האָט איינגעשלונגען אין בעטאָן רער נאָך דער צווייטער. צוזאַמען מיט די ברונעם־גרעבער איז לייבל יעדן טאָג געפאָרן אין וואַלד. דער באַרג זאַמד וואַקסט. מען האָלט שוין ביי דער אַכט־און־צוואַנציקסטער רער.

— וועט זיין וואַסער אָדער ניט?

ער האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען. צוזאַמען מיט די נייגע־ריקע פויערים איז ער געשטאַנען ביים בורנעם, געטאַפּט דאָס זאַמד מיט די פינגער, און באַשטעטיקט:

— טרוקן, ניטאָ קיין פייכטקייט...

ביידע — סיי דער ברונעם־גרעבער מיטן רויט־פאַרוואַקסענעם פנים, סיי לייבל, וואָס האָט אין די טעג ניט אויסגעזען מער ווי דער

וויצע־פּרעזעס, נאָר ווי איינער פון די ברונעם־גרעבער, האָבן די האָ־פּענונג ניט אויפגעגעבן.

דער ברונעם איז שוין אַרום פערציק מעטער טיף. אונטן זעט מען מער ניט ווי אַ טונקעלע זאַך, ניט קיין מענטש; ווי אַ שילדקרעט וואַלט זיך בלינדערהייט געגראָבן אין דער זאַמדיקער ערד, און אַנשטאָט אַן אויסגאַנגס־טונעל, גראָבט ער זיך איין טיפער און טיפער, אַרויסוואַרפנדיק צו דער אויבערפלאַך די אויסגעגראָבענע ערד.

דאָס גראָבן גייט צו שווערער. די מאַסע פון אַכט־און־צוואַנציק בעטאָנענע רערן דריקט פון אויבן. אין ברונעם איז ניטאָ מער גענוג לופט. נאָך יעדער אַראָפּגעלאָזטער רער, מוז מען צובינדן נאָך אַ שטיק שטריק, כדי מען זאָל קענען אַרויסציען די עמערס זאַמד.

ביי דער צוויי־און־דרייסיקסטער רער האָט זיך באַוויזן אַ מוטנע פליסיקייט.

— וואַסער!

ווען עס וואָלט פון דער זאַמדיקער ערד אַ פּלייץ געטאָן מיט נאַפט, וואָלט די פרייד ניט געווען אַזוי גרויס, ווי ווען ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע עמער וואַסער.

— ס'איז טאַקע בעסער מיטן אייגענעם וואַסער — האָט ד"ר גינז־בורג צוגעגעבן, ווען ער האָט דערזען די קינדער, פריילעך זיך וואַשן ביים האַנט־פּאָס.

דעמאָלט האָט אַבע קויפמאַן — דער גביר פון שטעטל — אויף אַ פאַמיליע־באַראַטונג אַזוי געזאָגט:

מירן בויען אַ דאַטשע ניט ווייט פון דער קאָלאָניע. אויב ס'איז דאָ וואַסער, קען מען אַרויספאָרן אין דעם וואַלד אויף זומער! — דאָס וואָרט וואַסער האָט ער אויסגעצויגן לאַנג, ווי ער וואָלט קידוש גע־מאַכט. מיטן אויסציען דאָס וואָרט וואַסער — האָט ער געמיינט צו געבן אָנצוהערן זיין איידעם, דעם פּרעזעס פון „טאָז", אַז ער וועט

דאַרפֿן זען צו פֿאַרזאָרגן די דאַטשע מיט גענוג וואַסער — די דאַטשע, וואו אַבעלע קויפֿמאַן מיט זיינע איידעמס און שנורן וועלן אָרויספֿאָרן...

* * *

מיטן פּלאַן פֿון בויען אַ בעקער־אויוון פֿאַר דער קאָלאָניע איז שוין צוגעגאַנגען לייכטער, ווי מיטן גראָבן אַ ברונעם. כאַטש צוריק־געשמועסט: לוינט זיך עס צוליב צוויי חדשים אין יאָר אויסהאַלטן אַ בעקער, אַז סיי ווי פֿאַרט אונדזער פֿור יעדן טאָג אין שטאָט אַריין?

עס לוינט זיך. קינדער דאַרפֿן עסן פֿריש ברויט און בולקעס, און ניט עסן נעכטיקע. דערויף איז עס אַ דאַטשע.

אַז די מוליאַרעס האָבן גענומען לייגן די ערשטע ציגל, האָבן די גבירישע איידעמס פֿון אַבעלעס דאַטשע געזען, אַז מען מיינט עס אויף אָן אמת.

— גיב נאָר אַ קוק, ווי לייבעלע צערייסט זיך דאָס פֿאַר זיינע קבצנים — ביים טאַטן אין דער היים האָבן זיי אויך געגעסן פֿרישע בולקעס יעדן טאָג? — אַזוי האָבן זיי צווישן זיך געשמועסט ביים מיטאָג. נאָר אַבעלע קויפֿמאַן, דער אַלטער קאָפּ פֿון דער משפּחה, האָט סודותפֿול געשוויגן. ביי זיך האָט ער דווקא באַשלאָסן, אַז דער אויוון איז אַ גוטער אויפֿטו, און וועט אים צונוץ קומען.

איטשקע דעם בעקער האָט פֿון דער גאַנצער מעשה הנאה געטאָן:

— אי מען פֿאַרדינט געלט, אי מען פֿראַוועט דאַטשע, אַזוי גוט ווי דער גביר אַבעלע קויפֿמאַן...

שבת אין דער פֿרי איז לייבל משה־סאָרע־כאַשעס געקומען צו פֿאָרן אויף זיין וועלאָסיפּעד, און זיך אַוועקגעלאָזט באַטראַכטן די קאָ־לאָניע. אַזוי איז שוין געווען זיין שטייגער: אויפֿצופּאַסן אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. אין קאָפּ האָבן אים געעגבערט די פּלענער ווי די געביידע צו פֿאַרגרעסערן:

— קינדער קומען צו, און די אָרעמקייט ווערט גרעסער...

— מ'עט מאַכן דושן מיט וואַרעם וואַסער — און שוין האָט ער

אין געדאַנק געזען דאָס בילד פון אַ באָד מיט אַ סך דושן, און קינדער וואָס שטייען אונטער זיי איינגעזייפטע און האָבן הנאה פון פּאַלושקען זיך מיט וואַסער...

— אַז עס איז דאָך אַזוי איינפאַך — אויפן דאָך פון באָד וועט מען אוועקשטעלן אַן אייזערנעם באַק, און די פּאָמפּע וועט דאָס וואַסער אַריינפּאָמפּען אין אים. דורכן טאָג וועט די זון דאָס וואַסער אָנוואַרע־מען, און פאַרנאַכט וועלן זיך די קינדער קענען באָדן מיט וואַרעם וואַסער...

— מען וועט אויך דאַרפן אַרויפציען אַ שאַלקע. צופיל פּלאַץ ווערט פאַרלוירן אויפן בוידעם, סתם אויף גאָרניט.

— דאָס געבעקס איז ניט שלעכט — האָט ער געזאָגט צו איטשקען

— און ווי איז דער אויוון? ער אַרבעט גוט?

און ניט וואַרטנדיק אויף אַ תשובה, האָט ער אויפגעמאַכט דאָס טירל; דער אויוון איז פול געווען מיט טעפּלעך, טשאַרלעס און ס׳האָט זיך געפילט אַ ריח פון געפילטער קישקע.

— וועמענס טשאָלנטן זענען עס?

— אַבעלע קויפמאַנס! — האָט איטשקע ניט דרייסט געענטפערט.

— שוין אַרויסשטעלן אין דרויסן...

ר׳אַבע האָט עס ניט געקאָנט אַריבערטראָגן.

— אַ שיינער פּרעזעס ביסטו מיר — האָט ער געזאָגט מוסר זיין אײדעם — לייבעלע אייזענבוד פראַוועט דאָ אַ סעודה מיט זיינע ליבקע אין סאַמע תשעה־באב, און שבת הייסט ער אונדזערע טשאָלנטן אַרויס־וואַרפן; און וואו ביסטו?

ד״ר גינזבורג האָט אַראָפּגעשלונגען דעם פאַרוואורף און זיך אוועקגעלאָזט צו דער קאָלאָניע מיטן געדאַנק צו באַווייזן זיין גאַנצער משפחה, אַז ער איז דאָס דער פּרעזעס.

— פאַניע אייזענבוד, כ׳מיין, וואָס שאָדט עס אַז עס שטייען אַ פּאָר טעפּלעך אין אויוון? — האָט ער זיך איינגעשטעלט פאַרן שווערס

טשאָלנטן — אָט נעמט איר זיך דאָ צוזאַמען תשעה־באב, עסט און טרינקט, שטערט איך דען ווער?

— די וואָס נעמען זיך דאָ צוזאַמען תשעה־באב אויף אַ גלעזל קאַווע, זענען קודם „טאַז״ און שול־טוער; צווייטנס, באַצאָלן מיר טאַקע דערפאַר. אַבעלע קען זיך אַליין פאַרגינען אויפצושטעלן אַן אויוון, אויב ער מוז דווקא עסן טשאָלנט. אַז מען וויל טאָן אַ מצווה, דאַרף עס ניט זיין אויפן חשבון פון „טאַז״. איר זענט דאָך אונדזער דאָקטער — דאָס האָט איר געדאַרפט הייסן אַרויסוואַרפן די טשאָלנטן און ניט איך! זאָל זיך אים דוכטן אַז ער האָט פאַרשפילט אַ פּאָר זלאָטעס אין פּאָקער...

ר׳ אבע קויפמאַן האָט געפאָלגט די עצה — אַ ברירה האָט ער געהאַט — און געלאָזן אויסבויען אַן אויוון, כדי צו קענען עסן הייסן טשאָלנט.

* * *

דער זאַמדיקער שליאַך, דורכגעשניטן מיט קאָליעס פון פויערישע וועגן האָט זיך געצויגן פון שטאָט אַרויס אויף מיילן. ביי די זייטן פון שליאַך זענען געוואַקסן הונדערט־יעריקע טאָפּאָלעס, וואָס האָבן ווי גע־טרייע וועכטער אָפּגעהיט דעם וועג.

דער ווינט האָט געוויגט פולע, צייטיקע קאָרן און די פעלדער האָבן זיך געכוואַליעט ווי אַ צעגאָסענער, גרין־גאָלדענער ים.

— עפּעס קען מען דאָך דאָ אויפמאַכן אַ מויל, און שעפּן לופט!

— אַזוי האָט געזאָגט כאַמסקי דער שוסטער, ווען ער איז געווען שוין אַרויס העלפט וועג צום וואַלד, וואו עס געפינט זיך די קאָלאָניע. הינטער אים איז געגאַנגען זיין בני־בית, און מיטגעטראָגן פּעקלעך עסן. אויף דער קאָלאָניע האָט זיך געפונען זיין זון, וועלכן ער איז איין מאָל אין וואָך געגאַנגען זען. מיט אים האָט זיך מיטגעכאַפּט מאיר דער שניידער:

— קיין קינדער אויף דאַטשע האָב איך נאָך ניט — האָט זיך פאַרענטפערט מאיר, וואָס האָט סתם, פון בלויז פאַרגעניגן וועגן זיך אַוועקגעלאָזט צום וואַלד. — נאָר כאַפּן אַ דרימל אויפן ווייכן מאָך אין וואַלד איז ווערט אַ פאַרמעגן. וואָסי, די טייערע לופט וואָס איך האָב ביי מושקע דער געלער אויפן הויף?!

די באַרוועסע יאַטלעך האָבן זיך צעלאָזן איבערן וועג און זיך געיאָגט נאָך פייגעלעך.

— אין דיינע צייטן, כאַמסקי, האָט מען אויך געשיקט קינדער אויף דאַטשע?

— מילא, די גבירים זענען טאַקע געפאָרן קיין דרוזקעניק, און מיר זענען געלעגן ביים טאָפּ, וואו עס האָבן זיך געווייקט די פאַדעשוועס.

— פון אַזאַ שפּאַציר קריגט מען אַפּעטיט — האָט געזאָגט מאיר דער שניידער, וואָס כאָטש ער איז געוועזן אַ הויכער, דאַרער יונגער־מאַן און האָט ליב געהאַט אַ קיי, איז עס תמיד געבליבן אַ רעטעניש, וואו ער לייגט עס אַריין.

— מיט דיין אַפּעטיט — האָט כאַמסקי געזאָגט — איז דיר בעסער צו קליידן, ווי צו געבן עסן...

— ס'איז ניט אַזוי ווי מען זאָגט — האָט זיך מאיר פאַרענטפערט — איך בין געקומען פון טריאַטער — האָט ער גענומען דערציילן, האַלטנדיק טראָט מיט כאַמסקין — ס'איז פרייטיקצונאַכט. דאָס ווייב שלאָפט, די קינדער שלאָפן. אין שטוב שמעקט מיט פריש געבעקס, מיט צימערינג. נו מילא, וועל איך אָפּברעכן אַ שטיקל באַבקע, טראַכט איך מיר, וואָס איז? רוך איך אַריין די האַנט אונטערן טישטעכל וואָס פאַרדעקט די באַבקע און קנייפּ אָפּ אַ פיצל. ס'איז ניט שלעכט. טו איך נאָך אַ קנייפּ. ווילט זיך מיר נאָך אַ שטיקל, טאַקע ניט מער ווי אַ קליין ברעקל. רוק איך אַריין די האַנט — נישטאָ די באַבקע. איך קוק אַהין, איך זוך אַהער — ניטאָ. נו מילא, פאַרפאַלן. ווערט מען

פאַרזוכן אַ זעמעלע, טייערע זעמעלעך, מיט צוקער, מיט צימערינג — אַז זיי בעטן זיך מען זאָל פאַרזוכן — נו, האָב איך פאַרזוכט און זיך געלייגט שלאָפן.

אין סאַמע מיטן געשמאַקן שלאָף, פיל איך, עפּעס מען רייסט מיר, מען צופּט מיך, איך מאַך אויף די אויגן, ערשט מיין באַשקע שטייט איבער מיר מיט פאַרוויינטע אויגן:

— וואו ביסטו געווען, מען האָט דאָך אונדז באַגנבעט. ס'איז ניטאָ די באַבקע און אַ בלעך מיט זעמעלעך, אַ בראָך צו מיר, וואָס וועל איך געבן די קינדער צו דער ציקאַריע?

— אַ גנבה, זאָג איך, ס'קען ניט זיין. ערשט ביינאַכט האָב איך אַליין פאַרזוכט אַ שטיקל באַבקע, אַ זעמעלע...

— דיין אַפּעטיט אויף מיין משהן געזאָגט געוואָרן — דאָס ווינטשט זיך כאַמסקי, אַז זיין זון, דער שוואַכער עסער, זאָל קענען אויפעסן אַלץ וואָס מען גיט אים דאָרט.

אין מיטן פלאַץ, פאַר דער קאָלאָניע איז געלעגן אַ באַרג מיט אָנגעוואָרפענע, טרוקענע צווייגן.

— מאָרגן פאָרן שוין די קינדער אַהיים — האָט כאַמסקי דערציילט מאירן — און היינט ביינאַכט מאַכן זיי אַ קאַסטיאָר, דאָס זעגענען זיי זיך מיטן וואַלד. — דאָס האָט ער געוואוסט פון דערפאַרונג, ווייל זיין משה פאָרט כמעט יעדן יאָר אַרויס;

— די קהילה קען באַצאָלן — דאָס האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז פון זיין שוסטעריי קען מען נאָך קיין קינדער אויף דאַטשע ניט שיקן.

פאַרנאַכט, נאָך דער מילך מיט בולקע, האָבן די יאַטלעך פון וואַלד אַרויסגעבראַכט צו שלעפּן טרוקענע, פאַרברווינטע קוסטעס, וואָס אַז זיי ברענען, שיסן זיי ווי פייער־ווערק.

— טרוקענע האָליאַ — האָט כאַמסקי מעשה עקספּערט דערקלערט מאירן.

אַרום דעם שייטער האָבן זיך פאַרזאַמלט די עלטערן, די פאַרוואַל־

טונג פון „טאָז", די דאָקטוירים. איטשע טשאַרנע, דער פאַרוואַלטער פון קאָלאָניע, האָט געגעבן דעם צייכן:

— מ'קען שוין!

דעמאָלט האָט אַ יאַטל, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט ביים קלייבן טרוקענע צווייגן און צוגרייטן דעם „קאָסטיאָר", אונטערגעלייגט אַ שוועבעלע אונטערן טרוקענעם האַליאַ. דאָס פייער האָט עס אַ לעק געטאָן, און מיט אַ צישען און קנאַקן אַרומגעכאַפּט דעם סטויג צווייגן, ביימעלעך און טרוקענע שטיקער האָלץ.

די קינדער מיט די לערער האָבן געזונגען אַ ליד ביים פייער, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט פון קינדער־זשורנאַל, וועלכן דער „טאָז" האָט אַרויסגעגעבן „זיי געזונט":

גייען, גייען מיר שפּאַצירן,
און די ווינטן וואָיען אויפן פעלד,
און דער פרילינג עפנט זיינע טירן,
און דער פלינקער וועווריק פוצט זיין עק...

— זיי געזעגענען זיך מיט דער קאָלאָניע — האָבן די דאָקטוירים ליאַלע סעגאַלאָוויטש און יאַנקל גינזבורג גערעדט צווישן זיך.

— ביז איבער אַ יאָר, מען זאָל געזונט זיין — האָבן זיך די עלטערן געוואונטשן.

אויפן נאַכטיקן הימל האָבן זיך צעפינקלט די שטערן. ביים שיין פון פלאַם האָבן די פנימער אויסגעזען ווי קופּערנע און אַ צופעליקער פאַרבייגייער האָט געקענט מיינען, אַז אַ געהיימע סעקטע פראַוועט עפּעס אַ שמחה ביים פייער.

— מיט דעם חודש פרייד וועלן זיי דאַרפן דורכהאַלטן אַ גאַנץ יאָר — האָט געטראַכט לייבל, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז במשך פון יאָר וועט דער „טאָז" זיי אויך ניט פאַרגעסן...

די יידישע שול

אויף די פּאַליצעס, וואו עס זענען געשטאַנען די בייכיקע סלאָיען באַקלעפּט מיט עטיקעטן אין אַ פרעמדער, אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך — אַט די סלאָיען מיט די גרויסע, הילצערנע פּראָפּנס פון וועלכע כאַנקע מיט וועלוול שיין פלעגן מישן די רעצעפּטן, זיי זענען פאַרשוואונדן. אויף די פּאַליצעס זענען אַצינד געלעגן העפטן מיט שול־אַרבעטן, שטעקעלעך קרייד צו שרייבן אויף די שוואַרצע שול־טאָוולען און די קלאַסן־ביכער, וואו דער לערער האָט יעדן טאָג אַריינגעשריבן ווער ס'איז געקומען, ווער ס'פעלט און וואָס מען לערנט אַלץ.

אַנשטאָט דער אַפּטייק איז דאָס צימער געוועזן די קאַנצעלאַריע פון דער יידישער שול, וועלכע מ'האָט גערופן פראָסט פשוט: פאָלקס־שולע.

אויפן ווייסן בופעט — פון אים האָט נאָך אַלץ געשמעקט מיט רפואות — מיט די פיל שופלאָדן און גלעזערנע טירן וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט, איז געוועזן אַ שילד: שול־קאָאָפּעראַטיוו.

אויף איין וואַנט העגנען לאַנד־קאַרטעס פון דער וועלט, וואו ס'איז אויף פראָסט יידיש אויפגעשריבן: די האַלב־קוילן פון דער ערד. די וועלט־טיילן, געמאָלן אין בראַנז, וואָס טייל מאָל פאַלן זיי אַריין אין קופער — דאָס זענען די בערג — נידעריקע און הויכע. די גרין־געלע פלעקן דאָ און דאָרט — דאָס זענען די טאָלן וואו די מענטשן וואוינען. די דינע, שוואַרצע ליניעס — דאָס זענען אַי איזנבאַנען, אַי טייכן. און די ליניעס, וואָס פלעכטן אַרום די ערד, אַט אַזוי ווי מען דראָטעוועט איין אַ געפּלאַצטן ליימענעם טאָפּ — הייסן פּאַראַלעלן און מערידיאַנען. די ליניע וואָס צעשניידט די ערד פונקט אין מיטן — דאָס איז דער

עקוואַדאָר אַזוי זאָגט דער לערער. די גאַנצע ערד איז אַרומגענומען מיט טיף־בלאָער קאָליר, וואָס זעט אויס כמעט ווי דער הימל, דאָס מיינט וואַסער. די ימען און אָקעאַנען אויף וועלכע עס שווימען גרויסע שיפן, אַזוי ווי הייזער.

קיינער פון די קינדער, וואָס זיצן הינטער די „סקאַמייקעס" (אַזוי האָט מען די שול־בענק גערופן) האָבן נאָך ניט געזען קיין ים און ניט קיין שיפן. אפילו ניט קיין באַן. אַ חוץ מיכעלע „לאַפּוטי" וואָס איז שוין געווען אַזש אין אַרגענטינע. זיין טאַטע האָט אַרומגעפירט די פאַמיליע איבער דער גאַנצער וועלט. געווען אין אורוגווײַ, בראַזיליע. אומעטום האָט ער געזוכט איין זאַך — יושר.

— נאָר אַז עס איז ניטאָ קיין יושר אין דער וועלט — אַזוי האָט געזאָגט טאָדרעס, מינאַרקעס איידעם — קען איך באַשטיין צו זיין אַ קבצן אין ניעסוויזש.

האָט מען אים טאַקע אַזוי גערופן: טאָדרעס יושר... און זיין זון, וואָס איז געווען די גרויס פון אַ ליליפּוט: מיכעלע לאַפּוטי. אָבער מיט דער באַן איז ער געפאָרן. אפילו מיט אַ שיף. און ער ווייס צו דער־ציילן אַז דאָס ים־וואַסער איז ביטער און געזאַלצן — ס'קערט אַזש די גרינע גאַל. אַז דער לערער האָט געפירט מיטן שטעקעלע איבער דער מאַפּע און דערציילט פון דער גרויסער וועלט, איז מיכעלע „לאַפּוטי" אויסגעוואַקסן צו אַ ריז, צו וועלכן די קינדער האָבן אַרויפגעקוקט.

— אַ קלייניקייט, פאָרן מיט אַ שיף מיט דריי קומענס!

קעגנאיבער, אויף אַ לאַנגן בויגן פּאַפּיר איז אויפגעמאָלט אַ מענטש, אָבער גאָר אַ נאַקעטער. אַפילו קיין הויט איז אויף אים ניטאָ. בלויז ביינער, מוסקולן, געדערים און פון די אַלע גלידער ציען זיך שטריכן ווי פעדים צו די ווערטער, דאָס באַצייכענען זיי יעדן אבר מיט אַ נאָמען. די דאָזיקע נעמען ציען זיך אין צווי גלייכע קאָלומנעס ביי די זייטן פון מענטש.

נייגעריקע האָבן זיך די יאַטלעך צוגעקוקט צו דעם מאָדנעם

מענטש וואָס אַזעלכן האָבן זיי נאָך קיינמאָל ניט געזען. אפילו ניט אין מרחק, וואו זיי זענען אויף פסח געגאַנגען מיט די טאַטעס. די אָדערן, דורך וועלכע עס פליסט דאָס בלוט, האָבן צוויי קאָלירן: רויט און בלוי.

— האָסט שוין געזען בלוי בלוט? — דאָס וויל רווע דעם קאָמי־נאַרס וויסן ביי איטשע מרדכי־דודס.

— אַכיבע ביי אַ פיש... האָט איטשע געקוועטשט מיט די פּליי־צעס.

— ניין — האָט שיינע לעמעש זיך אַריינגעמישט — כ'האָב אַליין געזען ווי אַ קאַרעסל האָט רויט בלוט.

— אָבער דער לויתן! — האָט איטשע ניט געוואָלט נאָכגעבן, וואָרעם וואָס קען אַ מיידל וויסן וועגן לויתן.

— אַז איר וועט עלטער ווערן — האָט דער לערער געזאָגט — וועט מען לויט דעם בילד לערנען אַנאַטאָמיע.

וואָס אַזוינס עס איז אַנאַטאָמיע, דאָס האָבן די יאַטלעך ניט גע־וואוסט. דער נאָמען איז זיי געפעלן און ס'איז ביי זיי אויסגעקומען:

— דאָס מוז זיין ביז גאָר אַ טשעקאַווע זאַך!

נאָר דערווייל זענען זיי געווען אין פערטן קלאַס...

* * *

אין איין זייט הויף האָבן די מיידלעך אויסגעקריצט אין דער האַרטער ערד פיר־עקיקע פענצטער און זיי צעשניטן אין גלייכע קוואַד־ראַטן. דאָס האָט ביי זיי געהייסן - קלאַסן. געשפּילט אין קלאַסן האָבן זיי מיט אַ גלאַטער „פּאַליווע" — אַן אָפּגעבראָכן שערבל פון אַ טעלער.

— סאָפּיק! — האָט עטל די געלע אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, ווען ראָזע מיטשיקס איז אַרויפגעטראָטן אויף דער ליניע פון קוואַדראַט. ראָזע איז אַרויס פון שפּיל און עטל האָט גענומען שפּרינגען איבער די קלאַסן אויף אירע קורצע פיסלעך.

— עטל, מיר האָבן זיך אויסגערעדט: איין שפּרונג, איין שאָר, איין מאָל טשור...

— אויסגערעדט אין אויסגערעדט...

— דו ביסט צוויי מאָל געשפּרונגען!

— ס'איז אַ ליגן!

— גיי, דו דרייסט — איז ראַזע בייז געוואָרן...

די יאַטלעך האָבן געשפּילט אין „טאַטשקע". די טאַטשקע — דאָס איז אַ באַלעם צוזאַמענגעוויקלט פון שמאָלע פּאַסן שטאָף — קרייקע — אַט די פּאַרענדיקטע ברעגן פון שטאָף־געוועב וועלכע שניידערס קענען ניט נוצן און שניידן עס אַוועק. אין אַ ברייטן פּירעק, אָנגעצייכנט אין די עקן מיט שטיקלעך ציגל, שטייען פיר יאַטלעך. דער פינפטער לויפט אַרום אין מיטן און דאַרף אויסמיידן די טאַטשקע, וועלכע מען וואַרפט אין אים.

מיט אַ מאָל האָט זיך דאָס גלעקל צעקלונגען.

די חברטע שאָשע, וואָס איז דאָ איבערגעבליבן צוזאַמען מיט די שענק און פּאָליצעס פון אַפּטייק, האָט אַצינד גענומען אויף זיך אַכטונג צו געבן אויף דער שול, ווייל זי איז ווייטער געבליבן וואוינען אין דער אַלטער דירה.

די קינדער האָבן איבערגעריסן דאָס שפּילן און מיט פריילעכן געפילדער אַריין אין די קלאַסן.

דער לערער פון נאַטור־וויסנשאַפט, עקיבא באַקשט, האָט באַטראַכט די קינדער, וואָס זענען אין דערוואַרטונג געזעסן אויף די שול־בענק. ער קוקט אַרויס דורכן פענצטער, און פירט דאַן מיטן פאַרשנדיקן בליק איבערן קלאַס. ווי דער קלאַס, און יענער זייט פענצטער וואָלטן געהאַט עפּעס אַ שייכות צווישן זיך, נאָר דערווייל ווייס עס קיינער ניט, נאָר ער, דער לערער. די קינדער האָבן פאַר־שטאַנען דעם לערער. זיי האָבן אויך ליב געהאַט דעם דרויסן, די פרייע נאַטור.

— קינדער — אַזוי זאָגט דער לערער — מירן היינט מאַכן אַ שפּאַציר צו די פעלדער. עס איז פרילינג. פון דעם צעגאַנגענעם

שניי האָבן זיך געשאַפן פלאַכע סאַזשעלקעס אין די נידעריקע ערטער. דאָרט לייגט דער פראָש זיינע רויגן. מירן עס צוזאַמען נעמען אין אַ סלאָי און וועלן זען ווי פון אַ שוואַרץ פינטעלע וואַקסט אויס אַ קאָפּעקל, וואָס שווימט ווי אַ פישל — דאַן באַקומט עס פיסלעך און עס גערדויערט נאָך אַ סך טעג ביז דאָס פּראָשל פאַרלירט זיין עק, כאָטש ער קען שוין שפּרינגען... — גייען מיר.

די יאַטלעך, וואָס קענען די שפּרינגענדיקע זשאַבעס פון דער לאַנקע אָדער פון די הויכע גראָזן פון „האַלבער"-פּאַלוואַרק, און וויסן אַז עס איז גוט צו פילן זייער פייכטע קילקייט אין אַ הייסן זומער-טאָג, ווען מען האַלט אַזאַ זשאַבע אין די הענט — זיי זענען טשעקאַווע צו וויסן:

— טאַקע, ווי אַזוי ווערט אַ זשאַבע?

זיי האָבן שוין אין איין וועג געוואָלט וויסן:

— צי קען אַ זשאַבע שעלטן?

זיי האָבן באַמערקט, אַז ווען אַ פראָש זיצט אויף די הינטערשטע פיס אונטערגעשפּאַרט מיט די קורצע, פאָדערשטע פיסלעך, באַווייזט זיך איר ווייסער בויך. די דינע הייטל צווישן מויל און בויך באַוועגט זיך דאַן, ווי זי וואָלט גערעדט, ניט אויפמאַכנדיק דאָס מויל.

— דאָס שעלט די זשאַבע! — אַזוי האָבן געזאָגט די עלטערן.

ביי זיך אָבער, זענען די יאַטלעך גאָר ניט געווען איבערצייגט אין דעם וואָרעם וויפיל זשאַבעס האָבן זיי שוין געפּאַלמעסט און ס'האָט זיי נאָך גאָרניט פּאַסירט.

— קען טאַקע אַ זשאַבע שעלטן, אָט אַזוי ווי ליבע כעמעס, ווען מען גיט איר אַ צו קליינע נדבה?

נאָר פרעגן דעם לערער האָבן זיי זיך פונדעסטוועגן געשעמט...

דער לערער באַקשט, אַ קיילעכדיק, גוטמוטיק פּנים, בלאָנדע האָר און אַ פּאָר ברילן איינגעראַמט אין גראָבע ראַמען פון האָרן-ביין. זיי האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַן אינטעליגענט. דאָס

איז געווען אין דיסהאַרמאָניע מיט זיין גאַנצן וועזן, פון וועלכער עס האָט געשפּראָצט מיט רויער, דאָרפישער געזונטקייט. אָפּשטאַמיק פון שטעטל איוויע, ביי נאָוואָגרודעק, מיטן שיינעם יידישן נאָמען עקיבא, האָט ער מיט זיין אויסזען ווייניק דערמאָנט אַ ייד. קוים איז ער אַרויס מיט די קינדער פון די ענגע שול־ווענט אויף דער פרייער, גרינער לאָנקע, איז ער ניט געווען מער דער שטרענגער לערער, נאָר דער גוטער, עלטערער חבר.

אַ חוץ וואָס ער האָט האָלט געהאַט די נאַטור, האָט ער אויך גע־האַלטן, אַז אַ לאַנגער מאַרש איז גוט פאַר די מוסקולן. באַקשט האָט דעריבער אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו קענען אָוועקשפּאַנען צו זיין היים־שטאָט איוויע, אַ מהלך פון וואָסערע ניינציק וויאָרסט. אַזאַ שפּאַציר איז פאַר אים געווען אַ נאַכט־שפּאַציר, ביי וועלכן מען פאַר־שטויבט אפילו ניט די שיך.

אַ סקעפּטיקער קען אפילו געפינען אַ געוויסע פאַרבינדונג צווישן זיין מאַרשירן צופוס מיטן פעלן פון מזומן, נאָר סיי ווי — ער האָט געקענט מאַרשירן ניט ערגער ווי אַן אויסגעדינטער זעלנער. און ווייל דער גורל האָט אויף די פּלייצעס פון אַ פאָלקס־שול־לערער אַרויפ־געלייגט אַ סך מער פליכטן ווי עס האָבן געפאָדערט זיינע אַמטלעכע קוואַליפיקאַציעס, האָט באַקשט אויך מיטגעשפּילט אין טעאַטער. ער איז געוואָרן דער הויפּט־העלד אין בערקאָוויטשעס דראַמע: „מאַשקעלע חזיר"...

— דאָרטן איז עס — האָט רוווע דעם קאָמינאַרס אָנגעוויזן אויף אַ פּאַסיקל זילבער, וואָס האָט געפינקלט אויפן האָריזאָנט.

— איז היידאַ, געגאַנגען — האָט דער לערער באַקשט אַ שפּאַן געטאָן שנעלער, און דער קלאַס נאָך אים.

* * *

דאָס שטעטעלע גאָראָדייע איז געלעגן צוגעטוליעט צו דער אייזנ־באַן, וואָס ליגט אויפן וועג וואַרשע־מאָסקווע.

אַט ווי אַ בוים, אַז מען פאַרזעצט אים, איז ער ניט מער ווי אַ דין ריטל וואָס האַלט זיך קוים אַנטקעגן ווינט. נאָר וואָס אַ יאָר גייט פאַרביי, ציט די נאַטור אַרויף אויפן בײמל אַ שיכט, אַרום זיין שטאַם נעמען וואַקסן מאַך און שוואָמען; אין זיינע צווייגן פאַרקלייבן זיך פויגל. מיט דער צייט ווערט פון דינעם, אומבאַהאָלפענעם ריטל אַ בוים — אַ קעגנשטאַנד וואָס פאַרנעמט זיין אָרט אין דער נאַטור, און וועלכער ווערט דער צענטער פון אַ לעבן וואָס קומט אויף.

דאָס אייגענע האָט פּאַסירט מיט די דינע, שטאָלענע שינעס, וואָס מען האָט דורכגעלייגט איבער אַ פעלד, און איבער וועלכע עס איז מיט אַ פייף צוויי מאָל אין טאָג דורכגעלאָפן אַ צוג. אַרום די שינעס זענען אויסגעוואַקסן שפּייכלערס, הייזער; ביז אויף די קרומע בערגלעך זענען אויסגעוואַקסן געסלעך, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך דעם נאָמען גאַראַדייע. דאָס שטעטל האָט פאַרבונדן די געגנט מיט דער גרויסער וועלט.

דער לערער קאַוועו — האָט די שול-פאַרוואַלטונג באַשלאָסן — וועט דאַרפן אַריבערפאָרן קיין גאַראַדייע האַלטן אַ רעפעראַט. ער האָט אַ שם פון אַ גוטן רעדנער, און ס'וועט זיין צושטייער פאַרן שול-בודזשעט.

אַזאַ איז ער געווען דער שול-בודזשעט — אַ מאָגערער, תמיד אַ הונגעריקער.

צומאָרגנס האָט איטשע טשאַרנע זיך געזען מיט נתן בורילעס, דעם באַלעגאָלע און געדונגען אַ פורל, וואָס וועט דעם לערער קאַוועו און די דריי פאַרוואַלטונגס-מיטגלידער צופירן קיין גאַראַדייע.

אויפן דראָבניאַסטן, פויערישן וואָגן, אויסגעבעט מיט צוויי זעק אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי, האָבן זיך אויסגעזעצט אידל מרדכי-דודס, איטשע טשאַרנע, ירחמיאל פּאַוועו און דער לערער קאַוועו. פאָרנט, אין געפלאָכטענעם קאָשיק איז געזעסן סטאַש דער שמייסער, ווען נתן בורילעס האָט אָנפאַרטרויט די יאַזדע.

דער זאַל וואָס האָט געדינט פאַר טעאַטער־פאָרשטעלונגען און פאַרלעזונגען, איז געווען אַ געוויינלעכע הילצערנע שטאַל, וואָס די פייערלעשער האָבן גענוצט צו האַלטן זייערע כלים; די פעסלעך פאַרן וואַסער און די קישקעס מיט די נאַסאָסן. דער זאַל האָט דעריבער געהייסן: פאָזשאַרנער סאַריי. דער פאָרהאַנג (ווייל אַ טעאַטער דאַרף אויך האָבן אַ פאָרהאַנג) איז באַשטאַנען פון צונויפגענייטע צוקער־זעק, אין וועלכע עס זענען געווען אַנגעבונדן שווערע שטיינער, און זיי האָבן עס אַראָפּגעצויגן דעם פאָרהאַנג צו דער ערד.

ווען דער רעדנער מיט זיינע באַגלייטער זענען אָנגעקומען, איז דער סאַריי שוין געווען גרייט פאַר דער פאָרשטעלונג. די פייערלע־שער־כלים זענען געשטאַנען אין דרויסן. דער עולם האָט אָנגעפילט דעם זאַל און מיט פאַרדאַכט געקוקט צום דאַך, כאָטש אין דרויסן איז געווען אַ פרעסטל, און מ'האָט ניט גענאַרפט מורא האָבן פאַר אַ רעגן.

דער לערער קאַווע רעדט. זיין שטימע — אַ ווייכע, מעלאָדישע, וואָס וויגט איין, און ניט ווילנדיק נעמט דער געדאַנק נאָכגיין זיין וואָרט ווי אַ בלאָנדזשענדיקער נאָך אַ פייערל, וואָס לאָקט אים אין דער נאַכט. ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז די צוהערער זענען איין פאַרגליווערטע מאַסע פון בלויז אויערן, דערציילט קאַווע אַ וויץ און עס צעלאַכט זיך הילכיק דער עולם מיט צענדליקער אינדיווידועלע שטימען. מען פילט ניט די קעלט, וואָס דרינגט אַדורך די דינע, הילצערנע ווענט. אויך קאַווע האָט זיך פאַנאַנדערגעוואַרעמט, כאָטש עס איז ניט געווען קיין וואַל־מיטינג. ס'איז שוין געלעגן אין קאַוועס נאַטור — האָט ער זיך נאָר דערהויבן אַ שטאָפּל העכער איבער דער צוהערער־מאַסע און מיטן בליק אַ שפּאַציר געטאָן איבער זייערע קעפּ — האָט עס אין אים אַ בליץ געטאָן און אַ פאַרבאָרגן פייערל האָט זיך אָנגעצונדן. ער האָט זיך אַליין היפּנאָטיזירט און אַריבער אין אַן אַנדער וועלט. די צונג האָט אַרויסגעוואָרפן ווערטער, פראַזן, געדאַנקען מיט אַזאַ געניט־

קייט, ווי אַ קונצנמאַכער ציט זיידענע, קאָלירטע סטענגעס פון אַ קאַפּעלוש. עס איז פּאַר אים געווען אַ באַפרידיקונג צו קענען פאַר־כאַפּן דעם צוהערער און אָנוועקפירן אים אויפן שליאַך פון זיינע גע־דאַנקען.

אָט איז ער אַנומלט געשטאַנען אויף דער בימה פון דער קאַלטער שול: די שול אַליין, אַ הויכע מיט געוועלבטע סופיטן, וואו אין מיטן איז אָנגעמאָלט א לוויתן מיט בלויע שיפּן און ער האַלט דעם עק אין מויל. פון מיטן לוויתן ציט זיך אַ שווערע קייט מיט אַ גלעזערנעם הענגלייכטער. די בימה אַליין איז אויסגעפלאָכטן מיט קאָלירטע שטאַכעטן. אויף פיר זיילן רוט דער דאַך ווי אַ באַלדאַכין. אויפן שפּיץ דאַך שטייט די מאַיעסטעטישע געשטאַלט פון אַ בושל אויף די לאַנגע, רויטע פיס. דער בושל, אויסגעשניצט פון פיינעם האָלץ און באַמאָלן מיט נאַטור־קאָלירן זעט אויס ווי אַ לעבעדיקער. אין שנאָבל האַלט ער אַ גרויס, קיילעכדיקן קוכן וואָס אישיע בירגשטיין האָט אויסגעבאַקן. יעדעס יאָר, צום בודק חמץ זיין, נעמט מען אים אַראָפּ. דעמאָלט דערזעט מען אַז ער האָט פיל לעכעלעך, וואָס די פייגעלעך האָבן אויסגעפּיקט איידער ער איז פאַרטריקנט געוואָרן. הינטערן נר־תמיד שטייט די חופּה, אַ צונויפגעלייגטע.

כאָטש אין דרויסן איז הייס, איז אין שול מחיהדיק קיל. קאַווע פילט די קילקייט פון שול, ער באַמערקט די באַפּוצונגען, די מאָלע־רייען. אפילו די חופה. דעמאָלט דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז נאָך אַ בחור... נאָר אָט דערמאָנט ער זיך אַז ער דאַרף דאָ רעדן צו אַן עדה יידן, ווייל עס גייט צו קהילה־וואַלן, און די ליסטע נומער 4 — פון דער יידישער שול — וויל אַריינפירן אירע פאַרטרעטער אין דער קהילה. אַזאַ איז די לאָזונג: די קהילה — די זעלבסטפאַרוואַלטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג און ניט קיין גבאים־שטיבל.

קאַווע שטייט אויף דער בימה און מיט זיין געשליפענער צונג צעלייגט ער אויף טעלערלעך די פרנסים. ער טוט זיי אויס ממש

פון די בכבודיקע מלבושים אין וועלכע זיי האָבן זיך אַליין אויסגע־צירט. נאָכהער נעמט ער זיך צו זייערע שמשים און אונטערפירער. און אַלע דערשיינען זיי אַזוי נעבעכדיק, קליין — כאָטש יידן־תקיפים. ער צעוואָרעמט דעם עולם און צעוואָרעמט זיך אַליין.

אויף די ברעטער פון גאַראַדייער סאַריי האָט ער קאָמענטירט: „וואָס האָט געזאָגט ביאַליק". יעדער זאַץ וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, איז פאַר אים געווען אַ שטאָפל אין אַ נייער וועלט, פון וואַנען ער האָט געשעפט זיין קראַפט צום רעדן...

דער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. אין דרויסן איז געבליבן שטיין דער רעדנער און זיינע באַגלייטער. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט נאָך דער פור, וואָס האָט זיי אַהער געבראַכט, און וואָס האָט זיי אויך געדאַרפט אַהיימפירן. די פור האָט מען ניט געזען. עס איז געוואָרן קאַלט. די פולע לבנה האָט באַלויכטן דעם ישוב, וואָס איז פאַרזונקען אין שלאָף.

— וואָס וועט זיין — איז קאַווע געוואָרן אומרואיק — ווי וועלן מיר אַהיימפאָרן? דאָ קען מען דאָך פאַרפרוירן ווערן.

— גיין קלאַפּן צו יונה מישאַלאָוון — האָט איטשע געהאַלטן מיט זיך אַ ישוב־הדעת — ער איז טאַקע אַ גוטער חבר, אָבער ס'איז גלאַט ניט שיין צו דערציילן, אַז עמיצער האָט אונדז אָפּגעטאָן און דאָס פורל אַהיימגעשיקט. אוודאי עמיצער פון די קעגנער, וואָס האָבן אונדז ניט פאַרגונען דעם דערפאָלג...

— מיין עצה — זאָגט אידל, וואָס איז ניט לאַנג צוריקגעקומען פון מיליטער — מיין עצה איז: די נאַכט איז אַ פראַסטיקע, דער הימל — אויסגעשטערנט, ס'איז ליכטיק, טאָ וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס דורכצומאַרשירן די פערצן קילאָמעטער ביז אַהיים?

— ס'איז אַ פּלאַן — האָט זיך איטשע אָנגעכאַפּט. נאָר דער לערער קאַווע איז אומצופרידן פון אַזאַ לייזונג.

אַזאַ איז ער געווען, דער לערער קאַווע: אַ בית־מדרש בחור,

וואָס האָט יאָרן לאַנג אין זיין שטענדער געהאַט פאַרבאָרגן ביכער, פון וועלכע ער האָט געשעפּט וועלטלעכן וויסן. אין איין פרימאָרגן, אַז ער האָט אין זיך דערפילט דאָס געוויכט פון רייפקייט, אַט ווי אַ רייפער עפּל וואָס רייסט זיך אָפּ פון בוים, איז ער אַריינגעשפּרונגען אין דער סביבה פון וועלטלעכע יידן, ווי אַ יונגער אינטעליגענט. געבליבן איז אים בלויז דער טיפּישער גאַנג פון אַ ישובה־בוחר, וואָס כאָטש ער באַוועגט זיך פאָראויס, שאָקלט ער זיך פאָרט אַהין און צוריק...

זיינע טאַשן זענען תמיד פול געוועזן מיט פּאָעמעס, צונויפגע־ראָלט אין מגילות. אָפּגעדרוקט זענען זיי אין ערגעץ ניט געוועזן, פונדעסטוועגן איז ער ניט מיד געוואָרן צו שרייבן נייע. רעדנדיק מיט עמיצן, איז אים מיט אַמאָל איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַ נייער גראַם — איז ער שטיין געבליבן, אַרויסגעצויגן איינע פון זיינע מגילות און עס פאַרצייכנט. אַ רעדנער איז ווי אַ חזן ערב־ראש־השנה, ער מוז היטן זיין כלי. האָט ער דעריבער זיין מיטשמועסער אַליין געלאָזט רעדן, אויב עס איז נאָר געווען עטוואָס אַ ווינטיקער דרויסן. אויף זיין שרייב־טיש זענען אָפּט געלעגן אויסשניטן פון עסטרייכישע און דייטשע צייטונגען וועלכע רעדאַקציעס האָבן אים צוגעשיקט צום איבערזעצן.

זיין טעאַטער־שפּיל: „די גאָלדענע רוט״ — אַ מאָדערן פּורים־שפּיל אין גראַמען, האָט ער געשאַפן גלייכצייטיק מיט איינשטודירן די ראָלן פאַר דער קינדער־פאַרשטעלונג:

אַ גוטן פּורים,
גאָטס גענוס,
כ׳האָב אַ האַנט,
כ׳האָב אַ פוס,
כ׳האָב אַ פּאָר אויגן,
כ׳האָב אַ נאָז,

נ י ע ס װ י ז ש ע ר   י י ד ן

נאָר אַז כ'װיל עפּעס זאָגן,
האָב איך ניט װאָס....

אויף איינער פון די הומאָריסטישע, לעבעדיקע צייטונגען האָט ער אפילו באַשריבן גאַנץ ניעסװיזש, װאָרעם:

ניעסװיזש אַ שטעטל
גרויס װי אַ גענעץ
ליגט זיך האַרט
ביי דער סאָװיעטישער גרענעץ —
איך בין דאָ ניט אויסן
ניט דאָס, און ניט יענץ,
איך װיל נאָר באַשרייבן
ראַדזיװילס רעזידענץ...

קענענדיק די אַלע מעלות װאָס די מוזע האָט אים געשאָנקען, האָט ער מיט צערטלעכקייט אָפּגעהיט דעם גוף, אין װעלכן די טאַלאַנטן האָבן זיך גענעסטלט. זיין אייגן ליבע איז דעריבער געװען אַבסאָלוט קעגן דעם אַװעקלאָזן זיך אין אַ מיטן־נאַכטיקן מאַרש איבערן װייסן שאָסיי צװישן װעלדער.

— ס'איז ניטאָ קיין אַנדערע ברירה — האָט צוגעגעבן רחמיאל פּאַװער — אַז מירן גיין, װעלן מיר נאָך ביז פּאַרטאָג זיין אין דער היים. װאו װעלן מיר אַצינד געפינען אַ פורל?

ביים ראַנד פון װאַלד האָט אידל פאַר יעדן אויסגעשניטן אַ שטעקן און אונטער זיין קאָמאַנדע:

— שאַגאָם מ...אַר...ש!

האָט זיך די אָפּטיילונג אַװעקגעלאָזט קיין ניעסװיזש. כאָטש דער לערער קאָװע האָט געהאַלטן, אַז מיליטער איז ניט קיין יידיש פאַך, האָט ער פונדערסטװעגן מיטן הילצערנעם שטעקן אויפן אַקסל מאַר־שירט אין פוס:

— ראַז! דװאַ! לינקס, לינקס!

די לבנה האָט מיט אַ בלאַסן שיין באַלויכטן דעם שטויביקן שאָסיי, איבער וועלכן עס האָבן מאַרשירט די פיר...

* * *

אַרום שמאָלן קאַנצעלאַריע־טיש איז געזעסן די שול־פאַרוואַל־טונג. די שטימונג — אַז אינערלעכע פרייד וואָס האָט געברויזט הינטער פנימער צעקנייטשטע פון זאָרגן. אַז ס'איז די פרייד דורכ־געגאַנגען דורך די פאַרהאַרטעוועטע פנימער, איז איר געלונגען אָנצו־צינדן אַ וואַרעם מילד פייערל אין זייערע ואגין.

עס האָט זיי באַהערשט אַ געפיל, ווי טונעל־גרעבער וועלכע האָבן לאַנגע חדשים ניט געזען די זון פאַר די אויגן, גראָבנדיק זיך דורך האַרטע ערד־שיכטן. כאָטש זיי האָבן געוואוסט, אַז דער וועג איז לאַנג זענען זיי ניט מיד געוואָרן, ביז זיי האָבן דעם לעצטן שטיין דורכגע־בויערט, דורכגעבראָכן די לעצטע שטערונג אויפן וועג צום ציל.

זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ביז דער טונעל וועט ברענגען נוצן, וועט נאָך נעמען צייט, פונדעסטוועגן האָט זיי געוואַרעמט דער באַ־וואוסטזיין, אַז די וויכטיקסטע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן: דער דורכברוך.

באַלד פון פאָרנט זיצט אַבֿרהם־עלע ליבערמאַן. אויפן ערשטן אָנבליק: אַ רוסיש־יידישער אינטעליגענט, אַן עקסטערן מיט גאָלדענע פענסנע, וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט. דווקא איז ער אַ היימישער, ניעסוויזשער ייִד, וואָס ציט זיין יחוס פון דורות סופרים. אויך ער האָט די געגנזדענע פעדער ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט, און ווייטער געקריצט מיט איר איבערן געלן פאַרמעט.

שוין אין די ראָמאַנטישע יאָרן פון נייַנצן־פינף איז ער געווען אַ בונדיסט, און דורך די אַלע יאָרן איז פון זיין גלויבן ניט געמינערט געוואָרן. אין דעם זעלבשטענדיקן פוילן ווערט ניעסוויזש — אַ שטאָט אין מינסקער גובערניע — פלוצלונג פאַר־וואַנדלט אין אַ דירעקטער גרענעץ־שטאָט. דאָס ברייטע פעלד פאַר

פּאַרטיי־אַרבעט ווערט באַגרענעצט צו אַ קליין, שמאָל בייטל הינטערן פענצטער, וואו מען קען אַמאָל פאַרפלאַנצן אַ בלימל.

פּאַר אברהם־עלען ווערט די פּאָלקס־שול דאָס פעלד, וואו מען קען אַקערן, זייען די קערנער פון אַלטן גלויבן און אויך אַרויסבאַ־קומען פרוכטן.

— אַזאַ איז דער ציל פון דער יידיש־וועלטלעכער שול — און ער האָט עס אויסגעלייגט פאַרן פעדאַגאָגישן ראַט:

— דערציען אַ נייעם ייד מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן. ער דאַרף וויסן זיין רעכט און זיין אָרט אין לעבן. ווען עס וועט נויטיק זיין, זאָל ער קענען זיין רעכט פאָדערן און פאַרטיידיקן.

שווער האָט זיך דאָס פערזענלעכע לעבן געלייגט אויף זיינע פּלייצעס. אָט איז זיין צוואַנציק־יאָריקער נחמיה פּלוצלונג געשטאָרבן, און שוין איז דער יונגערער, כאַטשע, אַ געשליפענער מוח מיט אַ פלינקער פען אין האַנט צום שרייבן לידער, אַריינגעפאַלן אין אַ טיפער מורא־שחורה און מ'האָט אים געמוזט אָוועקפירן קיין ווילייקע. אברהם־עלעס פּלייצע ווערט געבויגענער, זיין קאָפּ — גרויער. דאָס האַרץ פּולסירט מיטן לעבן פון דער שול...

נעבן אים זיצט יאַנקל בלומעס. יאַנקל דער שמיד האָט מען אים גערופן. דאָס איז ניט געווען יאַנקל דער שמיד פון פּינסקיס דראַמע — דאָס איז געווען יאַנקל דער שמיד פון דער קוזשניע, וואָס איז געשטאַנען אין עק מיכאַליעשאַק. זיין איינפאַך, האַרציק פּנים האָט אויסגעזען אַ ביסל נאַאיוו. מעגלעך, טייל האָבן אים פאַר אַ זעלכן געהאַלטן. גענומען האָט זיך עס געוויס דערפון וואָס ער האָט זיין אָפּגעשפּאָרט ביסל געלט אַרייגעלייגט אין דער שול, כאָטש קיין איי־גענע קינדער האָט ער ניט געהאַט. ווען מען וועט זיך נעמען אויפ־שטעלן דעם נייעם בנין — אַזוי האָט ער פאַרזיכערט — וועל איך צולייגן אַ האַנט! און יאַנקלען האָט מען געקענט גלויבן.

אַ חוץ דער שול, האָט ער געהאַט אַ טבע צו באַרגן געלט די

אָרעמע פויערים, ניט האָבנדיק די מינדסטע האָפענונג, אַז זיי וועלן עס קענען צוריקגעבן. ער האָט געקענט דעם ווייסרוסישן פויער, און די מאָגערע, קאַרגע ערד, מיט וועלכער דער פויער מוז פירן אַ שווערן געראַנגל, ביז זי גיט פון זיך אַרויס די עטלעכע זאַנגען תבואה.

ווען ווערביאָווסקי פון באַראַנאָוויטש האָט זיך באַוויזן אין ניעס־ווידזש ווי דער פאַרשפּרייטער פון זלמן רייזינס ענציקלאָפּעדיע, האָט ער קודם־כל אָנגעקלאַפּט אין טיר פון יאַנקל דעם שמיד.

— צו וואָס דאַרף יאַנקל אַן ענציקלאָפּעדיע, וואו עס זענען אויס־גערעכנט אַלע יידישע שרייבער?

דעמאָלט האָט ווערעביאָווסקי פאַרלייגט ס׳קעפּעלע אויף אַ זייט, און מיט אַ שטים פול מיט ריישן, אַ זאָג אָגעטאָן:

— איר ווייסט טאַקע ניט, ער דאַרף...

יאַנקל האָט געווייכט פון די כיבודים, פּונקט ווי ער האָט אויס־געמיטן פליייש. ס׳איז פאַר אים ניט געווען קיין צו שווערע אַרבעט, אָדער גאָר אַ ניט פּאַסיקע. ער האָט געגלויבט אין דער שול — די קוזשניע וואו מען שמידט דעם מאָרגנדיקן מענטש, ווי ער האָט געגלויבן אין זיין קוזשניע, וואו ער האָט געשמידט אייזערנע רייפן.

יאַנקל האָט געוואָלט זען אַרבעטער ניט נאָר מיט שטאַרקע הענט נאָר אויך מיט געלערנטע קעפּ... אין היימישע שול־קרייזן האָט מען אים פשוט גערופן: דער ל״וניק.

דערנעבן זיצט לייבל לעמפּערט, דער האַרבול. געמעגט האָט ער שוין אייגנטלעך הייסן לייב, אפילו ר׳ לייב — נאָר דער ייִנגלישער נאָמען, לייבל, איז אים פאַרבליבן, צוליב זיין ייִנגלישער וואוקס. אין מיטן וואַקסן האָט זיך זיין פּלייצע פאַרבויגן און ס׳איז אים אויסגע־וואַקסן אַ הויקער. אַ שוואַך מענטשל, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע נשמה און זי צאַפּלט נאָר מיט איינס — יידישע שול. וואָלט דער נשמה אויסגעקומען צו שטיין פאַר אַ משפט, וואָלט זי בשום אופן ניט געקענט ענטפערן ווען זי געהערט:

— לייבלען אָדער דער שול?

אַז מען קוקט אָן זיין הויקער, דוכט זיך אַז אָט נעמט ער דערציילן בלעטלעך געשיכטע פון יענע יאָרן ווען דער הויקער איז ווי אַ קעמל געווען באַלאָדן מיט פּראָקלאַמאַציעס, געווער און פון שטעטל צו שטעטל איז געגאַנגען דער טראַנספּאָרט. אָט אַזוי אַ קלייניקער, אין ער אויף אַ מיטינג אויסגעוואַקסן אויבן אָן, כדי ער זאָל בעסער הערן, און קענען האַלטן אָן אויג אויפן רעדנער. ס׳האָט דער רעדנער געהאַט אַ שווער לייענען — טאָמער האָט ער געזאָגט אַ שלעכט וואָרט אויף דער שול, אָדער אויפן „בונד״, וואָס ביים רעדנער האָבן זיי ביידע געהאַט איין נאָמען: די „לינקע״... לייבל האָט דאַן אין רעדנער גע־נומען וואַרפן מיט צווישנרופן, ווי מיט שאַרפע פיילן.

אין זיין קליינעם חדרל איז ער תמיד געזעסן איבער דער „פאָלקס־צייטונג״, ווי אַ ייד אַ למדן זיצט איבער אַ ספר. ס׳איז ביי אים ניט שייך געווען דורכצולייענען אַ צייטונג. ער האָט אין איר אַריינגע־קנעלט מיט אַלע טייטשן, וואָס מען וואָלט געדאַרפט צושטעלן, אויב מען וואָלט עס געקענט דרוקן, נאָר ווייל די שווערע האַנט פון דער צענזור האָט עס ניט דורכגעלאָזן, האָט לייבל פאַר זיך אויסגעטייטשט די ניט־דערזאָגטע שטעלן.

— געלייענט ערליכן, האַ? — האָט ער אויף זיין מיטשמועסער אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, דערוואַרטנדיק אַ תשובה.

— ניין, ניט געלייענט... — לאָזט ער פון יענעם ניט אַראָפּ זיין בליק, נאָר דערווייל האָט זיך זיין קוק פון אַ פרעגנדיקן פאַרוואַנדלט אין אַ מאָנער, און דער גאַסט דערפילט זיך אומהיימלעך, כאָטש אַליין זאָגט לייבל גאָרניט.

— זעצט זיך, זייט מוחל, אַנידער — זאָגט ער מיטן טאָן פון אַ רבין, ווען ער האָט דערטאַפּט זיין תלמיד איבערהיפּנדיק אַ בלעטל — און שוין נעמט ער לייענען דאָס אַרטיקל, קוויקנדיק זיך אויפסניי מיט יעדן וואָרט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— טייערע פריינט — הויבט אָן דער פּאַרזיצער פון דער שול־אָרגאַניזאַציע, לייבל אַייזענבוד — ענדלעך איז אונדז געלונגען דורכ־צופירן דעם פּלאַן און זיך נעמען צום בויען אַן אייגענעם בנין. דער „תרבות״ האָט אָפּגעקויפט באַמשטיינס צוויי־עטאַזשנעם מויער. מילא, מיר האָבן ניט אַזוי פיל געלט, ווי די גבירים; מירן בויען אונדזער שול פון האָלץ, און בויען וועלן מיר זי דאָרט וואו עס וואוינען אונדזערע קינדער, די קינדער וועלכע וועל אין איר לערנען. דער בוי־פּלאַן — האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ פּאַפּיר פול מיט שוואַרצע און רויטע שטריכן — איז שוין באַשטעטיקט. דער פּלאַץ, דאָס ווייסט איר אַלע — האָבן מיר שוין געקויפט. ער געפינט זיך אַנטקעגן דער מיכאַלישקער שול. מאָרגן איז פּאַר אונדז אַ גרויסער טאָג, מאָרגן וועט מען לייגן דעם גרונט־שטיין, איז זאָל זיין מיט מזל. מיר מוזן זיך שווער אונטער־גאַרטלען. וואָרעם ניט באַראַנאָוויטש, ניט סטויבץ און ניט קלעצק האָבן געקענט אויסהאַלטן אַ יידישע שול. מירן אויסגעהאַלטן ביז היינט, און וועלן דורכהאַלטן ווייטער. דערוויל וועט מען לערנען אין אַלטן בנין, וואָס געהערט צו דער קהילה. לאָמיר האָפן, אַז אין גיכן וועלן מיר אַריבער אין דער נייער שול.

ניאָמע יעוועלעווסקי און לייבל זענען חברים. כאָטש לייבל איז אַ ביסל לינקער און ניאָמע — אַ רעכטער פּועלי־ציוניסט. פונדעסט־וועגן זענען זיי ביידע ראַטמענער פון דער ליסטע, וואָס די שול שטעלט אַרויס, און ביידע אין דער שול־פאַרוואַלטונג.

גייען זיי אַהיים פון דער זיצונג.

— נעמט מען זיך טאַקע מאָרגן בויען? — קען זיך ניאָמע ניט צו־גלויבן.

— טאַקע מאָרגן, ניאָמע — אַ גרויסן בנין, מיט ליכטיקע קלאַסן און אויבן אַ טעאַטער, אַ יידיש טעאַטער — די שול וועט ווערן ניט נאָר די היים פון די קינדער, נאָר אויך פון זייערע עלטערן.

— הלוואי — זאָגט ניאָמע — פלענער האָסטו גרויסע. כאָטש איך קלייב זיך קיין פּאַלעסטינע. דאָ זע איך קיין תּכלית ניט. ניט פאַר מיר און ניט פאַר מיין זון.

— נו, געהערסטו צו די גליקלעכע וואָס קענען אַוועק. אָבער גאַנץ מיכאַליעשאָק — האָט ער אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט — גאַנץ מיכאַליעשאָק וועט בלייבן. די עלטער־זיידעס, די זיידעס אויף יענער זייט — דאָס האָט ער אָנגעוויזן אויפן בית־עולם, וואָס ציט זיך האַרט ביי די מיכאַלישקער גערטנער — און די טאַטעס, די קינדער וועלן ווייטער לעבן צווישן די „טויטע געסלעך", צווישן שולעף און קאָזשי־מער. אפילו די סוחרים, וואָס וואוינען אַרום מאַרק וועלן בלייבן. אפשר וועלן זיך איינצלנע אַרויסרייסן אין דער גרויסער וועלט אַריין, אָבער דאָס פאָלק וועט בלייבן דאָ. פאַר זיי מוז מען בויען. זיי דאַרף מען געבן אַ תּכלית, לערנען אַ פאַך; ווער ווייס — האָט לייבל אַ טרוים געטאָן אויפן קול — אפשר וועלן מיר אַמאָל אין ניעסוויזש אויך האָבן אַ פאַך־שולע, וואו פאַך און בילדונג וועלן גיין צוזאַמען. אין מיכאַליעשאָק וועלן אויסוואַקסן אמתע פאַכלייט, אינטעליגענטן...

— דו ווייסט כאָטש, לייבל, ווי ווייט עס איז דער מהלך פון חלומען וועגן אַ זאַך, פלאַנירן, ביז פאַרווירקלעכן עס? — האָט ניאָמע אַ פרעג געטאָן.

— ס'איז טאַקע ווייט, ס'איז אָבער ווערט אַ שפּאַן צו טאָן...

* * *

נאָך מיטאָג איז דאָס האַרבסטיקע, דריבנע רעגנדל שיטערער געוואָרן. אין ברייטן שול־צימער מיט די פיר פענצטער איז האַלב־טונקל. דער לערער גראַובאַרט, אַ נידעריקער, אין זיין שוואַרצער, סאַמעטענער קאַמיזעלקע, מיטן גאָלדענעם זייגערל אין וועסטל־קע־שענע פון וועלכן עס הענגט אַראָפּ ס'קייטעלע — שטייט ביי די צו־נויפגערוקטע טישן און צייכנט מיט אַ רויטן בלייער אויף ברייטע, מיט

גאָלד־פּאַפּיר באַקלעפּטע קאַרטאָנען. פּאַרטיפּט אין דער אַרבעט, שמייכלט ער צופרידן, ווייל די קינדער־פאָרשטעלונג וואָס ער גרייט צו איז שוין כמעט ווי פאַרטיק. געבליבן זענען בלויז די דעקאָראַ־ציעס און קאָסטיומען. דאָס וויכטיקסטע איז דער טויער פון פּאַלאַץ, וואו עס שפּילן זיך אָפּ די הויפּט־סצענעס.

גראַובאַרט, וואָס האָט געזען פאַרשידענע פּאַלאַצן און טויערן אין וואַרשע, פּלאַנירט אין געדאַנק אַ קאָמבינאַציע, וואָס זאָל מיט זיך פאָרשטעלן דעם טויער פון ענגלישן קעניגלעכן הויף, ווי עס באַ־שרייבט אים מאַרק טווען, אין זיין דערציילונג „דער פּרינץ און דער בעטלער". וואָכן־לאַנג האָט דער לערער געאַרבעט איבערן ווערק, ביז עס האָט זיך באַקומען אַ קינדער־פאָרשטעלונג, וואָס איז צוגע־פּאַסט פאַר די מעגלעכקייטן פון דער שול און פאַר די סצענישע באַדינגונגען, וועלכע מ׳קען האָבן פון דער בינע אין ראַטוש. אַצינד האָט ער אויפן פּאַפּיר אַנגעוואָרפן די קאָנטורן פון טויער, ביי וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ דער קלימאַקס פון דער דערציילונג: דער פּרינץ בלייבט אין דרויסן און דאָס אָרעמע בעטלער־קינד קומט אַריין אין קעניגלעכן פּאַלאַץ. דאָס שפּילן פון די קינדער — פון שיינע לעמעש און ראָזע מיטשיקס, צוזאַמען מיט דער דעקאָראַציע האָבן די צוקוקער געדאַרפט אַריינפירן אין יענער פרעמדער וועלט, וואָס זאָל ווערן אייגן, היימיש און פאַרשטענדלעך.

— מ׳קאָן שוין בעמען צושניידן — האָט דער לערער אַ זאָג געטאָן צו מאָטל ליסן, דעם מאָלער וואָס האָט אים אַרויסגעהאָלפן ביי די דעקאָראַציעס.

— ס׳וועט ניט זיין גענוג קליי מיט טשוועקלעך — האָט מאָטל באַמערקט.

— קינדער — דער לערער האָט אַ רוף געטאָן שייעלען מיט משהלען — גייט אַריבער צו אייזנשטאַטן, דאָ האָט איר אַ צעטעלע...

דער מאַרק אין דעם האַרבסטיקן טאָג איז מער טומלדיק ווי

געוויינלעך. אויפן ברייטן פלאַץ אַרום די ראָדן שטייען געדיכט אויס־געשטעלט פויערישע פורן, מיט די האָלאָבליעס פאַרריסן צום הימל. דורך אַלע גאַסן איילן זיך פורן, וועך אַרויסצופאָרן און ווער אַריינצו־שטעלן זיך אויפ ליידיק־געוואָרענעם פלאַץ. דורכן מאַרק, טראָט נאָך טראָט, פאָרט אַ פויעריש פורל און אויף אַ שטריק צוגעבונדן פון הינטן גייט נאָך אַ שוואַרצער אָקס, מיט אַ שטאָלענעם רינג אין נאָז. דער אָקס, געוואוינט צו דער שטילקייט פון פעלד און דעם שייער, איז זיין געהער צוגעוואוינט צום פייפן פון אַ סוסליק אָדער דאָס גרילצן פון אַ פעלד־שפרינגער; דאָס קלאַפּן פון אַזוי פיל רעדער אויפן שטיינערנעם ברוק האָט אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן ווי האַרמאַטן־שאָסן. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און אָנשפּאַרנדיק זיך אָן די פיס, האָט ער פּרובירט איינהאַלטן דעם וואָגן. אַ שוים האָט געמומען שפּריצן פון זיינע נאָז־לעכער. משהל האָט פאַרגעסן נאָך וואָס דער לערער האָט אים געשיקט. ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון טעאַטער, וואָס דער אָקס גייט דאָ אָפּשפּילן. דער אָקס האָט זיך איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט גיין.

דער פויער האָט גענומען שמייסן דאָס פערד:

— היידאַ, ציו!

נאָר דער אָקס איז שטאַרקער געווען פון אים. האָט זיך דער וואָגן ווי אַ שפּילצייג אונטערגעהויבן אין דער לופט.

— דריי אים ביים ווידלו! — האָט ווער געעצהט. דער אָקס האָט אַרונטערגעלאָזט די הערנער און פאַרנומען אַ פּאָזיציע, גרייט צום קאַמף.

דער פויער האָט אין זיין פאַרלוירנקייט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער האָט אפילו מורא געהאָט נאָענט צוצוגיין. פאַר אים איז עס געווען אַ פרעמדער אָקס, וועלכן ער זעט ס׳ערשטע מאָל און ווייס ניט זיינע קאַפּריזן. מ׳האָט אים געדונגען ער זאָל דעם אָקס דערפירן ביז צו דער באַן, פון וואַנען ער וועט אַוועק קיין וואַרשע.

פלוצלונג האָט זיך דער אָקס אַ וואָרף געטאָן אין אַ זייט און איבערגעדרייט דעם וואָגן. דאָס איבערגעשראָקענע פערד האָט עס אַ כאַפּ געטאָן מיט אַלע כוחות און דער וואָגן איז זיך צעפאַלן. דער באַ־פרייטער, אויפגערייצטער אָקס האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער באַלעבטער מאַרק־גאַס, ער איז אַריין אין אַן אָפן טויער און ווילד גענומען אַרומלויפן, זוכנדיק אַן אויסוועג. דער פּלאַץ אַרום איז אָבער הויך פאַרלייגט מיט דיקע האָלץ־שייטן. דאָס איז געווען קאַ־ליניטשענקאָס האָלץ־סקלאַד. מיט רציחה האָט דער אָקס גענומען גריזשען די שטיקער האָלץ, ווי ער וואָלט זיך וועלן אויסבייסן אַ וועג צו דער פריי. מיט די הערנער האָט ער געשליידערט דאָס האָלץ, שטיק נאָך שטיק און עס געפּרוווט צעטרעטן אונטער זיינע קלאָען. דערווייל זענען אָנגעקומען פּאָליציי, קצבים־יונגען, וואָס ווייסן זיך צו באַגיין מיט אָקסן. זיי האָבן פאַרהאַקט דאָס שווערע טויער. גע־רעכנט האָבן זיי, אַז די שלאַכט מיט די האָלץ־שייטן וועט דעם אָקס אויסמאַטערן און ער וועט אַ מידער אַוועקפאַלן. דאַן וועט מען אים אַ לעבעדיקן קענען דערפירן צו דער באַן.

וואָרעם אַ לעבעדיקער איז דער אָקס ווערט אַ פאַרמעגן. צוזאַ־מען מיט דער פּאָליציי און די קצבים־יונגען איז משהל געזעסן ביי בענעראַפן אויף אַ דעכל און אַריבערגעקוקט צום אָקס. דער אָקס האָט אין זיך דערפילט די אור־קראַפט און די בענקשאַפט צו דער פריי, צוזאַמען מיטן חשק צום לעבן האָבן זיך אין אים צעשפּילט מיט אַזוי פיל ענערגיע, אַז ער איז צו צום טויער, אים אונטערגעהויבן מיט די הערנער און עס אַוועקגעוואָרפן ווי אַ רויכערער וואַרפט אַוועק אַ שוועבעלע, נאָך דעם ווי ער האָט פאַררויכערט זיין פּאַפּיראָס.

דער צעווילדעוועטער אָקס האָט זיך אַוועקגעלאָזן פאַרביי די ניי־שטאָטער קאַזאַרמעס. עלע שקאָלניק, וואָס איז מיטגעלאָפן, האָט פאַרגעסן אַז ער איז בסך־הכל אַ שניידער, האָט אַ כאַפּ געטאָן ביים פּאָליציי־נאַטשאַלניק דעם רעוואָלווער אין הילצערנעם פאַראַבולאַר —

נאָר געשאָסן האָט ער ניט. ענדלעך האָט אַ שאָס אָפּגעהילכט און דער אָקס איז געבליבן ליגן צווישן די בוימער פון ראַדזשיווילס פּאַרק.

מאָטל פופיק האָט אים איבערגעשניטן דעם האַלדז און זיך גענומען אָפּשינדן דעם אָקס.

— אַ מזל פון גויים — האָבן די קצבים־יונגען צווישן זיך געשמועסט — אַזאַ פעטער בויך וועט אַריינפאַלן צו ליאָנגען אויף מאַכן קאָלבאַס.

משהל האָט געזען ווי פון דעם אָקס' געדערים זעצט אַ געדיכטע פּאַרע ווי פון אַ קעסל. די מוסקל־נערוון האָבן נאָך געציטערט און צוזאַמען מיטן מיסט, האָבן די קצבים אַרויסגעשאָטן שטיקער האַלב־שפּענער פון זיין מאָגן.

עס איז שוין געווען גוט נאַכט, ווען משהל איז אַ מידער, דורכגעווייקטער און באַקלעפּט מיט בלאָטע אַהיים געקומען...

— די מעשה דערציילסטו גוט, מיט אַלע פּיטשעווקעס — האָט דער לערער גראַובאַרט צומאָרגנס געזאָגט משהלען, נאָך דעם ווי ער איז געוואָר געוואָרן וואָס עס האָט פּאַסירט. ער האָט פאַר זיך דערזען עלע שקאָלניק דעם שניידער, אָט אַזוי ווי משהל האָט אים אָפּגעשילדערט, מיטן רעוואָלווער אין שיידל: ער פּאָכעט אין דער לופטן און האָט מורא אויסצושיסן.

דער לערער האָט געטאָן אַ שמייכל, איינעם פון זיינע קלוגע שמייכלען און ביי זיך אַ טראַכט געטאָן:

— די מעשה מיטן אָקס האָט דער צען־יעריקער יאַט אָפּגעשפּילט געניי, טאָ פּאַרוואָס, אַז עס קומט צו דער קינדער־פאָרשטעלונג קען ער קיין וואָרט ניט אַרויסברענגען, ווי עס פּאָדערט די ראָלע? צי שטעקט די סיבה אין אים, אָדער אין מיר?

דער וואַרשעווער לערער גראַובאַרט, אַ נידעריקער, דיקלעכער, עטוואָס הינקענדיק אויף אַ פוס און צוויי קלוגע, שמייכלענדיקע אויגן הינטער די ברילן אין דינע, גאָלדענע ראָמלעך; ער איז דורך די יאָרן

פון זײן שול־פּאַרוואַלטער אַרײַנגעוואָקסן אי אין שול, אי אין דער שטאָט. אויף אײנער פון די שטאָט־ראַט־זיצונגען, ווען דער יונגער לערער האָט גענומען אַ וואָרט, האָבן די מיעשטשאַנעס אויפגעמאַכט גרויסע אויגן:

— טאָ יעסט מוווצאַ! — האָבן זײ זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן סײ פון זײן פּויליש רעדן, סײ פון זײן קלוגשאַפט.

יידן, אָרעמע לײט זענען געקומען צו אים אין שול־קאַנצעלאַריע, מיט זײערע צרות:

— פּאַניע לערער, פריער גאָט און נאָכהער איר — האָט אַ יידענע צו אים געטענהט — איך האָב דען צו צאָלן? זײ ווילן בײ מיר דאָס לעצטע קישן צונעמען, אַז צונעמען זאָל זײ שוין דער רבונו־של־עולם — האָט זי מיט װײטיק צוגעגעבן, אַרײַנשנײַצנדיק אין פאַרטוך.

איז דער לערער, וואָס איז שוין דאַן געווען לאַוניק, אַוועק צום בירגערמײַסטער אָפּצוראַטעווען דער יידענעס קישנס...

* * *

יאָרן שפּעטער איז בנימין גראַובאַרט געווען שול־פּאַרוואַלטער אין פּינסק. אויך דאָרט האָט ער אויפגעפירט „דער פּרינץ און דער בעטלער" אין האָלצמאַנס גרויסן טעאַטער, נאָר מיטן האַרץ, מיט דער נשמה איז ער אַלץ געווען אין ניעסוויזש.

דער שול־בנין איז געשטאַנען אַ פּאַרענדיקטער. הויך, איבער די הילצערנע מיכאַלישקער הײזער האָט ער געשײַנט מיט זײַנע ברײַטע, ליכטיקע פענצטער; מיטן נײַעם בלעכענעם דאַך, וואָס האָט זיך געזילבערט אין דער בלויער לופט.

דער לערער האָט זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקן אין דער פּראַכט, וואָס איז אויסגעוואָקסן אויף דעם גרונטשטײן, וועלכן ער האָט געהאָלפן לײגן. דעריבער האָט ער אַלץ איבערגעלאָזט אין פּינסק, און איז געקומען צום גרויסן יום־טוב. מיט ציטערדיקע הענט, און מיט אַ

טרער פון פרייד באַהאַלטן הינטער די ברילן, האָט ער איבערגעשניטן די רויטע לענטע, וואָס האָט דערעפנט די שול. עס זענען געשטאַנען די שול־טוער, די טאַטעס, וואָס האָבן מיט ליבשאַפט זיך צוגעקוקט. בנימין האָט זיי אַלע געקענט:

— עס איז דער שענסטער טאָג אין מיין לעבן — ער איז געוואָרן גערירט פון דעם כבוד, וואָס די שול־פאַרוואַלטונג האָט אים צוגע־טיילט — צען יאָר האָב איך געוואַרט אויף דעם טאָג; צען יאָר — און יעדער טאָג איז געווען אַ יאָר. טאָ לאָמיר זיך פרייען מיט דעם וואָס מיר האָבן דערגרייכט זאָל דאָס אייך צוגעבן מוט, ווייל מען מוז נאָך פיל אויפטאָן. אָבער וויפיל איז עס ווערט ווערן מיר קענען זאָגן: אונדזער שול. יעדע בלעך אויפן דאַך האָט אַ נאָמען, ווייל ס'האָט זי געשענקט אַ מענטש. אָט איז דער שיינער שרייב־טיש, וואָס יידל אַלפעראָוויטש האָט געמאַכט. יעדע באַנק, יעדע שטול קען דערציילן פון דער גרויסער ליבע צו דער זאַך וואָס הייסט יידישע שול...

אפילו דער פאַרהאַרטעוועטער פאָרזיצער, וואָס איז געשטאַנען ביי דער זייט אַ ניט־ראַזירטער, אין ברוינעם, סאַמעטענעם רעקל, האָט אויך געלאָזן אַ טרער.

* * *

דער אַלטער באַרנבוים, וואָס האָט זיך טיף איינגעוואָרצלט אין דער שוואַרץ־ערד, און וואָס דורות יאַטלעך האָבן געגעסן זיינע האַרטע באַרעלעך — איז געווען אַ יידישער בוים. כאָטש הויך און צעוואַקסן, האָבן זיך זיינע צווייגן געבויגן נידעריק, צו דער ערד. אין זיין שאָטן אין געשטאַנען די אַלטע מיכאַליעשקער שול. אַנטקעגן אים רייסט זיך צום הימל דער שול־בנין, מיט זיין ווייסן, צינקענעם דאַך, און די גלאַטע, הילצערנע ווענט, וואָס האָבן זיך געלויכטן פון נייקייט.

זיי ביידע זענען געבליבן אויסער די געטאָ־דראָטן. זיי זענען שטיין געבליבן ווי שטומע עדות, וואָס קוקן זיך אַריבער מיטן אַלטן

בית־עולם און שטיקן אין זיך דעם צער פון איינזאַמקייט. זיי האָבן אין זיך אײַנגעזאַפּט די קינדערשע פרייד; דעם קלאַנג פון זייערע שטימען. אַצינד דריקט זיי די קללה פון שטילקייט...

— — — און ווען דער ווינט וויגט אין דעם אַלטן באַרנבוים, און די פויגל הערן אויף צו צוויטשערן אין זיינע צווייגן, לענט ער אָן זיין אַלטן, מידן קאָפּ אָן דער פאַררויכערטער וואַנט פון דער יידישער שול און נעמט כליפּען מיט אַ שטילן געוויין. דאַן טוט די וואַנט, זיין אַלטער פריינד, וואָס איז ווי דער באַרנבוים טיף פאַרוואָרצלט אין דער ערד, אַ שטילן קרעכץ, ווי ער וואָלט וועלן אים מיט עפּעס טרייסטן.

מיט וואָס־זשע קען מען שוין דעם אַלטן באַרנבוים טרייסטן...

דאָס שטיבל ביים וואַסער

פויערים האָבן זי גערופן — איצקאָוואַיאַ כאַטאַ. אַזוי שוין יאָרן. די צייט און דער פייכטער ווינט פון טייך האָבן אויסגעקרימט די הילצערנע באַלקנס און זיי שוואַרץ געמאַכט. אַראָפּגערוקט דעם שטרוי־דאַך טיפער, ווי ער וואָלט צו גרויס געווען פאַרן שטיבל. עטלעכע פאַרקוילטע, צעשפּאָלטענע ציגל האָבן אַרומגעצאַמט דאָס לאָך אין דאַך, וואָס האָט געדינט פאַר אַ קוימען.

די נידעריקע, פיר־קאַנטיקע פענצטערלעך, צונויפגעקלעפּטע פון שטיקלעך גלאָז און פאַרשמירט מיט ליים, האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער ערדענער פריזבע אַרום די ווענט. די טיר האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פאַרזשאַווערטע זאַוויעסעס און ביים מינדסטן בלאָז פון ווינט האָט זי זיך געעפנט מיט אַ וויינענדיקן סקריפּ, ווי מוראָ האָבנדיק אַז די נעגל זאָלן ניט אַרויספאַלן פון די דורכגעפוילטע ברעטער.

דער ערדענער דיל אין שטיבל איז ניט געווען קיין גלייך אויס־געטראָטענער נאָר געווען פול מיט גריבלעך. דעם גרעסטן טייל פון שטיבל האָט פאַרנומען דער אויוון, וואָס האָט אויך געדינט פאַר אַ בעט. ער איז געווען נידעריקער פון פאַררויכערטן באַלקן און אַרויפ־געקראָכן איז מען אויף אים, ווי מען קריכט אין אַ קעסטל אַריין — אויף אַלע פיר.

אַ באַנק איז געשטאַנען ביים וואַנט מיט אירע דריי פיס ווי אויסגעוואַקסן פון דער ערד, און וואָלט זי זיך אין פרילינג צעבליט

די איינציקע צירונג אין שטוב איז געווען אַן אַלטער, פאַרגעלטער וואָלט עס גאָר קיין וואונדער ניט געווען...

לוח מיט אויסגעמאַלטע לייבן, וועלכע מען האָט שוין כמעט ניט דער־קענט, און די צוויי מעשענע לייכטער, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער פּאָלקע האַרט אונטערן סופיט.

דאָס אַלץ האָט הערש־בער באַקומען ירושה נאָך זיין טאַטן איטשע דעם פישער. אַ חוץ אים, און דער צוועלף־יעריקער פערל, האָבן דאָס שטיבל באַוואוינט אַ מחנה צוויטשערנדיקע פייגל, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן צווישן די שטרוי פון דאַך.

דאָס שטיבל איז געשטאַנען אין עק פון דאָרף, ביים וואַסער. פון איין זייט האָבן זיך געצויגן תבואה־פעלדער. פון דעם קאָרן האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעקוקט בלויע קאָרן־בלומען און ווילדער, רויטער מאָן; לאָנקעס מיט זאַפטיקע גראָזן און ווייסער קאָניעטשינע. פון דער אַנדער זייט — דער טייך, מיט זיין קלאָרן וואַסער, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן גרינעם אייר.

אין מיטן זומער, ווען דאָס וואַסער איז געפאַלן און הערש בער האָט געהאַט ווייניקער אַרבעט אויפן טייך, האָט ער זיך פאַרנומען מיט זיין ירושה.

פאַרטאָג. עס האָט קוים אָנגעהויבן גראָען און די בלויקייט פון דער נאַכט איז געוואָרן בלאַסער, ווי צעפירט מיט וואַסער און דער אייר איז פול געוואָרן מיט פויגל־געשריי, האָט זיך הערש בער אַריבער־געשיפט צום וואַלד. די האַק פאַרשטעקט אונטערן גאַרטל, האָט ער געשפּאַנט מיט די באָרוועסע פיס, ווייך ווי אַ קאַץ, דורכן וואַלד. אַ שמאָלער פּאַס ליכט האָט זיך דורכגעריסן דורכן בלעטער־געפלעכט. הערש בער האָט אויסגעזוכט דאָס וואָס איז אים נויטיק. דער שאַרפער שטאָל האָט זיך איינגעשניטן אין ווייסן פלייש פון אַ יונגער בעריאָזע. אַ צווייטע און אַ דריטע זענען געפאַלן. אַרומגעשניטן פון די צווייגן און בלעטלעך, האָט ער זיי אָפּגעטראָגן צום שיפל. אין אַ צעריסענער פישער־נעץ האָט ער צונויפגעקליבן טרוקענעם מאָך די געלע שוועמ־לעך — די ליסיטשקעס — וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט פון הינטערן

מאַך, האָט הערש בער אַרומגעשניטן מיטן מעסער; צוזאַמענגענומען אין היטל און זיך געלאָזט צוריק.

די זון איז אויפגעגאַנגען און אַ פערלדיקע ראָסע איז געהאָנגען אויף די גראָזן. הערש בער האָט געשפּאַנט מיט זיין שווערן טראָט איבערן שטעגל. פערל איז אים אַנטקעגן געלאָפן. אירע קינדערשע פיסלעך האָבן אָפּגעטרייסלט דעם טוי פון די גראָזן און עס צעטראָטן.

נאָכן טאָג אַרבעט, איז הערש בער געשטאַנען מיט פאַרליימיקטע פיס, פאַרקאַטשעט די אַרבל, דאָס היטל פאַרשאַרט איבערן צע־קנייטשטן שטערן, און געקוקט אויף זיין כאַטע.

די שפּאַרונעס אין די ווענט — פאַרשטאָפּט מיט פרישן מאָך; דעם דאַך באַדעקט מיט טרוקענעם איר און פאַרפעסטיקט מיט בעריאָזעווע שטאַנגען, דער ווינט זאָל ניט פאַריאָגן און די פייגל — אויסצופּן. די פּריזבע — אויסגעשמירט מיט ליים האָט זיך געטריקנט ביי די לעצטע שטראַלן פון דער זון, וועלכע האָט זיך געזעגנט.

הערש בער איז געווען אַ פישער. דאָס איז אים אויך געבליבן בירושה; און כאָטש דאָס דאָרף איז ניט געווען ווייט פון שטאָט, האָט ער זיך געפילט מער דאָרפס־מענטש, ניט ליב געהאַט דעם שטאָטישן געפילדער. דער טייך האָט געגעבן קוים חיונה. דאָך האָט ער עס ניט געוואָלט אויפגעבן. דאָ איז ער געבוירן געוואָרן. מיט שקצים אין וואַלד געלאָפן, פון פייגלשע נעסטן אייער אַרויסגענומען, שוואָמען געקליבן. אַז מען האָט דאָס קאָרן אָפּגעשניטן, זענען זיי געגאַנגען סוסליקעס כאַפּן. אַנגעפירט האָט פיעטריק. זיין הונט האָט אויס־געשפּירט די נאָרע. זיי האָבן געטראָגן וואַסער פון טייך און־אַריינגע־גאָסן. הערשקאָ האָט געהאַלטן גרייט די פעטליע, און ווי נאָר דער סוסליק איז אַרויסגעשוואומען, פלעגט ער דאָס שטריקל אַ צי טאָן, און דער סוסליק איז געווען זייערער.

אין לבנה־נעכט האָט ער מיטן טאַטן פאַרצויגן די נעץ און צוגע־קוקט ווי די קאָרע־שווימערלעך טוקן זיך אונטער. ער האָט געפיבערט פון אומגעדולד. דער טאַטע האָט אים געלערנט:

— אַ פישער מוז זיין רואיק...

שפּעטער אַליין אַ קינד געהאַט. עס איז געוועז איינגעבאַקן אין זיין האַרצן, דער טייך און די לאַנקעס אַרום.

פאַרנאַכט איז ער געזעסן מיט די פויערים ביים ברעג אויף אַנגע־וואָרפענע קלעצער, און ווי זיי — געריוויכערט אַ ליולקע און דערמאָנט די צייטן, ווען ס'האָט געלעבט דער אַלטער פריץ מירסקי מיט די לאַנגע, שפּיציקע וואָנסן און דער אַלטער פישער איצקאָ. די טייכן זענען פול געווען מיט פיש; די וועלדער — מיט שלאַנקע סאָסנעס. אויף די פעלדער איז געוואַקסן ווייץ — פלעגסט נעמען צווישן די ציין אַ קערן, איז דאָס מעל זיך צעשאָטן...

— ניט היינטיקע צייטן — האָבן פויערים באַדויערט און ווייטער געפּיפּקעט די ליולקעס, קוקנדיק אויף די פייגל, וואָס פאַלן אַראָפּ אויפן וואַסער און הייבן זיך אויף צוריק מיט אַ פישל.

— שווער היינט אַ גראָשן צו פאַרדינען — קראַצן זיך די פויע־רים מיט מאָזאָליעדיקע הענט אין די קודלאַטע קעפּ.

— די ערד איז מאָגער און ווייניק. און שטייערן צאָלן מוז מען... קעפּסקאָ זשיט טאַ סטאַלאָ...

הערש בער הערט ווי די פויערים רעדן, אָבער אַליין טראַכט ער וועגן עפּעס אַנדערש. זינט חנה איז געשטאָרבן איז זיין איינציקע טרייסט פּערל. ער זעט ווי זי לויפט יעדן טאָג מיט די שיקסלעך אין דער דאָרפישער שקאָלע. אַלע באָרוועסע, מיט פלאַקסענע צעפּלעך און פאַרריסענע נעזלעך, אין קליידלעך פון פויערישע לייוונט, מיט רויטע ליצן אויסגענייט. זיי יאָגן די הינער איבערן וועג און לאַכן. זי האָט שוין באַלד פאַרגעסן ס'מאַמע־לשון. אַז זי רעדט בלויז ווייס־רוסיש. טאָ וואָס וועט זיין דער תכלית?

די נאַכט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבערן טייך. די פייגל זענען שטיל געוואָרן. איינציקווייז זענען זיך די פויערים צעגאַנגען, יעדערער צו זיין כאַטע, צו זיינע זאָרגן.

די פרעש האָבן געצויגן זייער מאָנאָטאָן אָוונט־ליד.

— קוואַ! קוואַ!

הערש בער איז געבליבן אַליין מיט זיינע געדאַנקען. זיי האָבן זיך ווי פיש אין אַ נעץ געוואָרפן, גליטשנדיק זיך איינע איבער דער צווייטער. ער קוקט אויף זיין שאָטן, וואָס שפּרינגט איבער די כוואַליעס און שטייט אויף אַן אָרט.

די לבנה איז שוין געשטאַנען הויך, ווען הערש בער האָט אויסגעקלאַפּט דעם פאַרלאָשענעם אַש פון זיין פייקע און זיך געלאָזט אַהיים.

* * *

אין ענגן צימער, מיטן איינציקן פענצטערל איז געווען דומפּיק. ביים לאַנגן טיש זענען געזעסן מיידלעך און גענייט. אין פּרעס־אייזן האָבן זיך די האָלץ־קויל צעגליט און אַרויסגעגעבן אַ קוים־באַמערקבאַרן, פיאָליעטאָוון רויך, וועלכער האָט זיך פאַרגנבעט אין די נאָזלעכער, און גענומען דרייען דעם קאָפּ ביז צום איבלען. דער דאַמף פון פּרעסן האָט פאַרשפּרייט אַ ריח פון צוגעברענט וואָל. דאָס איז געווען פּערלס תכלית. פּאַר די עטלעכע יאָר איז זי אויסגעוואַקסן, ברייטער געוואָרן, אירע פלאַקסענע האָר — ווייכער, און ווי אויסגעקלאַפּטער פלאַקס זענען זיי זיידיק־צאַרט געוואָרן. אַ מידע בלאַסקייט האָט זיך פאַרגנבעט אויף די ראָז־אָפּגעברענטע באַקן פון דעם פריילעכן דאָרפס־מיידל. זי איז געזעסן איבערגעבויגן איבער אַ קלייד און פלינק געצויגן די נאָדל צוזאַמען מיט אַ פאַרבענקטן ניגון נאָך דעם טאַטנס שטיבל, און נאָך די רחבותדיקע, זאַרגנלאָזע וועלן פון טייך.

שבת. אַ מונטערע איז פּערל אויפגעשטאַנען, זיך געוואַשן מיט קאַלטן וואַסער און מיט דערוואַרטונג געקוקט אין פענצטער. זי האָט זיך געקליבן היינט יאַשקען וויזן דעם שליאַך פון איר קינדהייט, דעם טייך און דעם גרינעם אייר. זי האָט מיט דרך־ארץ געטראַכט פון די אינטערעסאַנטע ביכער וועלכע ער לייענט, פון די קלאָרע, פאַרשטענ־

דיקע רייד וועלכע זי נעמט אויף מער מיטן געפיל פון אַ יונגער פרוי, ווי מיטן שכל. נאָר סיי ווי — די דאָזיקע רייד זענען איר נאָענט, און זי ווערט אַרומגענומען מיט אַ וואַרעמקייט, וואָס שטראָמט פון די דאָזיקע רייד. באַגעגנט האָבן זיי זיך אין דער „רבקה גאלין"־ביבליאָטעק. פון דאַן אָן האָט איר לעבן באַקומען אַ ציל — ביכער. באַקענען די וועלט, און ניט נאָר באַקענען — זי פאַרשטיין. די ביכער, דאָס איז גאָר אַן אַנדער וועלט, נאָר פונדעסטוועגן, אַז יאָשקע קוקט אויף איר מיט זיינע ווייכע, עטוואָס פאַרזשמורעטע אויגן, איז ווי פרישע זשיווויצע וואָלט זיך צעגאָסן אין אירע גלידער. דאָס בלוזקעלע נעמט זיך דאַן נערוועז באַוועגן: אַרויף, אַראָפּ, ווי אַ געפאַנגענע פישל וואָלט זיך דאָרטן אינעווייניק געצאַפּלט...

זי פירט אים דורך די שטעגלעך פון וואַלד, אויף וועלכע זי איז אויפגעוואַקסן. די גרינקייט פון וואַלד איז דורכגעפלאָכטן מיט זון־שטראַלן און צוויטשערן פון פייגל פאַרהילכט די לופט.

פאַר יאָשקען, וואָס האָט שוין אויף די רוקנס פון די ביכער דורכגעשניטן ימען און אָקעאַנען, ווייטע פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, געדיכטע דזשונגל און ווייטע צפונדיקע טונדרעס — איז פונדעסטוועגן דער נאָענטער וואַלד כמעט אַ זעלטנהייט. ער ווייס ניט וואוהין פריער צו קוקן, ווייל יעדע זאַך איז פאַר אים ניי. אָט שפּרינגט אַ גרויסער ברוינער וועווריק פון איין בוים צום צווייטן. זיין פוכיקער עק צעלאָזט זיך אין דער לופטן ווי אַ זעגל, אין וועלכן עס בלאָזט דער ווינט. יאָשקע שפּרינגט אָפּ אין אַ זייט, מורא האָבנדיק אַז די וועווערקע וועט אַראָפּפאַלן אויף אים. פּערל דערזעט עס און שיסט אויס מיט אַ געלעכטער.

אַ הילכיקער עכאָ ענטפערט איר אָפּ און צעשיט זיך וויט... וויט...

— דאָס איז דער ווידער־קול — גיט זי יאָשקען צו פאַרשטיין — אָט אַזאַ ווי אין אַ טיפן ברונעם: דו שרייסט אַריין און דיין שטים קומט ווידער צו דיר...

אַן אַלטע, אויסגעקרימטע בעריאָזע האָט זיך געצויגן האַרט ביי דער ערד, ווי דער וואַלד וואָלט אַ באַנק געלאָזן וואַקסן, און אונטן אויסגעשפּרייט אַ טעפּיך פון סאַמעטענעם מאָך. אין פּערלס שויס זענען געלעגן ווייסע בלומען, מיט געלע הערצלעך. אַרום, אויף דער ערד, איינציקע, אויסגעפּליקטע בלעטלעך. ווי די דאָרפישע מיידלעך, האָט אויך פּערל אויף די דאָזיקע בלעטלעך געפּרוּווט טרעפן איר גורל:

— ליוביט, ניע ליוביט... ליוביט.

יאַשקעס בליק פאָלגט נאָך יעדע באַוועגונג פון די הענט. זיין פּנים פאַרראַט גאַרניט: סיי דאָס, אַז ער קען די דאָזיקע שפּיל און באַטראַכט עס פאַר זאַבאַבאָנעס, אַבערגלויבן, און סיי דאָס, אַז די גאַנצע זאַך איז אַרויסגעוואָרפן די מי. ער ווייס שוין פון לאַנג דעם ענטפער:

— ליוביט...

נאָר ס'איז אים אָנגענעם וואָס פּערל וויל אַלץ ביי די בלומען אַרויסרייסן דעם סוד:

— ליוביט, ניע ליוביט... ליוביט...

* * *

ווינטערדיקע פרימאָרגנס האָבן איינגעהילט דאָס שטיבל מיט שווערע שניי־דעקן און מען האָט עס קוים אַרויסגעזען. אַלע וועגן אַרום זענען פאַרשאָטן און קיינער טרעט זיי ניט אויס. נישטאָ ווער עס זאָל אַראָפּשאַרן דעם שניי פון דאַך, פאַנאַנדערבלאָזן פייער אין אויוון. עס זענען זיך צעפלויגן די פייגל, און הערש־בער מיט פּערלען, פאַרטריבן.

עס האָט זיך געפילט דער הויך פון אַ חיה, וועלכע קיינער זעט ניט, אָבער אַלע האָבן מורא פאַר איר — מלחמה.

— — — ווידער האָט דער פרילינג זיך צעשמייכלט ווי קיינמאָל גאַרניט. פאַרוואַנדלט דעם שניי אין ריטשקעלעך און די פעלדער באַ־פּוצט מיט גרינס. די פרעש האָבן ווידער פאַרצויגן דאָס אור־אַלטע פראָשן־ליד:

— קוואַ... קוואַ...

פאַרוואָרלאָזט שטייט דאָס הייזל. ווילדע בלומען שפּראָצן פון צווישן די באַלקנס, און פויערים קוקן מיט מיטלייד אויף די אויסגע־קרומטע, מיט בלומען באַוואַקסענע ווענט.

אַמאָל האָבן זיי באַמערקט שאָטנס, וואָס זענען געשפּרונגען ווי גרינע היי־שפּרינגערס — אַ שפּרונג, און פאַרשוואונדן אין הייזל. די פויערים האָבן זיך פרום איבערגעצלמט, פאַרטרייבנדיק די ניט־גוטע, און מער ניט געקוקט צום שטיבל.

ביינאַכט, ווען טונקעלע וואָלקנס האָבן ווי שלייערס פאַרשטעלט די לבנה און דאָס וואַסער האָט זיך צונויפגעשפּינט מיט דער נאַכט, האָבן שאָטנס זיך אַראָפּגעגליטשט צום ברעג מיט געפּעק, און אַ שיפל איז אָן גערויש פאַרשוואונדן צווישן די כוואַליעס.

הערש־בער האָט געקענט זיין טייך. געוואוסט זיינע קאַפּריזן און רגילות, די קעסל־גריבער און אונטערוואַסער־שטראָמען. ער האָט דאָס שיפל געפירט זיכער, רודערנדיק מיט זיינע שטאַרקע הענט. פּערל איז ווי אַמאָל אים אַנטקעגן געלאָפן.

פון פישער זענען זיי געוואָרן פאַרטיזאַנער. יעדערער האָט גע־האַט זיין חשבון מיטן שונא. פּערל: פאַר די צעשאָסענע חברים פון פאַראיין, די פאַרברענטע ביבליאָטעק. הערש־בער — פאַר די יידן פון שטעטל, וואָס זענען אים אַצינד נאָענט געוואָרן, פאַר זיינע אָפּגע־ברענטע שכנים, פאַר זיין פאַרוואָרלאָזט שטיבל.

די דייטשן האָבן באַלאַגערט דעם ברעג טייך, וואו דאָס שטיבל איז געשטאַנען, און פון דער צווייטער זייט אַרומגערינגלט דעם וואַלד. אין דעם רינג האָבן זיי געוואָלט דערשטיקן די פאַרטיזאַנער. מען האָט געמוזט אָפּטרעטן. הערש־בער האָט געוואָלט דאָס לעצטע מאָל אַ קוק טאָן אויף זיין שטיבל. ער האָט זיך אַריינגעשאַרט צווישן די קוסטעס ביים ברעג און דערזען — אויף דער פריזבע פון שטיבל זיצן דייטשע סאָלדאַטן... טרערן האָבן אַ שפּאַר געטאָן אין זיינע אויגן. ס׳האָט אים פאַרפעלט אָטעם. ער איז אַוועק צום קאָמאַנדיר. דער

שמועס האָט זיך געצויגן לאַנג. ס'איז ריזיקאַליש און הערש־בער איז דער בעסטער רודערער אין דער אָפּטיילונג. אַ קענער פון דעם טייך. פונדעסטוועגן האָט ער געפילט, וואָס עס דריקט הערש־בערן און ער האָט מסכים געווען.

ער האָט זיך פאַרשטעקט ביים ברעג. עס איז געוואָרן נאַכט. אַ מילך־ווייסער נעפל איז געשטאַנען איופן וואַסער. ער האָט פאַר־זיכטיק אַראָפּגעלאָזט דאָס שיפל. אין ער רגע איז צוגעפאַלן פערל:

— טאַטע, כ'פאָר מיט!

עס איז ניט געווען קיין צייט צו טראַכטן. דאָס שיפל האָט זיך פלינק געגליטשט איבערן וואַסער. עס איז געווען אַזוי שטיל, אַז הערש־בער האָט געהערט ווי די טראָפּנס פאַלן צוריק פון דער וויאָסלע אין וואַסער און די ווערלן טוען פון צייט צו צייט אַ לעק דאָס גליטשיקע האָלץ פון שיפל.

מיט אָנגעשפאַנטע נערוון האָבן די פאַרטיזאַנער געוואַרט אויף זייער צוריקקער. די נאַכט האָבן זיי געזאָלט דורך אַ פאַרבאָרגענעם וואַסער־וועג אין אייר דורכרייסן די אַרומרינגלונג פון שונא, און אויפ־בויען אַ נייעם לאַגער אין דער פושטשע. אַ שעה נאָך אַ שעה איז פאַרגאַנגען.

עס איז געווען שטיל, ווי פאַר אַ שטורעם. פלוצלונג האָט אַ פייער־זייל זיך אויפגעהויבן און אַ רויטער רעגנבויגן האָט באַלויכטן די נאַכט.

הערש־בער און פערל האָבן זיך צוריקגעקערט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין דער פרי האָבן פאַרבייגייענדיקע פויערים מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס, אויפן וועג צום מאַרק, דערזען דעם הויפן אַש אויפן אָרט וואו דאָס שטיבל איז געשטאַנען, ווי אַ סימבאָל פון פרידן און איינ־געזעסנקייט אין דער געגנט. דערזעענדיק דאָס בערגל אַש, האָבן זיי זיך געבומען צלמען:

— אַ פאַרפאַלענע וועלט. קאָלי ניע מאַ אודשע איצקאָוואָי כאַטי...

דער אויפשטאַנד

יאָרן זענען פאַרביי און איך האָב זיך ניט געקענט אַנטשליסן: זאָל איך דעם מענטשן אויפזוכן, אָנוועקזעצן זיך קעגנאיבער אים און מיט מיין אָנוועזנהייט אַרויסרופן ביי אים רעפלעקסן פון אַ צייט, וועלכע ער באַמיט זיך געוויס צו פאַרגעסן — אויב ניט, האָט דאָך דאָס ווייטער־דיקע לעבן קיין זין ניט. אַ דינע הויט האָט זיך פאַרצויגן איבער דער וואונד. עס איז אָבער ניט געווען קיין וואונד געמאַכט מיט אַ מעסער אָדער קויל — אַזאַ וואונד לאָזט איבער נאָך זיך אַ שראַם, אַ דרויסנדיקן צייכן, וואָס ווערט פאַרהאַרטעוועט. עס איז אַ וואונד, פון וועלכער עס בלוטיקט די נשמה, אויב אַ נשמה קען בלוטיקן.

עס איז דאָס בילד, וואָס עס האָבן אויפגענומען די אויגן, ווי דורך די אָביעקטיוון פון אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, און עס טיף איינגעקריצט אין די געוועבן פון מוח, און ביסלעכווייז, מיט דער לויף פון דער צייט, נעמען די דאָזיקע בילדער בלאַסער ווערן, פאַרגייען און ביס־לעכוויז לייזן זיי זיך אויף. האָב איך דאָס רעכט זיך אַריינצורייסן אין לעבן פון אַ מענטש און אין אים ווידער אַרויסרופן די דעראינע־רונגען פון וועלכע עס נעמען פרירן די האָר־וואָרצלען?

יאָרן זענען אַדורך זינט איך האָב דעם מענטש געהערט דערציילן אייניקע עפּיזאָדן פון דער צייט, ווען אַ פאָלק איז מיט קאַלט־בלוטיקער, מאַטעמאַטישער אויסרעכענונג אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד־אויבערפלאַך דורך ברואים, וואָס ס'איז זיי שווער אַריינצופּאַסן אין דעם באַגריף „מענטש“. געוואוסט האָב איך, אַז דער מענטש האָט איבער־

געלעבט אַ סך מער ווי אַנדערע, זעענדיק טאָג־טעגלעך דעם טויט פאַר די אויגן...

— אפשר וועט אים גרינגער ווערן — האָב איך מיך געפּרוווט איינרעדן. — אפשר וועט דורך דערציילן אויפגעעפנט ווערן דער קוואַל פון יסורים, וואָס דריקט אין אים און זוכט אַן אויסוועג? דורך העלפן אים אַרויסברענגען דעם דאָזיקן איבערפלוס אויף דער אויבער־פלאַך וועט ער זיך באַפרייען, אויף וויפיל דאָס פאַרגאַנגענע לאָזט זיך בכלל אויסמעקן — און וועט זיך אָפּטיילן פון דעם שוידער. אויף דעם אָרט וועלן קומען בילדער פון אַ באַנייט לעבן, וועלכע וועלן אים אין אַ געוויסער מאָס טרייסטן.

כאָטש עס זענען צו מיר דערגאַנגען קלאַנגען, אַז פון צייט צו צייט דערציילט ער צווישן באַקאַנטע, צווישן פריינד, איניקע עפּיזאָדן פון זיין לעבן אין יענער צייט, פונדעסטוועגן האָב איך געוואוסט אַז נאָר צוויי מענטשן — אין דער דאָזיקער מיליאָנען־שטאָט — קענען אויפ־נעמען יענעם פּעריאָד פון זיין לעבן מיטן זעלבן אינטערעס. איך, דער ניעסוויזשער ייד, וואָס האָט על פּי צופאַל אויסגעמיטן די שחיטות, און ער — דער פּליט פון לאָדזש, ווען ס'איז באַשערט געווען צו שפּילן די הויפּט־ראָל אין ניעסוויזשער געטאָ.

בלויז אין מיר קענען זיינע רייד געפינען אַן אָפּקלאַנג, ווארום איך בין ניט קיין צופעליקער צוהערער, נאָר איינער וואָס איז איינגע־וועבט אין דער שטאָט און איז בכוח נאָכצופאָלגן אים פוס־טריט; פון גאַס צו גאַס, פון איין פּאַסירונג צו דער אַנדערער — אַדורכשלאָגן זיך אויף צוריק צו יענע געשעענישן, וועלכע האָבן אַוועקגעריסן ניט נאָר די נאָענטסטע, נאָר האָבן אויך אונטערגעשניטן די גייסטיקע וואָרצלען פון וועלכע דורות האָבן געשעפּט יניקה.

פונדעסטוועגן האָט עס גענומען יאָרן, ביז איך האָב זיך אַנט־שלאָסן אים אויפצוזוכן...

* * *

פאַר מיר איז געזעסן אַ מענטש מיט אַ גרייז־גראָען קאָפּ האָר. פון זיינע קאַלטע, שטאַל־גרויע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַן אומעט, וואָס אויב מען וואָלט אים געקאָנט פאַנאַנדערשיפרירן און אויסדריקן אים מיט בוכשטאַבן, וואָלט זיך עס געוויס געלייענט ווי איין וואָרט — שרעק. דאָס איז געווען דאָס געפיל וואָס איז פון אור־מענטש אַרײַנבערגעוואַקסן אין אונדז, און כאָטש דער מענטש איז אַצינד אויסער יעדער סכנה, איז אין בליק זיינעם דער זעלבער אויסדרוק, ווי דאַן הינטער געטאָ־דראָטן. אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ דער גערויש פון נאַכטיקן וואַלד, דער אומרו פון מענטש, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געיאָגטער חיה.

אין זיין צעאַקערט פּנים איז יעדער שטריך ווי אויסגעהאַקט פון שטיין, אַזוי שאַרף און בולט איז דאָס מייסטער־ווערק פון ווינט, רעגן און איבערלעבונגען. די נאַטור האָט אירע אייגענע קאַפּריזן צו געשטאַלטיקן און אַרויסברענגען די אינעווייניקסטע אויפטרייסלונגען פון דער נשמה און געבן עס אַ פּלאַסטישן אויסדרוק.

דאָס דאָזיקע בילד ווערט דאַן אַן אָפן בוך, וואָס לאָזט זיך לייענען. אויף די קאַרבן פון זיין פּנים איז געלעגן אַ דינער, קוים באַמערקבאַרער שלייער פון אומעט.

צו אים טוליעט זיך אַ קינד, אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר פיר, און מאָנט זיינע קינדערשע רעכט:

— טאַטע, קום זיך שפּילן...

דער זוניקער דרויסן האָט סייִנגעלע מיט די לעבעדיקע קאַרשןאויגן ניט געלאָזן רוען. עס זעט כמעט ניט דעם טאַטן דורך דער וואָך, און היינט איז זיין טאָג.

— טאַטע, קום זיך שפּילן — האָט ער אים צוגעטראָגן דעם באַלעם.

איך האָב זיך דערפילט שולדיק, וואָס איך האָב ביים קינד צוגענומען זיין חבר פון שפּיל. דעם טאַטנס ביינערדיקע פינגער האָבן צאַרט געגלעט דאָס קעפל פון קינד און געבעטן:

— שפעטער, מיין קינד, שפעטער...

ער האָט פאַרצויגן דעם פּאַפּיראָס, אַ קוק געטאָן אויף מיר פאַר־טראַכטערהייט, ווי ער וואָלט געזוכט דאָס ריכטיקע וואָרט, אָדער גאָר דעם מאָמענט פון וועלכן ער זאָל קענען אָנהויבן. דאָס קינד איז שטיל געבליבן זיצן אין ווייכן פאָטעל, מיט אַ שפּילצייג אין האַנט. שמעון מילשטיין האָט גענומען דערציילן:

— „געוואוינט האָב איך אין ניעסוויזש אויף סאַדאָווע גאַס, דאָרט וואו עס געפינט זיך פאַסטאַרעמטשיקס גרויסער סאָד. מיין שכן, דער פאָליאַק טעליוק, וואָס איז פריער געווען אַ לערער פון דייטש אין דער פוילישער פאָלקס־שול, איז דורך די דייטשן באַשטימט געוואָרן אַלס בירגערמייסטער. איין טאָג האָבן זיך ביי אים אין שטוב צונויפ־געקליבן דייטשישע אָפיצירן, וועלכע ער האָט איינגעלאַדן. ווען אַלע זענען שוין געווען היפשלעך שיכור, איז דאָס געשפּרעך אַוועק וועגן די יידן. פאַר די דייטשישע אָפיצירן איז די זאַך געווען אַ קלאָרע:

— איין טאָג וועט מען די יידן אויסשיסן און אויס מיט זיי...

טעליוקן איז עס ווייניק געווען:

— ווען עס גייט אין מיר, וואָלט איך זיי אַלע פאַרשפּאַרט אין אַ גרויסער מויער און געלאָזן אויסשטאַרבן פון הונגער. זיי האָבן זיך שוין גענוג אויסגעפרעסן מיט די פעטע, ווייס־רוסישע גענדז...

פאַר מיר איז דאַן קלאָר געוואָרן וואָס אונדז דערוואַרט און אויף וואָס מיר קענען זיך יעדן טאָג ריכטן. די דייטשישע אָפיצירן האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט, גלויבנדיק אַז קיינער וועט זיי ניט אונטערהערן. איך האָב זיך געזען מיטן קסיאָנדז־דירעקטאָר פון דער אַמאָליקער פוילישער גימנאַזיע, און אים געלאָזט וויסן די געשיכטע. ער איז פאַרציטערט געוואָרן.

— ביסט משוגע געוואָרן? — האָט דער קסיאָנדז שפּעטער גע־פרעגט טעליוקן.

— כ'בין געווען שיכור — איז געווען טעליוקס פאַרענטפערונג.

סיי ווי — מיין גורל איז מיר קלאָר געוואָרן, און כ'האָב ניט געזען די מינדסטע סיבה צו צווייפלען, אַז ס'וועט אַזוי זיין.

ווי דער בירגערמייסטער פון שטאָט, האָט טעליוק צוגעשטעלט אַ רשימה פון מענטשן, וועלכע דאַרפן בילדן דעם יודנראַט. פון די ניעסוויזשער זענען געווען מישאַ באַשינקעוויטש, דער אינזשיניער גרינוואַלד, דער פאַרבן־סוחר וואַסיליעווסקי. דער לאַדזשער אַדוואָ־קאַט מאַגאַליף איז געוואָרן פרעזעס, און איך — סעקרעטאַר.

די דייטשן האָבן פון מיר פאַרלאַנגט איך זאָל לאָזן אין גאַנג קושע שאַבעסעס טעקסטיל־פאַבריק, מיט וועלכער איך האָב פאַר־וואַלטעט ביי די סאָוויעטן. פון טעקסטיל האָב איך זיך איבערגע־שטעלט אויף טריקאָטאַזש. די קאָמענדאַטור האָט גענומען אויף זיך צו באַזאָרגן דאָס נויטיקע, כדי די פאַבריק זאָל קאָנען פּראָדוצירן. כאָטש איך בין דעם גאַנצן טאָג געווען באַשעפטיקט אין פאַבריק, פונדעסט־וועגן פלעגט מיר אָפט אויסקומען צו גיין אין דער קאָמענדאַטור וועגן ענינים פון יודן־ראַט. עס שטייט מיר פאַר די אויגן דער פאַל פון דאָקטער גינזבורג: ער איז אַרעסטירט געוואָרן ווייל עמיצער האָט דערציילט, אַז ער האָט גאָלד. נאָר איידער וואָס־ווען, האָט מען אים אַזוי צעשלאָגן, אַז ס'איז אים אוממעגלעך געווען צו דערקענען. איך האָב זיך געזען מיט פרוי גינזבורג און איר דערציילט ווי עס זעט אויס.

— האָסטו גאָלד איז גלייכער גיב עס אַוועק, אַניט קענען זיי דיין מאַן דערשיסן אויך. נאָר טאָמער איז עס אַ בילבול, וועל איך פּרוון זיך פאַר אים איינשטעלן.

— אין אונדזער קעלער, אין אַ ווינקל, שטייט אַ פּוסטע פאַס, גראָבט אונטער דעם פאַס, און דאָרטן וועט איר עס געפינען — האָט זי מיר געענטפערט.

צוזאַמען מיט אַן אַרבעטער און אַ זשאַנדאַרם האָבן מיר געפונען אַ קליין זעקעלע גאָלד. איך האָב גינזבורגן געבראַכט צום אַלטן,

רוסישן דאָקטער ליטשקאָווסקי, יענער האָט געקווענקלט זיך אים אָנ־צונעמען און געבן אים הילף.

— גינזבורגס צושטאַנד איז ניט קיין שווערער, כאָטש ער האָט פאַרלוירן אַ סך בלוט — האָט ליטשקאָווסקי פאַרזיכערט.

פון די פאָר טויזנט יידן זענען אין געטאָ אַריין אַרום פינף הונדערט מענטשן. דאָס זענען געווען די וועמען דער דייטש האָט אָפּגעקליבן צו דער אַרבעט. אין שאַבעסעס טעקסטיל־פאַבריק, וואו מען האָט אַצינד אויסגעאַרבעט סוועטערס, האָט מען געבראַכט צו פירן די בגדים פון די אומגעבראַכטע יידן כדי זיי איבערצואַרבעטן אויף וואָל.

דאָס בלוט האָט געגליווערט ווען מיר האָבן דערזען די קליידער פון אונדזערע נאָענטע. עס האָט זיך געדוכט אַז אָט וועט פון אַן אַרבל אַרויסקוקן אַ האַנט אַ לעבעדיקע און וועט אונדז דראָען:

— וואָס טוט איר? ווער האָט עס אייך אויסגעקליבן צום לעבן?...

נאָר די אויגן זענען געבליבן טרוקן. די טרערן־קוואַלן זענען שוין אויסגעטריקנט געוואָרן...

פון געטאָ האָב איך געבראַכט אַ גרופּע שניידערס און זיי אָנגע־וויזן וואָס זיי דאַרפן טאָן ביים פאַנאַנדערטרייסן די קליידער. ביים אויפטרענען די איינציקע טיילן האָבן די שניידערס געפונען איינגע־נייטע גאָלד־שטיקלעך, דאָלאַרן. זיי זענען באַווירקט געוואָרן פון אַ שיגעון פון ווערן גבירים, פאַרגעסנדיק פון וואַנען דאָס געלט שטאַמט. עס איז דערגאַנגען אפילו צו רייסערייען צווישן די שניידער. דעמאָלט בין איך געוואָיער געוואָרן וואָס עס קומט פאָר. זיי זענען גרייט געווען מיר אויסצוטיילן אַ חלק, אַבי איך זאָל זיי אויסגלייכן.

— קיין חלק וויל איך ניט. נאָר איינס זאָג איך אייך: קלאָמערט זיך ניט אין גאָלד, קויפט זיך איין געווער. אַ רעוואָלווער קען אייך ראַטעווען דאָס לעבן!

— איך, אַ רעוואָלווער? — האָט זיך אָפּגערופן דער שניידער יאַגינעס — די פוילישע אַרמיי איז זיך צעפאַלן אין אַ פאָר וואָכן, די

רוסישע אַרמיי איז צעקלאַפּט, טאָ זאָל איך, דער שניידער יאַגינעס, גיין קעמפן מיטן דייטש?

אין דער צווישנצייט האָבן די דייטשן געענדערט זייער פּלאַן בנוגע פּוילן. זיי האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ ווייס־רוסישע רעפּובליק. דעמאָלט איז געחתמעט געוואָרן דער גורל פון אַ גרויסן טייל פון דער פּוילישער אינטעליגענץ. טעליוקן און דעם קסיאָנדז־דירעקטאָר האָבן די דייטשן אַוועקגעפירט אין די גלינישטשעס און דערשאָסן.

* * *

דאָס פּראָבלעם פון געווער האָט מיך ניט געלאָזן רוען. דאָס איז געווען דער איינציקער שאַנס צו קענען זיך דורכרייסן אין לעצטן מאָמענט, ווען דער חלף וועט ליגן אויפן האַלדז.

אין אַ געוויסן טאָג קומט צו מיר וורובליעווסקי, אַ געוועזענער אָפיציר פון דער פּוילישער אַרמיי, וואָס האָט געאַרבעט ביי די דייטשן ווי אַן אָנפירער פון אַ שניידער־וואַרשטאַט, און ברענגט מיר אַ גרוס פון דעם פּאַרוטשניק, וואָס איז געווען שעף פון דער פּוילישער אָפּיצירן־שול וואו איך האָב געדינט. כ'האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז ער דאַרף פון מיר עפּעס. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די פּוילישע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אונטערן נאָמען א.ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ) האָט אין דאָרף לאַן — אַרום זיבן קילאָמעטער פון שטאָט — געבראַכט אַ טראַנספּאָרט געווער און עס איז דאָ אַ חשד, אַז די דייטשן זענען געפאַלן אויף זיין שפּור. זיי צו העלפן, האָב איך געקראָגן אַ דערלויבעניש פון קאָמענדאַנט אַרויסצושיקן קיין לאַן עטלעכע פורן וואָל, וועלכן די פּויערים זאָלן איבערקלייבן, ווייל ס'איז זייער דרינגענדיק. צוריק זענען די פורן געקומען מיט די זעק וואָל צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען רעוואָלווערן. זיי זענען אַ לענגערע צייט געלעגן אין פאַבריק ביז די געלעגנהייט איז געקומען זיי אַרויסצופירן. דורך וורובליעווסקין האָב איך איינגעקויפט עטלעכע רעוואָלווערן פאַר מענטשן וואָס

מ'האָט זיי געקענט אָנטרויען, אַז זיי וועלן עס קענען באַנוצן. נאָטיר־לעך האָט וועגן דעם געוואוסט אַ גאָר קליינער קרייז.

און אָט קומט צו מיר אין פאַבריק אַריין אַ דייטש, דער פאַר־וואַלטער פון די מאַגאַזינען, וואו ס'האָט זיך געפונען דאָס פאַרכאַפּטע רוסישע געווער. מיר צעשמועסן זיך, און ס'ווערט מיר קלאָר דער ציל פון זיין באַזוך — ער וואָלט וועלן האָבן אַ סוועטער פאַר זיין פרוי. כאָטש עס איז געווען פאַרבאָטן אַרויסצוגעבן סוועטערס אפילו פאַר דייטשן, אויב זיי אַרבעטן אויפן אָרט, ווייל פון דער גאַנצער פּראָדוק־ציע האָט געפירט אַ גענויע רעכענונג די מיליטער־מאַכט און עס גע־שיקט צום פראָנט, פונדעסטוועגן האָב איך אים צוגעזאָגט. דעם צווייטן טאָג, אַרום אָוונט־צייט, ווען ער האָט דערזען דאָס פּעקל סוועטערס פאַר זיין פרוי און קינדער, איז ער געווען איבערראַשט און גערירט פון דאַנקבאַרקייט.

צומאַרגנס בין איך איינגעלאַדן געוואָרן אין זיין ביוראָ. אין אַ געוויסן מאָמענט מאַכט ער אויף דעם שופליאַד פון זיין שרייב־טיש. איך דערזע אַ נייעם, פינקלדיקן פיסטאָליעט.

— נעם עס — זאָגט ער צו מיר — דאָס קען דיר אַמאָל ראַטע־ווען דאָס לעבן.

צוערשט האָב איך געטראַכט: אַהאַ, אַ פּאַסטקע. אין קיין רעוואָל־ווער נויטיק איך זיך ניט. ביי דער געלעגנהייט האָב איך געטראַכט:

— אויב שוין אַריינפאַלן, איז פאַר עפּעס גרעסערס. און צום דייטש האָב איך אַזוי געזאָגט:

— מיין לעבן אינטערעסירט מיך ניט. אויב דו ווילסט מיר באמת העלפן, דאַרף איך האָבן מאַשין־געווער.

— מאַשין־געווער? ביסט משוגע? — דאָס איז דאָך אוממעגלעך... וואו וועסטו עס באַקומען?

— הער אויס — זאָג איך צו אים. — ביי דיר געפינט זיך רוסיש מאַשין־געווער. קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם, אויב ס'פעלן

אַ צווייִ אָדער ניט. סיי ווי נוצט איר עס ניט. איך נוץ דאָס מיסט, וואָס ליגט אין זעלבן סקלאַד, דו ווייסט דאָך: די קינסטלעכע באַמיס־טיקונג צו פאַרבן וואָל. ווער איך שיקן צוויי פורן נאָכן מיסט און אין די קעסטלעך מיטנעמען דאָס געווער. מעגסט זיכער זיין, אַז כ׳וועל דיך ניט אַרויסגעבן, אויב מיר פאַלן דורך.

— און וואו וועסטו נעמען אַמוניציע? — איז דער דייטש נאָך אַלץ ניט זיכער אַז אַזאַ זאַך לאָזט זיך דורכפירן.

— כ׳וועל שיקן מיידלעך פון געטאָ צום פוצן דאָס געווער און זיי וועלן שוין אַרויסטראָגן אַמוניציע.

די צוויי פּורמאַנעס פון געטאָ האָב איך אָנגעזאָגט:

— אויב איר לאָזט אַרויס אַ פּיפּס אין געטאָ, זענט איר ניט זיכער מיטן לעבן!

דאָס מאַשין־געווער האָבן מיר צוגעגרייט ביי די פענצטערלעך פון דער קאַלטער שול וואו ס׳האָט זיך געפונען די ווייבערשע שול. זיי זענען אַרויסגעקומען פונקט אויפן געטאָ־טויער. צווישן די גראָבע שול־ווענט האָבן מיר אויסגעהוילט דורכגענג. ביי דער ערשטער גע־לעגנהײט דאַרף די באַשטימטע אָפּטיילונג באַלד פאַרנעמען די פּאָ־זיציעס. דאָס איז געווען די אָפּטיילונג פון אינזשיניער פּאָפּ, וואָס איז געווען אַ פּוילישער אָפיציר, ישראל שוסטערמאַן און די ברידערלעך משה און ניאָמע דוקער.

אין אַ צייט אַרום האָבן די צוויי מיידלעך: לייקע דוקער און רחלע קאַגאַן (אין שטאָט האָט מען זיי גערופן די קאַדישעס) געבראַכט גענוג אַמוניציע, פאַרבאַהאַלטן אונטער די קליידער.

* * *

פריער שוין, נאָך איידער דאָס געטאָ איז געשאָפן געוואָרן, האָבן די דייטשן פון אונדז פאַרלאַנגט קאָראַקול־פוטערס, זייף און לעדער, פּאַפּיראָסן, קאָנטריבוציעס אין גאָלד און פּאַפּיר־רובלס, זילבער. אָבער אויך אין געטאָ האָבן די צרות ניט געפעלט.

אין אײנעם אַ פאַרנאַכט רופט מען מיך אַרויס אין דער שטאָט־פּאָליציי. אַ האַלב־שיכורער, אָפּגעריסענער פויער שטעלט זיך פאַר מיר פאַר:

— איך בין דער נייער פּאָליציי־קאָמענדאַנט. מאָרגן אין דער פרי דאַרף איך זיך פאָרשטעלן פאַרן שטאָט־קאָמענדאַנט. דאַרף איך האָבן אַ נייעם אַנצוג, געמאַכט אויף מיין מאָס, אַ פּאָר נייע שטיוול, וועש, סקאַרפּעטן, אַ זייגערל, אַ רינג און אַ פּאַרטציגאַר מיט פּאַפּיראָסן. טאָמער וועט עס ביז מאָרגן פרי ניט ווערן באַשאַפן, וועט דאָס געטאָ מיך האָבן צו געדענקען. ווארום וואָס מער יידן איך וועל דערשיסן, אַלץ מער אַנזען וועל איך האָבן ביי די דייטשן...

איך האָב אַרויסגענומען מיין זייגערל און אים געוויזן:

— דער זייגער איז שוין האַלד פינף, און דאָס געטאָ האָט בלויז ליכט ביז אַרום צען, ווי איז דאָס אַלץ מעגלעך צו דערוויזן?

— אָ, דאָס זייגערל קען איך דערווייל נוצן און וועגן די איבעריקע זאַכן נעם זיך ניט איבער, אויב איך וועל ניט האָבן קיין אַנצוג, וועט מען שוין קיין שניידערס איבערהויפט ניט דאַרפן...

איך האָב געזען ווי מיין זייגערל פאַרשווינדט אין זיין טאַש און בין אַוועק אין געטאָ.

אויף דער באַראַטונג פון פאַכלייט, וואָס איך האָב צונויפגערופן, כדי זיי איבערצוגעבן די וואונטשן פון נייעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט, איז אויסגעבראָכן אַ יללה:

— ווי וועלן מיר דאָס באַוויזן?!

די סוחרים האָבן צוגעשטעלט לעדער און מאַנופאַקטור. מיר זענען אַוועק אין דער פּאָליציי אָראָפּצונעמען אים אַ מאָס...

— יידן — האָב איך צו זיי געזאָגט — דער אוקראַאינער זעט מיר אויס צו זיין דער ריכטיקער באַנדיט...

דאָס ליכט האָט אין געטאָ יענע נאַכט געברענט שפּעט.. פאַרטאָג זענען פון יעדן הויז געלאָפן ווער מיט אַן אַרבל, ווער מיט אַ פאַרסטרי־

געטער פּאָלע. איינער האָט געשלעפּט אַ שטיוול, דער צווייטער אַ פּאָר שקאַרפּעטן. מיר האָבן אים אויסגעפּוצט — כאָטש לייג אים אין טרומנע אַריין — דער אוקראַינער איז געווען צופרידן. דאָס געטאָ האָט ער צורו געלאָזט.

עטלעכע וואָכן שפּעטער איז ער פאַרשוואונדן. מיר האָבן לייכ־טער אָפּגעאָטעמט, כאָטש קיינער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אַהינגעקומען. אין אַ שיינעם פרימאָרגן באַוויזט ער זיך ביי מיר אין פאַבריק, און שטעלט זיך פאַר ווי אַ וויכטיקער געשטאַפּאַ־מאַן:

— נייע צרות — האָב איך מיר געטראַכט.

— גיב מיר עטלעכע סוועטערס, אָדער איך שיס אייך אויס ווי די הינט — דאָס האָט ער געזאָגט קורץ און אָן פאַר־רעדעס.

איך האָב באַמערקט, אַז דאָס לעדערנע שיידל פון רעוואָלווער וואָס ער טראָגט איז ליידיק. דאָס האָט מיר אויסגעזען פאַרדעכטיק.

— אפשר איז איצט די צייט פון אים פּטור צו ווערן? — איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק.

די קאָמענדאַטור איז געווען אין דעם רויטן מויער, וואָס איז בלויז אַ קאַצן־שפּרונג פון פאַבריק. איך האָב עס געלאָזן וויסן דאָרט און שוין זענען געקומען עטלעכע זשאַנדאַרן. זיי האָבן דעם אוקראַ־אינער אַוועקגעפירט אויף די גלינישטשעס און דערשאָסן...

* * *

דאָס לעבן איז געווען שווער, ס'איז ניט געווען וואָס צו עסן. כאָטש קאַרטאָפל האָט אונדז פון צייט צו צייט צוגעשיקט אַ רוסישער וויס־גוואַרדייער, וואָס האָט געדינט אין דער דייטשער אַרמיי, און האָט פאַרוואַלטעט מיט ראַדזשיווילס גיטער. ס'איז שווער געווען מיט וואַסער, ווייל דער מאַרק־ברונעם איז געווען אויסערן געטאָ. דער מינדסטער פאַליציאַנט האָט אונדז אָנגעטאָן צרות.

— לאָמיר זיך דורכרייסן — האָב איך פאַרגעשלאָגן מיינע חברים.

— לאָמיר ניט וואַרטן ביז מען וועט אונדז אומגעריכט אַרומרינגלען און אָפּשיידן יעדע מעגלעכקייט אַרויסצוגיין אין די וועלדער.

געווען זענען מיר דאַן אַ גרופּע פון עטלעכע געוועזענע אָפיצירן פון דער פוילישער אַרמיי און אויך אויסגעדינטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן דערפאַרונג אין פירן אַ קאַמף און קענען זיך באַגיין מיט געווער. צו ערשט זענען מיינע פריינד מסכים געווען דורכצופירן דעם פּלאַן. אָבער שפּעטער האָבן זיך אַריינגעכאַפּט ספיקות:

— וואָס וועט זיין מיט מיין פרוי — האָט איינער געזאָגט — זי וועט ניט קענען מאַרשירן. קען איך זי איבערלאָזן?

פון פּלאַן איז גאָרניט געוואָרן און ס'איז געבליבן אָפּצוואַרטן.

דורך צושטעלן פּראָיעקטן, אַז מען קען פּראָדוצירן אַ ספּעציעלן סאָרט ווייסע לייוונט פון ליין, האָט זיך מיר איינגעגעבן אַרויסצוקריגן אַ דערלויבעניש אַוועקצופאָרן אין קוידענאָווער ראַיאָן, וואָס איז געווען אַ קילאָמעטער זעכציק אויף דער רוסישער זייט. מיין ציל איז געווען — צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט פּאַרטיזאַנער. דאָס איז מיר ניט לייכט אָנגעקומען, אָבער דער קאָנטאַקט האָט זיך איינגעשטעלט. די פּאַרטיזאַנער האָבן באַזאָרגט אויפרייס מאַטעריאַל, און איך האָב מינירט די פאַבריק, כדי ביי אַ געלעגנהייט זי אויפצורייסן

* * *

מילשטיין האָט זיך אָפּגערוט. זיין געזיכט האָט נערוועז געצוקט, ווי ער וואָלט נאָך אַמאָל איבערגעלעבט די גרוילן פון יענע טעג. די נערוון־שפּאַנונג איז דאַן דערגאַנגען צו דער העכסטער שטופע, אַז אפילו נאָך איצט, יאָרן שפּעטער, האָבן די נערוון גענומען וויברירן. דער אַש־בעכער, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, איז געוואָרן פול. ער האָט ווידער פאַררויכערט. דאָס קינד, וואָס האָט אינסטינקטיוו אַרויס־געפילט דאָס אומהיימלעכע פון דעם פּאַסירטן, האָט זיך גענומען טוליען צום פאָטער, זוכנדיק שוץ. מיין בליק איז געשפּרונגען פון

קינדס שוואַרץ קעפּל צום טאַטנס פּריצייטיק גרוי־געוואָרענע האָר. דאָס קינד האָט מיך צוריקגעבראַכט צו דערווירקלעכקייט, ווייל אַ רגע פריער האָב איך אין מיין באַוואוסטזיין מיטגעמאַכט מילשטיינס וועג אין געטאָ, געגאַנגען מיט אים איבער באַקאַנטע גאַסן. געזען די גע־ביידע פון יודן־ראַט, די עלעקטראָווניע, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן זייגער לויט וועלכן די אונטערוואַקסנדיקע יאַטלעך האָבן זיך אָפּגע־רעדט דאָס ערשטע מאָל מיט אַ מיידל און טאַקע דאָ האָט עטל די געלע געכאַפּט פעטש פון איר מאַמען, ווייל זי האָט זי געטראָפן אַרומשפּאַ־צירן מיט יאָשקע ידידיה דעם שוסטערס... איך האָב געפילט די אַטמאָספער הינטער די אַרומגעצוימטע געטאָ־הייזער, וואו די דראָטן זענען געלעגן האַרט אויף די פענצטער אַזוי געדיכט, אַז ס'איז אוממעג־לעך געווען אפילו אַ פאַר׳טקע אויפצומאַכן. איך בין מיט אים מיט־געגאַנגען אין דער שטאָט־קאָמענדאַטור, וואו מ'האָט אים אָפט גערופן און ער איז קיינמאָל ניט זיכער געווען, אויב ער וועט זיך צוריקקערן. איך בין מיטגעגאַנגען צו די גליִנישטשעס — אָט די ליימיקע גריבער — און צו דער גלייכער, הויכער וואַנט ביי וועלכער מען האָט דערשאָסן אונדזער שכן מאַריץ לעדער פאַר קויפן קאַרטאָפל ביי אַ פויער, און אַרע דעם שוחט, וואָס איז געגאַנגען מיט אַ גאַראַדייער ייד פון ניעס־וויזש קיין גאַראַדייע, כדי צו יידישן אָט דעם יידנס ניי־געבוירן קינד. די דאָזיקע וואַנט איז פול געווען מיט קליינע גריבעלעך, פון אויסגע־לאָשענע מענטשלעכע לעבנס אין רעוואָלוציעס, מלחמות און פאַרטיי־זאַנער־־קאַמפן.

פון די דאָזיקע ליים־בערגלעך, פאַרשאָטענע מיט שניי, האָבן מיר זיך געשליטלט. געפאָרן אויף נאַרטעס באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. די לופט איז דאַן געווען דורכזיכטיק בלוי, און דער ווייסער שניי האָט גע־בלענדט און דער פראָסט האָט שטיפעריש געקניפּט די באַקן...

גיי איך אַזוי נאָך די יידן, וואָס האָבן געדאַרפט מיט אומרו אין האַרצן גיין זייער וועג אין דער באַגלייטונג פון זשאַנדאַרן, און ביז זיי

זענען אָנגעקומען אויפן באַרג, האָבן זיי ניט געוואוסט וואוהין מען פירט זיי. ערשט דאָס שמאָלע שטעגעלע, וואָס האָט זיך געדרייט פאַרביי די בוימער אַראָפּ צו די ליים־גריבער האָט זיי געשטעלט פּנים אל פּנים מיט דערווירקלעכקייט אַז דאָס איז דער לעצטער וועג...

* * *

— כאָטש מיר האָבן זיך געגרייט, געוואוסט אַז יעדער טאָג קען זיין דער לעצטער, פונדעסטוועגן האָט עס אונדז געטראָפן אומגעריכט. פאַרנאַכט האָט מיר דער דייטש, פון וועלכן כ'האָב געקראָגן ס'געווער, געלאָזט וויסן, אַז אויף מאָרגן איז באַשטימט די ליקווידאַציע פון געטאָ. אויך אַנדערע יידן זענען עס דורך פאַרשידענע וועגן געוואָר געוואָרן. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן די לעצטע באַראַטונג אין נייעם בית־המדרש, און יעדער האָט באַקומען די אינסטרוקציעס ווי צו האַנדלען. אויפן פּלאַץ, פאַר „קאַלסן", איז געלעגן אַ סטויג מיט שטרוי. דער ברענענדיקער סטויג האָט געדאַרפט דינען ווי אַ סיגנאַל פאַרן געטאָ־אויפשטאַנד. אין יעדן הויז איז געווען אָנגעגרייט בענזין און נאַפט עס אונטערצוצינדן. עלטערע מענטשן האָבן זיך אויך פאַרזאָרגט מיט סם־טאַבלעטן, כדי זיך דאָס לעבן צו נעמען. אַרום אַזייגער אַכט אין אָוונט, איז דאָס געטאָ געדיכט אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט פּאָליציי: ליטווינער, ווייסרוסן, אוקראַינער און פּאָליאַקן...

דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן יולי ניינצן־צוויי־און־פערציק. פאַר־טאָג. אַ ספּעציעלער ס.ס.־אָפיציר רופט מיך אַרויס צום געטאָ־טויער. דער טויער, צווישן דער קצבישער שול און דער „קאַראַבקע", איז געווען דער איינציקער וועג אַריינצוגיין אין געטאָ. איך האָב זיך גע־ריכט, אַז מען וועט מיך באַזוכן און האָב מיין רעוואָלווער איבערגעגעבן אַ דערנעבן־שטייענדיקן; ווייל צוזאַמען מיט מיר זענען צום טויער מיט־געגאַנגען כמעט אַלע יידן.

— ביסטו עס מילשטיין?

— יאָ!

— דו וועסט איבערגיין אין דער פאַבריק אַריין!

— אויב איר וועט מיר דערלויבן מיטצונעמען מיין פרוי און קינד — כאָטש איך אַליין בין געווען אַ בחור, פונדעסטוועגן האָב איך אומעטום מיטגענומען, ווי מיין פרוי, די פרוי און קינד פון מיינעם אַ פריינד וואָס איז געבליבן שטעקן אין לאָדזשער געטאָ.

— אַזוי, דו הורן־זון! אָן אַ ווייב קענסטו ניט לעבן? — האָט ער אויסגערופן מיט סאַרקאַזם.

ער האָט אַרויסגעצויגן זיין רעוואָלווער און צוריקציענדיק זיך הינטערוויילעכץ, איז ער אַרויס פון געטאָ־טויער און אים פאַרהאַקט, אין דרויסן.

אין דעם מאָמענט זענען צו מיר צו די צוויי שניידער — איינער פון זיי יאַגינעס, און אָנגעבאָטן אַ זעקעלע גאָלד:

— מילשטיין, נעמט עס און באַזאָרגט אונדז מיט געווער!

— צו שפּעט...

און איידער כ'האָב פאַרענדיקט דעם זאַץ איז פון יענער זייט טויער געפאַלן אַ גראַנאַט. איין מאָל אַ זעלנער — תמיד אַ זעלנער, זאָגט מען. אינסטינקטיוו האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ זייט. פאַרלוירענע זענען די צוויי שניידער געבליבן שטיין. עס האָט זיך דערהערט אַן אויפרייס, און ווען דער רויך איז אַריבער, זענען די צוויי שניידערסט געווען שוין טויט. ביי זייער זייט איז געלעגן דאָס זעקעלע גאָלד. דער גראַנאַט־אויפרייס האָט געדינט ווי אַ סיגנאַל. דער עולם איז זיך צעלאָפן. עמיצער האָט אונטערגעצונדן דעם סטויג מיט שטרוי. פון בוידעם פון דער קאַלטער שול האָט גענומען שטעפּן אַ מאַשין־געווער. אין דער געשאַפענער פּאַניק האָב איך מער מיין רעוואָלווער ניט געקאָנט צוריקבאַקומען. בין איך אַריינגעלאָפן אין אַ יאַטקע, נעבן דער קצבישער שול. אַ פּאָליציאַנט איז שטיין געבליבן אין טיר און האָט אויסגעשאָסן. ער האָט געטראָפן אַ פרוי, וואָס איז

געזעסן ביים טיש מיט אַ קינד אויף דער האַנט. ווייסער מאַרך האָט אַ שפּריץ געטאָן איבער אונדז. קליאַטשקאָ פון דער כעמישער וועשע־ריי האָט זיך געוואָרפן אויף אים מיט אַ האַק און אים אַוועקגעלייגט. איך מיט מיין ברודער זענען אַריין אין דער קצבישער שול און אַריינגעפאַלן אין אַ פינצטערן קעלער. דאָרטן זענען שוין געווען עטלעכע ניעסוויזשער יידן און אויך אייניקע קינדער.

דורך אַ שפּאַרע אין דער וואַנט האָבן מיר געזען ווי דאָס געטאָ ברענט. טויטע וואַלגערן זיך אין גאַס. דער ווינט האָט די ברענענדיקע שייטן געטראָגן איבער דער שטאָט. אין אייניקע ערטער זענען אויסגעבראָכן שריפות. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ מוראַדיקער קאַל. ס'איז מיר לייכטער געוואָרן. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז אַ ברענענדיקע האָלצוועשקע איז געפאַלן אויפן אָנגעגרייטן דינאַמיט אונטער קושעס פאַבריק. דער אויפרייס האָט אָפּגעווישט די פאַבריק און אויך פאַרכאַפּט אַ שטיק פון דער רויטער מויער וואו עס איז געווען די קאָמענדאַנטור.

— הייסט עס, מיין אַרבעט איז ניט געווען אומזיסט...

פינף מעת־לעתן זענען מיר אָפּגעלעגן אין קעלער. ביינאַכט האָב איך זיך געפּרוווט אַרויסגראַבלען אויף אַלע פיר, אָנצושעפּן אַ ביסל רעגן־וואַסער. מיר האָבן באַשלאָסן ביינאַכט צו פאַרלאָזן דעם קעלער און יעדער זאָל גיין זיין וועג. די קינדער זענען געווען ניעסוויזשער און האָבן געוואוסט דעם וועג צום וואַלד. מיט מיין ברודער זענען מיר אַוועק צו דער קריסטין, וואו מיר האָבן פריער געוואוינט, אויף סאַדאָווע גאַס. זי האָט אונדז באַהאַלטן. פון איר זענען מיר געוואָער געוואָרן, אַז סאָסנאָוויטש דער שלאָסער האָט דערהרגעט יאַנקל שאַבעסן מיט אַ שטעקן ביי אים אויפן הויף. דער לאָדזשער צאָן־טעכניק, וואָס האָט געאַרבעט ביי באָמשטיינען און האָט חתונה געהאַט מיט ריווטשע הימלשטיין, איז לויפנדיק פון געטאָ, אַריינגעפאַלן צו לאַסיאַקן, דעם טשעשליער אויפן הויף. ביינאַכט האָט אים לאַסיאַק דערהרגעט מיט אַ האַק — ער האָט געזוכט ביים טויטן ייד גאָלד.

האָבנדיק אַזעלכע „פיינע״ שכנים, איז אונדז אוממעגלעך געווען לענגער צו פאַרבלייבן ביי דער קריסטין. זענען מיר אַרויף אויף די בוידימער, וואָס ציען זיך איבער אַבע קויפמאַנס מויערן. דאָרט האָבן מיר געטראָפן רייע באַמשטיין. אויב מען האָט צענומען די האָלץ־ווענט צווישן איין בוידעם און צווייטן, האָט מען זיך דאָ געקענט ווי ניט איז אויסבאַהאַלטן אַ לענגערע צייט, וואָרום קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט אַז יידן לעבן נאָך.

צום שלימזל האָט זונטיק אין דער פרי, אויף איינעם פון די בוי־דימער, זיך באַוויזן אוטקין, דער קאַלכער. אַ גוי, אַ שיכור. ס'איז פאַר אונדז קלאָר געווען, אַז ער וועט אונדז אַרויסגעבן דער פּאָליציי.

עס איז ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה ווי אַנטלויפן. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ביזן לעצטן פונקט, אויף לייבל קויפמאַנס הויף און פון דאַנען, פאַרביי דעם קאַשטשאָל, זיך געלאָזט לויפן אין דער ריכטונג פון די גלינישטשעס.

שוואַרץ, פאַרוואַקסן, אין צעריסענע בגדים, זענען מיר פאַר־בייגעלאָפן די קריסטן, וואָס זענען געגאַנגען פון קאַשטשיאָל. פון איבעראַשונג האָבן זיי זיך געצײלעמט:

— פון וואַנען נעמען זיך די יידן, זענען זיי צוריק לעבעדיק גע־וואָרן? זיי זעען דאָך אויס ווי אָפּגעסמאַליעטע טייוואָלאַנים...

קיינער פון זיי האָט אונדז ניט געפּרווּוט צו פאַרהאַלטן...

אונדז איז געלונגען צו פאַרשווינדן, כאָטש פּאָליציי האָט אונדז נאָכגעיאָגט. אפילו די שפּיר־מינט האָבן פאַרלוירן אונדזער סליאַד איבער די זאַיעזשעזשער בלאָטעס.

אָט אין די געציילטע מינוטן, לויפנדיק זונטיק אין דער פרי אי־בער די ניעסוויזשער גאַסן, און פילנדיק דירעקט הינטער אונדז די ווייס־רוסישע „סאַמאָכאָוואָ״־פּאָליציי, בין איך גרוי געוואָרן...

מיר זענען אַוועק אין וואַלד און געוואָרן פּאַרטיזאַנער...

* * *

ער האָט ווידער פאַררויכערט און אָפּגעזיפצט.

— יאָ, נאָך דעם בין איז צוריקגעקומען קיין ניעסוויזש. דער קריג האָט זיך נאָך ניט געהאַט געענדיקט. ס׳איז אָבער צייט געווען צו מאַכן דעם חשבון. מיט לאָסיאַקן האָבן מיר זיך צערעכנט, אויך מיט אוטקינען...

דער טאָג האָט געהאַלטן ביים פאַרגיין. דאָס קינד האָט פאַרלוירן די האָפענונג אַרויסצוקריגן זיין טאַטן אויפן גרין־באַגראָזטן הויף צום שפּילן זיך און איז אַליין אַוועק. נעבן אים איז אַצינד געזעסן זיין מאַמע, אַ יונגע, שלאַנקע פרוי, מיט פעך־שוואַרצע האָר ווי דאָס קינד. שמעון מילשטיין האָט געקוקט אויף זיי מיט ליבשאַפט. צי האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַז דער גערעַנגל פאַרן לעבן איז ניט געווען אומזיסט?...

M. AJZENBUD

NIESVISHER YIDN

(NIESVIESH'S JEWS)

SHORT STORIES

Melbourne, Australia, 1965